STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00044

LIDER UN POEMEN

Hayyim Nahman Bialik

Permanent preservation of this book was made possible
by Seymour Edelberg
in loving memory of
my parents, Rose & Harry Edelberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים נחמן ביאַליק

לידער און פּאָעמען

א. זיינע אָריגינעל-געשריבענע אין אידיש
ב. איבערגעזעצטע פון העברעאיש דורך

י. י. שוואַרץ

מיט ח. נ. ביאַליקס אויטאָביאָגראַפיע
און איינלייטונג פון **ש. ניגער**

אַרויסגעגעבן פון אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד
דיסטריקט 6 —:— —:— מישיגען — אָהייאָ

Copyright, 1935
by I. J. SCHWARTZ
New York, N. Y.

געזעצט פון פאָזי־שאולזאָן פרעס,
19 וועסט 21טע סטריט, נויאָרק,
אין „פראַנק־ריל" שריפט, וואָס
איז ספּעציעל געשניטן געוואָרן
פאַר דעם בוך. / / /
געדרוקט פון אָריאָם פרעס,
19 וועסט 21טע סטריט, נויאָרק.

234

חיים נחמן ביאַליק
תרל"ג — תרצ"ד

אַרײַנפֿיר

אין דער דאָזיקער זאַמלונג פֿון חיים נחמן ביאַליקס „לידער און פּאָעמען" אין אידיש, געפֿינט זיך כמעט אַלץ וואָס איז אַרויס פֿונם דיכטערס פּעדער אין דער פֿאָרמע פֿון ליד. די רײַפֿסטע און כאַראַקטעריסטישסטע לידער ביאַליקס, אַלע זײַנע גרעסערע פּאָעמען, אָן אַן אויסנאָם, גייען אַרײַן אין דער איצטיקער זאַמלונג. עס זײַנען אויסגעבליבן, לפּי שעה, פֿון דער אידישער איבערזעצונג אומגעפֿער דרײַ צענדליק קלענערע לידער, וואָס די מערסטע פֿון זיי געהערן צום ערשטן, נאָך ניט אײַנגאַנצן רײַפֿן, פּעריאָד פֿון ביאַליקס שאַפֿן. מעגלעך, אַז איך וועל נאָך צו זיי זיך אומקערן און אויך זיי אַרײַנברענגען אין אידיש, ווי עס איז מעגלעך, איך זאָל נאָך געבן ביאַליקס אַ באַנד פּראָזע: זײַנע דערציילונגען און עסייען.

ווען איך האָב זיך פֿאַרנומען אַרויסצוגעבן אַ אידישן ביאַליק — האָב איך געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אָן די פּאָר צענדליק לידער, וואָס דער דיכטער האָט אַליין געשריבן אָריגינעל אין אידיש, וועט דאָס בוך ניט האָבן די געהעריגע שלימות. אַרויסגעבן זײַנע לידער אין אידיש אָן זײַן „שחיטה־שטאָט", „דאָס לעצטע וואָרט", „אַ פֿריילעכס", „מײַן גאָרטן", א. אַ. וו. וואָלט געווען אַ האַלבע אַרבעט. עס וואָלט געווען, אַזוי צו זאָגן, אין דער בחינה פֿון „עיקר חסר מן הספר". איך האָב דעריבער זיך געווענדעט צו פֿרוי מאַניאַ ביאַליק, און זי האָט געגעבן איר הסכמה אײַנצושליסן זײַנע אָריגינעל־אידישע לידער אין מײַן זאַמלונג. זי פֿאַרדינט אַן אויפֿריכטיקן דאַנק ניט נאָר פֿון מיר, דעם איבערזעצער, נאָר אויך פֿון יעדן אידיש־לייענער, וואָס זי האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו האָבן פֿאַר זיך כמעט אַ פֿולשטענדיקן ביאַליק אין אידיש.

אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג, צום סוף בוך, געפֿינען זיך די לידער וואָס זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן פֿון אַנדערע פּאָעטן. איך דריק דאָ אויס מײַן דאַנק צו די חברים: א. ליעסין, אברהם רייזען, מאַני לייב, ש. גינזבורג, א. ש. שוואַרץ

און ז. שניאור פאַר דער דערלויבניש אַריינצונעמען זייערע אַרבעטן. זיי זיינען פאַרטראַטן װער מיט איינציגע און װער מיט מערערע לידער־איבערזעצונגען. די „פאָלקס־לידער" זיינען איבערגעזעצט פון י. מה־יפות און אויטאָריזירט געװאָרן פונם פּאָעט גופא אין זיין אידישער לידער־זאַמלונג, געדרוקט ביים „כלל־פאַרלאַג", בערלין, 1922. מה־יפות איז אַן אומבאַקאַנטער נאָמען אין אונזער ליטעראַטור, נאָר אַלע סימנים ציי־גן, אַז ביאַליק אַליין האָט אַ גרויסן חלק אין דער אידישער באַאַרבעטונג פון די „פאָלקס־לידער". דעריבער האָב איך נישט געפונען פאַר נויטיג, זיי איבערצוזעצן פונדאָסניי, נאָר דאָ און דאָרט, האָב איך זיך דערלויבט, אַראָפּצונעמען אָדער צוצושטעלן אַ װאָרט.

אַ האַרציגן דאַנק אויך דעם ליטעראַטור קריטיקער און חבר ש. ניגער פאַר זיין ברייטער אָפּהאַנדלונג װעגן ח. נ. ביאַליקס שאַפן.

צולעצט װיל איך באַדאַנקען דעם ליבן חבר י. זעמל פון קליװלאַנד, װי אויך אַלע חברים פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, דיסטריקט 6, פאַר זייער איניציאַטיװ און הילף דעם בוך אַרויסצוגעבן.

*

דאָס דערשיינען פון בוך פאַלט אויס צו ביאַליקס ערשטן יאָרצייט. צוזאַמען מיטן געפיל פון פרייד, װאָס אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן אַרויסצוברענגען ביאַליקס לידער אין אידיש — פאַרנעמט מיך אַ געפיל פון טיפן טרויער אויף דעם פריצייטיגן טויט פון גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער; אויף דעם יעניגן װאָס האָט דורכן משך פון איבער פערציג יאָר אַזויפיל באַרייכערט און באַפרוכפּערט אונזער ליטעראַטור און געדאַנק, און װעמעס השפעה אויפן אידישן לעבן איז ניט אָפּצושאַצן; אויף דער גרויסער ליכטיגער פּערזענלעכקייט װאָס האָט צו פרי זיך אויסגעלאָשן, אויפן פּאָעט און לערער חיים נחמן ביאַליק.

י. י. שװאַרץ

24טן יוני, 1935

חיים נחמן ביאַליק

פון ש. ניגער

א. אַ מאַכט אין אידישן לעבן

ח. נ. ביאַליק׳ס פּאָעזיע האָט, אין אירע העכערע מדרגות, אַ אוניווערסאַלן זין, — און דאָס האָט נישט פאַרמינערט, נאָר פאַרקערט, גרעסער געמאַכט זיין ווירקונג און זיין מאַכט אין דעם אידישן לעבן.

ער האָט געהאַט אַ ווירקונג און אַ מאַכט, ווי קיין אַנדער אידישער דיכטער. פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? פון דער טיפעניש פון זיינע שאַפונגס־קוואַלן? ווערן מיר, אידן, אַזוי נתפּעל פון שאַפונג, פון פּאָעזיע? הערן מיר זיך אַזוי צו צו די רייד פון אונזערע דיכטער?

אַ נס האָט געמוזט געשען, כדי אַ פּאָעט זאָל פאַרנעמען ביי אונז יענעם הויכן אָרט וועלכן ביאַליק האָט ביי אונז פאַרנומען. דער נס איז נישט אומזיסט געשען.

ביאַליק האָט אונז געבראַכט די שליסלען צו פאַרבאָרגענע אוצרות. ער האָט זייערע „זיבן זונען" אויף אונזערע הימלען אָנגעצונדן. אָבער נישט דערמיט אליין האָט ער זוכה געווען צו האָבן אַזאַ נישט־געוויינטלאַכע ווירקונג.

ער איז געווען די אָפענע וואונד פון אונזער געוויסן. דורך זיין מויל האָבן מיר זיך אליין געוואָרנט, געשטראָפט, געלייטערט. ער איז געווען אונזער זעלבסטבאַוואוסטזיין, אונזער ביטערקייט, אונזער כעס אויף זיך אליין. ער איז געווען אונזער רצון צו זיין גרעסער, שטאַרקער, שענער, ווי מיר זיינען. אַנדערש וואָלט מען נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן אידן פאַרטראָגן זיין „בעיר ההרגה" (אין שחיטה־שטאָדט) ווי אַזוי האָבן מיר געקענט אָננעמען פאַר ליב דאָס זאַלץ, וואָס ער האָט אונז געשאָטן אויף די פרישע, נאָך בלוטנדיגע וואונדן. אַזאַ גרויס אומגליק איז געשען — דער קישינעווער פּאָגראָם —

און אָנשטאָט אונז צו טרייסטן, האָט דער דיכטער זיך „אויסגעשמידט א הארץ פון שטאָל און אייזן," און פאר'מסר'ט אונז פאר זיך אליין, פארוואָס מיר זיינען „אנטלאָפן ווי די מייז, באהאלטן זיך ווי וואנצן, און ווי די הינט געשטאָרבן..." מיר האָבן געוואַרט אימיצער זאָל קומען אונז מנחם־אבל זיין — איז ער געקומען מיט פארקריצטע ציין, מיט שטראָף און שפּאָט, מיט קללות און חרמות. — ווי האָט ער עס געוואַגט? און ווי אזוי איז עס מעגליך געווען, אז מיר זאָלן זיך ניט פילן באליידיגט, פארשעמט, דערנידעריגט?

נאָר איין תירוץ איז דאָ: מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אז מיר אליין האָבן זיך עס פון הארצן אַראָפּגערעדט. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, דאָס האָט אונזער שטאָלץ זיך אָנגעצונדן אין געשטאַלט פון אונזער דיכטער, אז דאָס האָט אונזער פארבאָרגענער ווילן זיך אנטפּלעקט אין אים — און אין דעם בילד פון אונזער געפאַלנקייט האָבן מיר דערפילט דעם כח וואָס מיר טוען זיך אָן אויפצושטיין. אין דער אָנמעכטיקייט, וועלכע האָט זיך אזוי ביטער אויסגעלאַכט, האָבן מיר דערשפּירט די נייע כחות, וועלכע האָבן זיך אין אונז אָנגעהויבן צו זאמלען...

באַלד נאָך קישינעוו, וואו „אין יעדער לאָך צו דריי מנינים האָבן אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבאהאַלטן, און גרויס געמאַכט צווישן מיסט מיין נאָמען" — איז געקומען דער הערואישער אידישער זעלבסטשוץ פון האָמל, און פון אנדערע אידישע שטעדט. און פאר דעם קישינעווער פּאָגראָם — האָבן מיר דען נישט געהאַט קיין העלדן, קיין שטאָלצע מענשן? דערפאר האָבן מיר זיך ניט דערשראָקן פארן פּאָעט'ס קללות, פארקערט, מיר זיינען געשטאַרקט געוואָרן דערפון, וואָס מיר האָבן געהאַט גענוג מוט, גענוג מאָראַ־לישע קראַפט צו פייניגן, צו שטראָפן און צו באַשטראָפן זיך אליין, ווי נאָר עס האָט אונז געדרוקט א רגע, אז מיר זיינען א פאַלק, וואָס „אַש און רויך איז זיין נשמה, און א מדבר, א וויסטער מדבר, איז זיין הארץ געוואָרן."

מיר האָבן דערפילט אונזער מאָראַלישע „פויסט" אין ביאַליק'ס פראַגע: א פויסט וואו איז? — „אָט איז זי!" איז געווען דער אָפּקלאַנג פון דער פראַגע אין דער אידישער יוגנט. מיר האָבן דערהערט א גרויסן מעכטיגן דונער, זיך קייקלען איבער אונזערע נשמה־הימלען, ווען אין אונזערע אויערן האָט אָפּגעקלונגען דער דראָענדיגער אויסגעשריי: „וואו איז א גרויסער דונער, וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאר אַלע דורות און איינליינגן די וועלט, צערייסן הימלען, מיין שטול, מיין כסא־כבוד, איבערקערן!" אָט די פראַגע, האָבן מיר געפילט, איז שוין דער אָנזאָג — ניין, דעם אָנקום פון דונער, פונם

געוויטער, דורך וועלכן מיר וועלן זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות, און איינלייגן וועלטן!

ביאַליקס „צער און צאָרן״ איז געווען אונזער אייגענע העכערע מדרגה, איז געווען אונזער מאַכן זיך אַליין פאַר אַ טרעפּ צו טרעטן אויף איר און צו הויבן זיך העכער... אַט פאַרוואָס ער איז אונז געווען אַזוי נאָענט, אַט פאַרוואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין דער פּאָעט פון זיין דור, פון זיין פאָלק — דער נאַציאָנאַלער פּאָעט.

אָבער ניט נאָר אַ דאַנק דעם אַליין איז ער געוואָרן אַ מאַכט אין אונזער לעבן, — אַ פּאָעט, וואָס יעדער אַרויסטריט זיינער איז געווען אַ געשעעניש, אַ מענש, וואָס צו זיין וואָרט האָבן זיך פריינט און אומפריינט צוגעהערט.

ער איז געקומען אין אַ צייט, ווען נייע, גאָלדענע בריקן האָבן זיך געבויט איבערן תהום, וואָס איז געלעגן צווישן אונזער פאַרגאַנגענהייט און אונזער צוקונפט. עס האָט געמוזט קומען אַ קראַפט וואָס זאָל זיך שטעלן אין מיטן, צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט; אַ קראַפט, וואָס זאָל זיי פאַר־בינדן, זיי אויפלעבן איינע פאַר דער אַנדערער. עס האָבן אין אונזער קולטור־טראַדיציע געמוזט אויפגעזוכט ווערן די צוקונפט־קערנדלעך, און פאַרקערט: אונזער צוקונפט האָט זיך צוריק געמוזט אָנהויבן בויען אויף פונדאַמענטן פון נאַציאָנאַלער ירושה.

די דאָזיגע גרויסע אויפגאַבע האָט גענומען אויף זיך די העברעאיש־אידישע ליטעראַטור מיט דרייסיג־פערציג יאָר צוריק: מענדעלע (אין זיינע לעצטע ווערק) פּרץ און שלום־עליכם (אין דעם שאַפן פון זייערע מיטעלע יאָרן) אחד־העם און איינינע אַנדערע, האָבן געהאָלפן בויען דעם בריק צווישן אַמאָל און שפּעטער, טראַדיציע און אויפלעבונג. און צווישן אַט די גרויסע בויערס האָט זיך באַוויזן ביאַליק. און עס איז געווען אַ גליק, וואָס ער האָט זיך באַוויזן ער האָט געהאַט נאָר אַ באַזונדער טאַלאַנט, אַ באַזונדער כח, צו מאַכן די טראַדיציע צוקונפטס־פּיאיג, און אָנצופילן די אַרבעט פאַר דער צוקונפט מיט זאַפט פון ירושה.

שוין דער עצם אינסטרומענט פון זיין שאַפן — זיין העברעאיש, ווי אויך זיין אידיש — איז געווען, פון איין זייט, פול מיט געבענשטע עכאָס פון פריער־דיגע דורות, און פון דער אַנדער זייט, — מיט פרישקייט און בויגעוודיקייט פון יוגנט.

אפילו מענדעלע און אחד־העם — די גרויסע מייסטערס פון דער העברע־אישער שפּראַך — האָבן נישט געקענט זיך פאַרגלייכן מיט אים אין דער

מאכט, וואָס ער האָט געהאַט איבער אירע פאַרבאָרגענע אוצרות, אין דעם כשוף מיט וועלכן ער האָט זיי אויפגעדעקט, אין דעם וואונדערלעכן כח, מיט וועלכן ער האָט זיי אָפּגעפרישט. יעדע נייע מטבע וואָס ביאַליק האָט אויס־געגאָסן פון דעם העברעאישן אָדער אידישן שפראַך־מעטאַל, האָט געהאַט אויף איין זייט די חשיבות און די פּילפּאַכע דערפאַרנקייט פון עלטער, און אויף דער אַנדער זייט — די וואוקס־קראַפט פון אַ ניי־געבוירן קינד.

ביאַליקס שפּראַכליכע גאונות — די גאונות פון איינעם, וואָס איז צו גלייכער צייט אי דער אַפּהיטער, אי דער פאַרמערער פון ירושות — האָט אים שטאַרק געהאָלפן אויסצופירן זיין שליחות, די שליחות פון אַ שעפע־רישער פאַרמיטלונג צווישן אַלטע און נייע דורות. מער נאָך האָבן אים גע־האָלפן דאָס אויסצופירן די טיפע וואָרצלען און די ברייטע צווייגן פון זיין קולטור־פאַרמעגן. וואָרים, אויב קולטור, איז וויסן וואָס איז ביז אַהער געטאָן געוואָרן, פאַראייניגט מיט וויסן וואָס צו טאָן איצט — איז שווער צו געפינען ביי אונז נאָך איינעם, וואָס זאָל האָבן פאַרמאָגט אַזאַ טיף־פאַרוואָרצלטע און ברייט־פאַרצווייגטע אַלט־אידישע קולטור.

איינציגע מענטשן, די יחידי־סגולה, האָבן געשעצט און געליבט אויך דעם יחיד אין ביאַליקן. דעם יחיד, און דעם צער און די איינזאַמקייט פון יחיד. פאַר זיי איז אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג די שטילקייט, אין וועלכער אַזוי פיל לידער ביאַליק'ס האָבן זיי אַריינגע'כשוף'ט, די שטילקייט פון „הברכה", די שטומקייט פון „רזי־לילה", דאָס בלייבן אַליין (לבדי) ווען אַלעמען האָט דער ווינט פאַרטראָגן, און דאָס ליכט פאַרפלייצט. איינציגע לייענער וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיינע ריינלירישע שאַפונגען, זיין וואונדערלכער איך־פּאָעזיע. אָבער ניט זי האָט אים געגעבן דעם אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען, און וואָס קיין אַנדערער קען נישט פאַרנעמען אין אונזער ליטעראַטור, אין אונזער גאַנצן גייסטיגן לעבן. דעם דאָזיגן אָרט האָט ער פאַרנומען דערמיט, וואָס ער איז געווען דער העכערער אויסדרוק פון דעם פאָלק'ס איך; דערמיט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך דעם פאָלק'ס וויסן, און פאַרקערפּערט מיט זיך זיין געוויסן; דערמיט, וואָס דעם פאָלקס וויסן און געוויסן האָבן זיך ביי אים צענויפגעגאָסן מיטן וויסן און געוויסן פון דער וועלט.

ב. שטורעם און שטילקייט

מען טיילט געוויינלעך איין ביאַליק'ס לידער אין: א נאַציאָנאַלע און ב) אינדיווידועלע. דאָס איז אַ קינסטלעכע איינטיילונג. ביאַליק'ס נאַציאָנאַלע

מאַטיוון זיינען טיפע פערזענלעכע איבערלעבונגען, און פון דער אַנדער זייט, איז ער נאַציאָנאַל, ווען ער דריקט אויס אינדיווידועלע שטימונגען. אויב שוין יאָ ריידן וועגן צוויי באַזונדערע ביאַליקס, וואָלט מען גדאַרפט אָנווייזן אויף ביאַליק'ן, דעם פּאָעט פון שטורמישקייט, און דעם שטילן ביאַליק'ן. אַזעלכע צוויי באַזונדערע געמיטסצושטאַנדן האָט ער אַליין אין זיך געפילט, און נאָך אין יאָר 1903, ווען ער איז געווען ערשט דרייסיג יאָר אַלט, האָט ער אין אַ קורצער אויטאָביאָגראַפיע, אָנגעוויזן אויף אָט די צוויי פאַרשיידענע מאָמענטן: פון איין זייט, האָט ער איבערגעלעבט אַזעלכע ציימן ווען ער איז „געווען ווי די קליינע סאַזשלקע וואָס איז באַהאַלטן אין די טיפענישן פון וואַלד, אין וועלכע די גאַנצע וועלט שפּיגלט זיך אָפּ שטילערהייט," און, פון דער אַנדער זייט, שטיפערישע מאָמענטן, ווען ער פלעגט „אויפברויזן, ווי אַ שטאַרקער שטראָמעדיגער טייך", ווען זיין „שטיפערישער געמיט האָט נישט געוואוסט קיין אָפּהאַלט און קיין צוים און קיין ברעג"...

אפשר האָט עס אַ שייכות מיט די צוויי באַזונדערע ירושות — איינע פון זיין פאָטערס, און די צווייטע, — פון זיין מוטערס צד. אין אַ געשפּרעך מיטן מאָלער ח. גליקסבערג רעדט ער וועגן זיך: „מיין פאָטער איז געווען אַ שטילער און אַ האַרציגער מענטש, הגם ער האָט זיך אַ סך אָנגעליטן, מיין מוטער איז געווען אַ פאַרביטערטע, און האָט זיך ליב געהאַט צו קאָכן — און אָט דיביידע כאַראַקטער־שטריכן האָב איך אַליין אויך"... ער איז געווען — אַמאָל שטיל און צאַרט, און אַמאָל, שטורעמדיג, בייז און ביטער. זייער קלאָר האָט די דאָזיגע טאָפּלטקייט ביאַליקס אויסגעדריקט יעקב כהן אין זיין ליד „הר־השרפה" (וואולקאַן), געשריבן צו ביאַליק'ס זעכציג יעריגן יובילייו: אָט גיט אַ ציטער די ערד, געדיכטע כמאַרעס רויך שלינגען איין דעם הימל, און — אויפרייס נאָך אויפרייס! בליצן־שלאַנגען, פייער־פלאַמען, דונערדיגער צאָרן, הייסע, זודיגע לאַווע פאַרפלייצט די וועלט אַרום. און באַלד — שאַ, שטיל, אויס שטורעם. די זון שיינט, און ביים באַרג צופוסנס רייסן קינדער בלומען... אָבער זייט ניט אַזוי רואיג... ווער ווייס, וואָס ס'טוט זיך אין דעם באַרג'ס אינגעווייד? באַלד וועט ער ווידער אָנהייבן דונערן און בליצן, און פאַרגיסן אַלץ אַרום מיט פייערדיגע שטראָמען לאַווע...

ביאַליק איז אָפּט און שנעל איבערגעגאַנגען פון שטילקייט צו שטורעם, פון קינדער־שפּיל און קינדער־צאַרטקייט צו דונערן און בליצן און פלאַמפייער־דיגן צאָרן.

עס איז נישט געווען איין ביאַליק, עס זיינען געווען עטלעכע ביאַליק'ס.

...און איך קוק אהין צום שטערן
ווי עס ווערט די וועלט אנטשוויגן;
מיין וועלט, ווייס איך, איז נאָר איינע —
כיפּיל זי אין מיין האַרצן ליגן. —

נישט איין וועלט, נאָר די וועלטן, האָט ער געדאַרפט זאָגן. אין זיין העכערער מדרגה איז אַ דיכטער — און אויך דער דיכטער ביאַליק — ניט וועלט, נאָר וועלטן, גרויסע, און אומענדלעכע פאַרשיידענע וועלטן. נעכטן איז ער געווען אין איינער, היינט אין אַן אַנדערער, מאָרגן וועט ער ווידער זיין אין אַן אַנדערער, און אויך אין יענער וועט ער נישט בלייבן. ער איז אַן אייביגער וואַנדערער. אַלע צילן זיינען זיינע — און אַלע וועגן.

ניט ער וויל אַלץ צוביסלאַך: ניין, אים איז פרעמד די פלאַכע אַלזייטיקייט פון דילעטאַנט. זיין דורשט איז: אַלץ. ניט אַלץ פאַרזוכן אויפן שפּיץ מעסער — נאָר אויסטרינקען, אויסליידיגן יעדן בעכער ביזן דעק. ער איז אַלע מאָל אַן אַנדערער, אָבער וואָס ער איז, אין יעדן צייטפּונקט איז ער עס אינגאַנצן, ביזן מינדסטן ציטער פון זיין נשמה. וואוהין ער גייט, גייט ער ביזן סוף, דערגייט ביזן וויטסטן פּונקט, ביזן לעצטן ציל.

אָבער ער גייט נים אויף איין וועג. ער זוכט ניט נאָר איין שטערן. ער איז, ווי דאָס גאַנצע באַשאַף, איינער און אַ סך. ער איז, ווי די נאַטור, אייביג, און, ווי זי — בייט ער זיך אייביג. היינט וויקלט ער זיך אין וואָלקנס און טונקלקייטן, נאַכט און פינסטערע אָפּגרונטן אַרום און אַרום. מאָרגן לייכט זיין געזיכט, און ער גייט אויף, ווי אַ זון, אויף די שפּיצן בערג. פון זיין צאָרן צינדן זיך הימלען אָן, און עס ציטערן די גרונטן פון דער ערד, אָבער, אַז עס קומט די שעה פון צאַרטקייט — קען קיינער ניט זיין אַזוי צוגעלאָזן, ווי ער. אַז ער וויינט, וויינט די גאַנצע וועלט מיט אים — שפּילט ער אַ פריילעכס, טאַנצן שטערן און מזלות... ער ווייזט, ווי דער ים, זיין מאַכט אין שטורעם און אין שטילקייט: זעען מיר אים ווען ער איז שטיל, דוכט זיך אונז, אַז אין אים איז גאָרנישט ניטאָ, אַחוץ שטילקייט; איז ער אויפגערודערט, האָבן זיך אין אים צעשפּילט און צעשטורעמט די געבליטן — איז ער דער שר פון שטורעם.

דערפון נעמען זיך די פאַרשיידענע מיינונגען וואָס מיר האָבן וועגן קינסטלער פון אָט־דער הויכער מדרגה. ניט נאָר מיר זיינען פאַרשיידן, און

יעדער איינער קוקט אויפן דיכטער מיט זיין באַזונדער אויג, זעט אים בײַ זיין אייגענער באַלײַכטונג, נאָר — און דאָס איז פיל וויכטיגער — דער דיכטער אַליין איז פילגעשטאַלטיג, און יעדער זעט די געשטאַלט פון דיכטער וואָס איז אים צום נאָנטסטן. צייגט אַ פיין־געשליפענעם דימענט פאַר אַ רעדל־מענטש, וועלן איינע אָנרופן אַזעלכע, און די צווייטע — גאָר אַנדערע קאָלירן.

אַזוי איז עס אויך מיט אונזער דיכטער־באַוואונדערונג. דער פּאָעט שאַפט יעדעס מאָל איבער די וועלט אין זיין פורעם און נאָך זיין געשטאַלט נאָך; אַזוי שאַפט יעדער איינער פון אונז דעם פּאָעט לויט דעם פורעם און געשטאַלט וואָס אין זיי האָט ער זיך צו אונז אַנטפּלעקט. איינער האָט צום קלאָרסטן פאַרנומען ביאַליק'ס געשריי, ווען ער האָט, אינאיינעם מיט שטיקער הארץ, פון זיך די „שירי־זעם" ארויסגעריסן — איז ער פאַר אים דער פּאָעט פון צער און צאָרן; אַן אַנדערן האָט זיין געזיכט אויפגעלויכטן אין לידער פון ליכט — איז ער פאַר אים „דער זוניגער"; אַ דריטן האָט דורכגענומען זיינס אַ ליד פון פאַרצווייפלונג, איז ער פאַר אים געוואָרן דער זינגער פון חורבן, דער „נביא־האחרית"; אַ פערטער האָט אויף זיין קאָפּ געזען די קרוין פון „תחיה" — האָט ער פאַר אים קיין אַנדער נאָמען ניט, ווי „משורר התחיה"...

ווייזט עס, אַז מיר האָבן נישט געזען דעם דיכטערס־אמת'ן פּנים, און אַז מיר קענען אים נישט? — ניין, מיר האָבן געזען זיין געזיכט, און גוט געזען, נאָר יעדער — פון אַ באַזונדער זייט, אין אַ באַזונדער מאָמענט. דערפאַר זיינען פאַרשיידן די בילדער. און ווען איינער רופט אים אָן „נאַציאָנאַלער דיכטער", און אַן אַנדערער — „איך־דיכטער", לייקענען זיי נישט אָפּ איינער דעם אַנדערן. זיי זיינען ביידע גערעכט — אלו ואלו דברי אלהים חיים.

געוויס מוזן מיר זוכן — און אינסטינקטיוו זוכן מיר אַלע — הינטער די פיל בילדער און געשטאַלטן, פּנים'ער און מאַסקעס וואָס דער דיכטער האָט, — דעם איינציקן קוואַל פון זייער אַלעמענס עקזיסטענץ, די נשמה וואָס באַלעבט זיי, דעם איך וואָס מאַכט אַן איינהייט פון זיי. אָבער דער וועג צו אָט־דער איינהייט איז די פילהייט. אַ דיכטער איז אַ אומבאַשטימטע צאָל קרייזן מיט איין צענטער. האָבן מיר אַ געניטעם באַגריף פון די ראַדיוסן, קענען מיר אי דעם מיטלפּונקט, אי די פאַרשיידענע, גרעסערע און קלענערע, קרייז־ליניעס, וואָס ער האָט. אַלע דיכטערישע אויסשטראַלונגען פון ביאַליק'ס פינטעלע איך איז אונמעגלאַך ארומצונעמען מיט איין בליק און פאַר איינמאָל. וועל איך

זיך אָפּשטעלן נאָר אויף צוויי, די צוויי וואָס איך האָב פריער שוין דערמאָנט: א) דער שטילער ביאַליק, און ב) דער שטורמישער ביאַליק.

אָט די צוויי סתירות׳דיגע וועלטן זיינע, די שטילע וועלט און די אויפגעברויזטע, זעען מיר אין אַלע גרעסערע ציקלען פון זיינע לידער: אין די נאַטור־לידער, אין די ליבע־לידער, אין די נאַציאָנאַלע שירים און אין די איךמאָטיוון, אין דעם העברעאישן און אין דעם אידישן טייל פון זיין פּאָעזיע... אין יעדער ספערע און אין יעדן כמעט פּעריאָד פון זיין שאַפן, הערן מיר אים שרייענדיג ווי א לייב, און זעען אים שטיל, ווי א שעפעלע.

קעגן הימל אויסגעשטרעקטע צאָרנדיגע פויסטן, — און לעפצן, וואָס שעפטשען שטיל א תפלה; פלאַמיגער אויסגעשריי פון נביאות — און קינדישע שפּילעוודיגקייט פון פאָלקסליד; שוימיגע פרייד, — און תהומיגער טרויער; הילכיגסטער פּאַטאָס — און רואיגסטע אידיליע.

ג. פּאָעזיע פון שטילקייט

איך קען א וואַלד, און אין דעם וואַלד
איז מיר באַקענט אַ צוועהידיגע סאָזשלקע;
אין דער געדיכטעניש, ווייט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט
אין שאָטן פון אַ הויכן דעמב,
פון זון געבענשט, אין שטורם אויסגעפּרופט —
דאָרט חלומט זי דעם חלום פון אַן אומגעקערטער וועלט,
טוט פישן שטיל די גאָלדנע פישלאָך אירע —
און קיינער ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך אין איר האַרצן.

(„די סאָזשלקע")

דער הויכער בוים, מיט ליכט באַגאָסן און געוואוינט צו שטורעם־ווינטן, האָט פאַרשאָטנט און פאַרשטעלט דעם שטילן חלום, די גאָלדענע פישעלאָך פון דער „ברכה", און קיינער ווייס ניט, וואָס ביי איר אין האַרצן איז. קיינער, אחוץ דעם דיכטער, קען ניט איר שטילע שטאָלץ, איר שטאָלצע שטילקייט. מען זעט דעם וואַלד. מען ווייס ניט, אַז זי איז דער סוד פון וואַלד, אַז זי איז זיין זון, זיין לבנה־ליכט, זיין שטורעם, זיין שטילקייט, זיין פאַרכשופ׳טע בת־מלכה... מען זעט דעם וואַלד. דעם וואַלד׳ס נשמה, דעם וואַלד׳ס אוצר, די סאָזשלקע, די „ברכה" — זעט מען ניט. מען זעט דעם דיכטער פון צער און צאָרן, דעם נביא פון שטורעם, דעם פּאָעט פון בלענדנדיגער ליכטיגקייט

— און מען ווייס ניט, אז דאָס איז נאָר אַ טייל פון זיין לעבן, אז דאָס זיינען נאָר עטלעכע דימענטן און בריליאַנטן פון זיין אוצר, ניט דער אוצר אליין.

ביאַליק האָט אונז מיט אַ כיון געצייגט די „ברכה" (אזוי ווי ער וואָלט וועלן צייגן דערמיט זיך אליין) אין די פאַרשיידנסטע געשטאַלטן: גוט איז איר געשטאַלט אינדערפרי, ווען די זון גייט־אויף איבערן וואַלד; אָט איז זי — גאָר אַן אַנדערע, אַ וואונדערלעכע, אַ פאַרכישופטע — אין אַ לבנה־נאַכט אָט שיצט זי אין איר טיפעניש איר טרוים פון אַ שטורעם וואָס איז דעם וואַלד באַפאַלן; און אָט איז זי ווידער שטיל, הייליג־שטיל... „הברכה" איז געשריבן אין פרייע פערזן, און כמעט יעדער טייל אירער האָט זיך זיין באַזונדערן אינדיווידועלן ריטם... אָט ווערט אַ געוויטער: הייבן די פערזן אָן צו דונערן און בליצן מיט זייער קלאַנג און פאַרב, ניט נאָר מיט דעם לאָגישן זינען פון די ווערטער:

און פלוצים—בליצט דער בליץ! פלים־פלאַם! דער וואַלד ווערט בלאַס!
די וועלט — זי בלינצלט!
טראַד־טראַד! ס'האָט אויסגעפּלאַצט דער דונער, זיך צעשאָסן,
דער וואַלד האָט זיך צערירט — און אויפגעזאָסן!

ביאַליק ווייזט אונז אין „הברכה", וואָס אין אַ געוויסן זינען איז זי זיין גאַנצע פּאָעזיע אין מיניאַטור — אַז ער קען מאַכן אַ שטורעם אין פערזן, און אַז ער איז אַ מייסטער איבערצוגעבן אונז דעם שטאַרקסטן איינדרוק פון ליכטיגקייט — אָבער אין דער זעלבער פּאָעמע זעען מיר, אַז נישט קלענער, אויב נישט גרעסער נאָך זיין כח, ווען ער מאָלט שטילקייט און איר שוועסטער — טונקלקייט.

ס'איז דאָ אַ שטילע געטער־שפּראַך, אַ שטילער לשון,
וואָס האָט קיין קול און קלאַנגען ניט, בלויז פאַרבן און קאָלירן,
די שפּראַך האָט כשוף, זעאונגען און בילדער — —

אויף דעם שטילן לשון רעדט ביאַליק אָפט צו אונז — און נישט נאָר אין „הברכה", אויך אין אַנדערע פּאָעמען. ער האָט נאַכט־און־שטילקייט־לידער, וואָס אין אייניגע פּרטים שטייען זיי העכער, ווי זיינע ליכט־פּאָעמען און שטורעם־געזאַנגען. די נאַכט־און־שטילקייט לידער פאַרכאַפּן אונז ניט און פאַרשכורן אונז ניט, אזוי ווי די „שירי־זהר", די „ווינטער־לידער", אָדער די לידער פון „צער־און־צאַרן"; דערפאַר פאַרטומלען זיי אונז ניט אזוי ווי יענע.

זיי באַפאַלן אונז נישט, פאַרפּלייצן אונז נישט, ווי די כוואַליעס פון ים — זיי גיסן זיך אַריין אין אונזער באַוואוסטזיין טראָפּנווייז. זיי נעמען אונז נישט מיט דעם שטראָמיגן אימפּעט פון זייער אויסדרוק, זיי ווירקן אויף אונז מיט יעדן איינציקן פּרט, מיט יעדן וואָרט און קלאַנג. און עס דוכט זיך מיר אָפּט, אַז טונקלקייט זעט ביאַליק קלערער ווי ליכטיגקייט, און אַז ער הערט שטילקייט שאַרפער ווי שטורעם. אין ליכטיגקייט זעט ער נאָר איין פאַרב — די העלסטע; טונקלקייט ציינט ער אונז מיט אַלע אירע פיינסטע ניואַנסן. ווען ער זינגט וועגן דער זון, ווערן אַלע חושים זיינע בטל פאַרן געפיל פון התפּעלות, וואָס נעמט אים אָן. שילדערט ער די נאַכט איז ער פּינקטלאַך און געניי, און דער חוש־השמיעה איז דאַן ביי אים שאַרף, אַזוי ווי דער חוש־הראיה, וואָס מאַטערט זיך אַריינצודרינגען אין דער פינצטערניש וואָס אַרום.

אין די ליכט־לידער גיט ער אונז צו ווינציג און צופיל — צו ווינציג צוגלידערטע בילדלעכקייט, צופיל אומאַרטיקולירטן געפילס־אימפּעט. אין די שירי־זהר איז ער וואונדערלעכער וואָרטמייסטער, ניט קיין געשטאַלטן־שאַפער. אַנדערש איז ער אין די טונקלקייט־לידער. מיט וואָס פאַר אַ קינסטלערישער הנאה און מיט וואָס פאַר אַן אויסדרוקסקראַפט שילדערט ער אין „רזי־לילה" — כאָטש עס געהערט ניט צו די בעסטע לידער זיינע — אַלע פּיצעלעך און ברעקעלעך פון דעם גרויסן און גאַנצן איינדרוק, וואָס עס מאַכט אויף אים די נאַכט, ווען ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענסטער. וואו איז דאָ פאַראַן, אין פלוג, פלאַץ פאַר איבערגאַנגס־קאָלירן, פאַר ניואַנסן און האַלבע טענער? ליכט און פינסטערניש — זיינען עס דען נישט קיין פולשטענדיגע קאָנטראַסטן? און דער ערשטער איינדרוק, ווען פלוצים אַנטפּלעקט זיך פאַרן דיכטער דער „שר של לילה", איז טאַקע אַזאַ: „און ווייטער און העכער — נאָר נאַכט, נאַכט, נאַכט". אָבער תיכף ומיד דערזעט ער, ווי אין אָט דער אומבאַגרעניצטער און אומבאַוועגלעכער פינסטערניש

שווימען בילדער שטומע אין דעם תהום פון נאַכט,
אַ שאָטן אויף אַ שאָטן, און אַ שאָטן אין אַ שאָטן —

שוין נישט קיין אומדורכדרינגלעכע, איינגוסיגע, איינפאַרביגע, אָנפאַר־ביגע פינסטערניש, נאָר שאָטנס און געשטאַלטן. אויף אַ ווײַלע דערפילט ער באַלד ווידער אַמאָל די נאַכט אין איר אַבסאָלוטער בלינדקייט — „און אַזוי ווי די אויגן וואָלטן מיר אָפּגענומען, אַזוי ווי מען וואָלט מיר מיט אַ שאַרפער שווערער האַק דעם קאָפּ אַראָפּגענומען, אַזוי דעקט די שטאָק־פינסטערניש

צו אַלץ מיט איר קליידוּן לאָזט מיר גאָרנישט ניט זען. איך מערק אפילו ניט די שול, אָט דעם ריז, וואָס מיט זיין איינגעבויגן־הויכער געשטאַלט, פאַר־שטעלט ער די הייזער וואָס אַרום, אפילו די בוימער פון בית־עולם, דערקען איך אין דער פינסטער נאָר נאָך זייער גערויש נאָך"... אָבער ער הערט, אויב ער קען נישט זען. ער הערט די שאָטנס און געשטאַלטן פון דער נאַכט. זיין אויער איז שאַרף, ווי זיין אויג, און עס הויבט זיך אָן אַזאַ מין שטיל איינ־האָרכן זיך אין די שטומע נאַכטיגע סודות — שאָרכן, רירן, ציטערנישן, פלאַ־טערנישן, וואָס נאָר דער אויסערגעוויינליך פיינער אינסטרומענט פון ביאַ־ליק׳ס העברעאיש, דער אַלטער איידעלער אינסטרומענט, וואָס שוין מיט טוי־זנטער יאָרן צוריק האָבן אויף אים מייסטערס געשפּילט, קען עס איבערגעבן.

און ניט נאָר אין „רזי־לילה" — אויך אין פיל אַנדערע לידער פילן מיר, אַז ביאַליק׳ס כח איז ניט נאָר אין שטורמישקייט, נאָר אויך אין שטילקייט. אַמאָל איז עס די שטילקייט פון אַ אידיליע („מיין גאָרטן", די דערציילונגען אין פּראָזע) אָפטער איז עס אַ ווייך־עלעגישע שטילקייט („נאָך מיין טויט", „זאָל זיין ווי אייערער מיין גורל"...) און נאָך אָפטער פילט זיך אין איר אַ טיפער אומענדלאַכער טרויער: לבדי...

> סיהאָט דער ווינט זיי פאַרוויט, סיהאָט דאָס ליכט זיי פאַרשוויינקט,
> אַ ניי־ליד האָט פאַרהילכט זייער לעבנספרימאָרגן;
> און בלויז איך, צאַרטע טויב, בין געבליבן אליין
> אונטער פליגל פון שכינה פאַרבאָרגן.

ביאַליק׳ס שטילע טענער ברייננגען אונז צו יענער כשופדיגער גרענעץ, וואו ליריק גיסט זיך צענויף מיט מוזיק. און אויב זיינע העכסטע אָנשטרענ־גונגען האָט ער אונז געגעבן אין וויי־געשרייען און פרייד־געשרייען, איז זיין נאַטירלאַכער אָטעם — שטילקייט.

ער פויקט מייסטערהאַפט, מעכטיג איז זיין טרומייטערן. אָבער זיינע איידלסטע קלאַנגען כשופ׳ט ער אַרויס פון דער שטילער לירע.

זיינע רווישנדיגע ליכט־פּאָעמען, זיינע האַמערדיגע ווינטער־לידער פאַר־שכורן אונז, פון אַזאַ שטילער זעאונג ווי „גמדי־ליל" („שרעטלאַך") ווערן מיר פאַר׳כשופ׳ט.

ד. שטורמישע עקסצעסן

אין האַרבסט־טאָג האָב איך זי אין פינסטערן ווינקל געטראָפן,
אין טרויער־קלייד האָט זי צו מיר זיך אין זעאוונג אַנטפּלעקט;
איר בליק האָט געשיינט מיט רחמנות, מיט טרערן פּאַרלאָפן,
איר גלעטנדע האַנט אויף מיין קאָפּ האָט זיך צערטלעך גערעגט.

האַרבסט, טונקלקייט, טרויער, איינזאַמקייט, שטילקייט — דאָס איז די ראַם, דאָס בילד פון ביאַליק׳ס „מוזע״. דאָס איז איר נאַטירלעכער צושטאַנד. פּאַטעטישקייט, עקזאַלטירטקייט, התפּעלות׳דיגע אויסגעשרייען, ימ׳ען ליכט, זיבן זונען, קללות פון דער תוכחה, דונערן און בליצן — דאָס זיינען עקסצעסן. דאָס איז אַ מין אויסער זיך זיין, אַ מין אַרויס פון די כלים...

אַ מעכטיג זיך פאַנאַנדערגיסן פון אַ טיף פּרילינגצייט. ער פּאַרפּלייצט אַלץ אַרום — מען זעט ניט און מען ווייס ניט, וואו איז זיין גרענעץ. אָבער דאָס איז נאָר צייטווייליג. באַלד קערן זיך אום די וואַסערן צוריק אין זייער רו אַריין, מען דערזעט די ברעגן.

ביאַליק׳ס פּאָעזיע גיסט זיך איבער אָפט איבער איר נאַטירלעכן ראַנד. אָבער דאָס איז ניט שוים, ווי עס קען זיך דוכטן, און ווי עס האָט זיך מיר אליין געדוכט, ווען איך האָב מיט יוגנטלעכער העזה ווענן איינצגע זאַכן ביאַליק׳ס געשריבן ווערטער, וואָס זיינען מיר איצט פרעמד. אָן אַ געפיל פאַר מאָס, האָב איך מגזם געווען די גוזמא׳דיגקייט פון ביאַליק׳ס פּאַטאָס. איך האָב פאַרגעסן, אַז נישט שוים אליין, נאָר אויך כוואַליעס וואַרפט דער ים אויפן ברעג אַרויס, ווען ער צעוויגט זיך פון גרויס אומרו, ווען ער צעשרייט זיך ביזן הימל אין אַ שטורעמווינט. לעבעדיג כוואַליען זיך ביאַליק׳ס רייד, ווען זיי זיינען אויפגעשטורעמט; און וואו כוואַליעס איז שוים, אָבער ניטאָ קיין פּוסטע געשרייען. עכט איז דאָס קערנדל פון ביאַליק׳ס איבערטרייבונגען. זאַפט פון איבערלעבונג מאַכט פייכט און פריש די פּרעכטיגע, צו־פּרעכטיגע בלומען פון זיין שפּראַך.

איר זעט ניט און קענט זיך ניט אויסמאָלן מיט אייער פאַנטאַזיע דעם מבול פון שיין און די ימ׳ען פון ליכט, וואָס ער רעדט ווענן זיי אַזוי היים און צעקאָכט אין „זהר״ — איר גלייבט אים אָבער (און דאָס איז דאָך דער עיקר — מאַכן, אַז מיר זאָלן גלויבן) ווען ער זאָגט:

אין פלאַמיגע ימ׳ען און שטראַליגע שטראָמען

האָב איך מיך מיט פלאַם און מיט ליכט אָנגעזאַפט, —
און ריין און געלייטערט ארויס פון די תהומיען;
אין אויסברוך פון קוואַלן וואָס ברויזן מיט קראַפט
אַ גאַנצער ים פרייד האָט אין האַרצן געשלאָגן;
פאַרשווייגקט, ווי פון מעכטיגער זיסער מוזיק
וואָס טוט זיך פון פידלען פון טויזנטער טראָגן.

איר זעט נישט דעם ים פון פייער, דעם ים ליכטיגקייט, דעם ים שיין, כאָטש (אָדער ווייל) ער חזר'ט זיך איבער עטלעכע מאָל — אָבער איר פילט, אז עס איז דאָ איינער, וואָס איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אים, פאַרשכור'ט געוואָרן. אָט דאָס פאַרשכור'ט זיין פון ליכט גיט אונז ביאַליק, און מיר דאַרפן נישט פאַרלאַנגען, אז ער זאָל אונז געבן דאָס ליכט אליין. דאָס ציל פון אַלע זיינע קאָכעדיגע, זידנדיגע, מיט הייסע טראָפּנס שפּריצנדיגע געזאַנגען, איז ניט צו געבן זיין אינעווייניגסטער וועלט אן אָביעקטיווע דרויסנדיגע עקזיסטענץ — נאָר, פאַרקערט, אריינצופירן אונז אין זיין אינווייניגסטן לעבן.
די איינציגע בילדער פון ווינטער אין די ווינטער-לידער אזוי ווי אין די ליכט-געזאַנגען, ווערן דערטרונקען אין דעם אַלגעמיינעם עקסטאַז פון קראַפט-געפיל. מיר ווערן פאַרפלייצט פון דעם שוימיגן כח נישט נאָר ווען מיר לייענען אזוינע קרעפטיג-געשמידטע שורות, ווי —

ניט אנדערש, די וועלט האָט געוואָלט זיך צעשיטן —
האָט גאָט אין זיין וואַרשטאַט געגומען זי שמידן,

פאַרהויבן זיין האַמער אין רידיגן שוואונג,
געגרופן דעם כח צוהילף — און קלינג-קלונג.

מיר פילן דעם ריטם פון מאַכט אפילו אין אזעלכע נאַאיוו-קונדסדיגע אויסגעשרייען, ווי —

כיוואָלט אַ לייב, מיר דוכט, צעריסן,
און צעטראָטן ווי אַ וואָרים!

דער כח ליגט ניט אין די ווערטער, נאָר אין דעם אויסשרייען זיי. די ווערטער זיינען אבסטראַקטע, מליצה'דיגע, אָבער זיי ווערן געטראָגן פון לע־בעדיגע, אויפגעשטורעמטע, נשמה-כוואַליעס.
מיר זעען ניט דאָס, וואָס פאַרשכור'ט דעם פּאָעט; מיר ווערן אבער

אַנגעשטעקט פון זיין פאַרשכורטקייט. ער דערציילט אונז פון א גאַנץ געוויינט־לעבן זוניגן ווינטער־טאָג :

סיציט אַ רויך זיך פון די קוימענס,
קרויזט זיך רואיג און באַזאַכט ;
אויף דעם ווייסן שניי די ראָבן —
לעבעדיגע שטיקלעך נאַכט...

און מיר ווייסן ניט, וואָס איז געשען, וואָס ער האָט זיך פּלוצים אַזוי צעהיצט און צעשריען :

הפקר ! הפקר ! אַלץ איז הפקר !
הוי, דו קוטשער ! טראָג געשווינט !
וואַרף אריין מיך אין דעם וויכער,
און צעבלאָז מיך אויף דעם ווינט !

מיר ווייסן ניט, וואָס איז געשען אין דער נאַטור אַרום, אָבער מיר ווייסן און פילן, אַז עפּעס איז געשען אינווייניג אין דעם דיכטער : עס האָבן אַרויס־געשפּאַרט פון אים כחות, וואָס זיינען יאָרנלאַנג פאַרשטיקט געווען ; עס האָבן זיך געעפנט קוואַלן וואָס זיינען יאָרנלאַנג פאַרשלאָסן געווען ; עס האָט צעעפנט אַלע זיינע מיילער דער מורא׳דיגער הונגער נאָך לעבן, נאָך ליכטיגקייט, נאָך פרייד, — דער נישט געשטילטער הונגער.

סישטראָמען ליכטער אריין דורך מיין פענסטער און פליסן,
און דעם דיל און די ווענט און די ווינקלען פאַרגיסן
גיסן ריינגאָלד אין איטלעכן שפּעלטל אריין ;
וואָלסטו, גאָט, זונען זיבן אין הימל צעהאַנגען,
וואָלסטו אַלץ נאָך ניט שטילן נאָך ליכט מיין פאַרלאַנגען —
מערער שיין, גרויסער גאָט, מערער שיין !

אַזוי רעדט ניט אַ מענטש, וואָס איז געוואוינט צו ליכט ; אַזוי רעדט איינער, וואָס איז פון דער פינסטערניש אַרויס און האָט פּלוצים די ליכטיגע שיין דערזען.

אַזוי רעדט נישט דער, וואָס לעבט אויס זיינע ליכט־און־פרייד־געפילן. אַזוי רעדט דער, וואָס שרייט זיי אַרויס אין שמאַכטנדיגער גלוסטונג.

ניט קיין הימן איז עס, נאָר א תפלה צום גאָט פון ליכט, א תפלה פון איינעם וואָס לעכצט און בייִנקט נאָך ליכט.

ווער ווערט שכור פון ערשטן זופּ ווייִן? דער יעניגער וואָס איז נישט געוואוינט צו טרינקען. ער פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט, זינגט און שפּרינגט, זייענדיג אויסער זיך.

ביאַליק איז אויסער זיך פון דער זון, פון דעם פּראַכט, פון דער אומגע־ריכטער פרייד, פון דעם יום־טוב...

זיין שטורמישער פּאַטאָס איז דער פּאַטאָס פון א באַהערשטן. עס קאָכט אין אים א כח — אָבער ער איז ניט אַזוי מעכטיג, ווי דער איינגעהאַלטענער פּאַטאָס ביאַליקס.

ה. איינגעהאַלטענער פּאַטאָס

דער פּאַטאָס, וואו שטורעם באַגעגנט זיך מיט שטילקייט. ביאַליק׳ס סינטעז, זיין קינסטלערישע רייפקייט, זיין גרויסע זעלבסט־באַהערשונג, זיין איבערגאַנג פון „אגדה" צו „הלכה".

אגדה און הלכה זיינען ניט נאָר צוויי אָפּטיילונגען אין תלמוד — דאָס זיינען צוויי שאַפונגס־פאָרמען. ביאַליק האָט אליין (אין זיין עסיי וועגן הלכה און אגדה) אויף דעם אָנגעוויזן. ער האָט עס פאָרמולירט אַזוי: הלכה איז די לעצטע און נויטווענדיגע עסענץ פון אגדה... דאָס רוישן פון אונזער הארצנס פאַרלאַנגען אויף זייער שטורמישן וועג צום ציל — איז אגדה; דער רו־פלאַץ, די באַפרידיגונג און איינשטילונג פון די פאַרלאַנגען — דאָס איז הלכה. הלכה לייקנט נישט אָפּ דאָס געפילס־לעבן, זי נעמט עס איין. אַזוי איז ביאַליק׳ס שטילקייט אין דעם טייל פון זיין פּאָעזיע, וועגן וועלכן איך וויל דאָ ריידן; ניט שטילקייט, נאָר איינגענומענער שטורעם, קאָנטראָלירטע ליידנ־שאַפטליכקייט, געצאַמטער פּאַטאָס, לירישקייט, פעמינינישקייט, געהאַמערט און געשמידט, פון מענלאַכן עפּאָס, אגדה קריסטאַליזירט אין הלכה...

ביאַליק האָט שוין לאַנג געוואוסט דעם סוד, אַז — א טרער צוריקגע־האַלטן שפּאַלט ביז טיפסטע גרונטן, פאַרקלעמט געווייִן, רייסט העכסטע הימלען איין.

ער האָט געוואוסט דעם גרויסן כח פון קאָנצענטרירטן געפיל, און זיין שטרעבן איז געווען — איינצופּרעסן זיינע עקסטאַזן, איינצוצאַמען דעם אימ־פּעטיגן שטראָם פון זיין התלהבות. דאָס איז געווען זיין ציל. דערנענט זיך צו דעם האָט ער נאָר אין א טייל פון זיינע ווערק.

אין א טייל פון די „שירי־החרף" האָט ער באַזונגען די איינגעהאַלטענע, געשמידטע, געפרוירענע, קאַלטע און קלאָרע „סטיכיע" פון ווינטער —

א טאָג האָט אונז גאָט היינט ארונטערגעלאָזט —
א טאָג היינט פון אייז און פון שניי און פון פראָסט.
— —
און דאָ ליגט דער כח פון וועלט — שטייף און ריין:
שוימט איבער מיט קרעפטן און צוימט זיך אליין.

ער האָט באַזונגען די מעכטיגע מענלאַכע שיינקייט פון פאַרשפּאַרטע כחות. ער האָט זי באַזונגען, ווייל ער האָט געביינקט נאָך איר. ארויסגעוויזן האָט ער זי אין איינעם אָדער צוויי פון די „שירי־החרף"; אין זיי איז באמת דער געדאַנק געשמידט, דאָס געפיל — אויף א צוים געהאַלטן, דער ריטם — ווי פון שטאָל און אייזן. אין די איבעריגע „שירי־החרף" איז, ווי אין דעם גרעסטן טייל „ליכט־לידער" אַן אויסגוס פון געפיל, א לירישע פּאַרפּלייצעניש. און אויב מען וויל אויספאָרשן יענע שאַפונגען ביאַליק'ס, וואו ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן אין רשות פון דעם געפילס־אימפּעט, אין רשות פון וואָרט־שטראָם, נאָר געוואָרן, פאַרקערט, האר און הערשער איבער דעם, און געקע־רעוועט עס וואוהין ער האָט געוואָלט — דאַרף מען זיך ווענדן צו די „מתי־מדבר" און די „שירי־זעם", צו וועלכע עס געהערט אויך די „שירת־הזעם" פון „מגלת־האש."

אין „מתי־מדבר" באַרירן זיך נעענטער ווי אומעטום די צוויי עקסטרעמען פון ביאַליק'ס שאַפן — דאָס שטילסטע שווייגן און דער הילכיגסטער אויס־געשריי. זיי באַרירן זיך אזוי נאָענט, אַז זיי גיסן זיך איבער איינס אין דאָס אנדערע: די אייביגע שטילקייט פון מדבר (און פון די „מתי־מדבר") איז אזוי געדיכט און אָנגעצויגן, אַז זי מוז ארויספּלאַצן און אויסלאָדן זיך אין א שטורעם; דער שטורעם קומט פון דער שטילקייט און צו איר קערט ער זיך אום... ווען ער צעקאָכט זיך, דער מדבר, ווען ער צעבונטעוועט זיך קעגן זיין ווינסטער טויטקייט, ווען ער שטייט־אויף קעגן דער שטומער פאַרגלייוערטקייט — דוכט זיך, אַז ער וועט איבערקערן די וועלט און אומקערן זי צוריק צום תהו־ובהו: עס דוכט זיך, אַז די טויטע ריזן, די מתי־מדבר, וואָס האָבן אויפ־געוואַכט אינאיינעם מיטן מדבר און צוריק געכאַפּט זיך פאַר די שווערדן, וועלן זיך נוקם זיין אַן גאָט, וואָס האָט זיי געלאָזן אין מיטן וועג, אינמיטן פון דער גרויסער מלחמה, און זיי וועלן אליין, אָן אים, זיך א וואַרף טאָן

ווידער אויפן שונא. עס דוכט זיך, אז דער נייער, פרייער, אויפגעבונדענער, אויפגעשטורעמטער ריטם, וואָס האָט זיך אריינגעריסן אין דעם פריערדיגן — רואיגן, גלייכמעסיגן — גאַנג פון די פערזן, וועט ניט אויפהערן, ניט אָפּלאָזן, ניט וויסן פון קיין גרענעץ. אָבער — ניין: דער ווילדער, מעכטיגער אויפשטאַנד, דער אויפגעברויזטער פאַטאָס פון אומרו, ווערט איינגעשטילט, איינגענומען — ועבר הסער, דער שטורעם ווערט אויסגעלאָדן:

און שטיל איז געוואָרן ווי פריער, און איינזאַם בלייבט ווידער דער מדבר...

אפילו דאַן, ווען עס האָט געבושעוועט און געברויזט דער שטורעמדיגער אויפשטאַנד, איז ניט געווען אין דעם קיין הפקר'דיגקייט, נאָר אַ זיך־אליין פירנדיגער, זיך אליין באַהערשנדיגער כח... די געציילטע, געמאָסטענע און געוואויגענע פערזן, וואו עס ווערט איבערגעגעבן דאָס געזאַנג פון די אויפגעוואַכטע, אויפגעשטאַנענע ריזן, האָבן אין זיך ניט נאָר אויסדרוק פון מאַכט, עס איז דאָ אין זיי מאַכט פון אויסדרוק. זייער ריטם אליין, שוין נישט גערעדט פון זייער אינהאַלט, אָטעמט מיט אויפשטאַנד, מיט הייליגן אויפשטאַנד, מיט איינגעהאַלטענער, לאַנג־פאַרשטיקטער, גבורה, מיט עקשנות'דיגן רעוואָלט. ווי כוואַליעס אין אַן אויפגעשטורעמטן ים, אַזוי הויבן זיך די סטראָפן איינע איבער די אַנדערע; וואָס ווייטער ווערן זיי אַלץ קירצער — און אַלץ מעכטיגער. — —

איך ווייס נישט, ווי ווייט דאָ איז אַלץ געווען אויסגערעכנט, אָבער איינס איז זיכער: דער כח, מיט וועלכן דער שטורעם פון דער לירישער איז איינגעהאַלטן און געשמידט געוואָרן, איז ניט קלענער ווי דער שטורעם אליין... „מתי־מדבר" געהערט צו יענע געציילטע ווערק, וואו ביאַליק האָט ארויסגעוויזן די העכסטע קראַפט פון שאַפונג — די קראַפט פון קינסטלערישער זעלבסטבאַהערשונג.

„מתי־מדבר" איז, ווי די גאַנצע פּאָעזיע ביאַליק'ס אגדה, אָבער ס'איז אַזאַ אגדה, וואָס אין איר צאַרטן בלויען בלוט איז אריינגעטאָן געוואָרן דאָס אייזן (די זעלבסטדיסציפּלין) פון הלכה.

אין „מתי־מדבר" איז ביאַליק אַ בוימייסטער, נישט נאָר אַ ליריקער, ווי אין די ווערק פון זיין נישט־איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס. דערגרייכט די מדרגה פון זיך אליין באַגרעניצנדיגער מייסטערשאַפט, האָט ער זיין ווערק געבויט לויט אַ גאַנצבאַשטימטן פּלאַן, מיט אַ מאָס און אַ צירקל אין דער פאַלגעוור־

דיגער האַנט, נישט נאָר סתם אַזוי געוואָרפן אימפּעטיג שטיינער און ציגל, נישט נאָר סתם אַזוי געגאָסן, אַ צעקאָכטער, וואַפּנע און וואַסער, ווי ער האָט געטאָן אין אַ סך פון זיינע ניט־איינגעהאַלטענע פּאַטעטישע לידער. אין „מתי־מדבר", אין אָט דעם געזאַנג פון איינגעשטילטן שטורעם, איז, אַזוי ווי אין „הברכה", „לבדי", „גמדי־ליל," און אַנדערע לידער פון שטילקייט, דאָ אַ פּאַראייניקונג פון מוזיק און אַרכיטעקטור.

די דאָזיגע פּאַראייניקונג פון איראַציאָנעלן (מוזיקאַלישן) און ראַציאָנעלן (אַרכיטעקטאַנישן) ריטם איז דאָ אויך אין די איינגעהאַלטנסטע און פּאַטעטישסטע פון אַלע ווערק ביאַליק'ס — אין די צער־און־צאָרן לידער, דערהויפּט אין „על־השחיטה" און „בעיר־ההרגה." (שחיטה־שטאָדט).

ז. דער העברעאישער און דער אידישער ביאַליק

ח. נ. ביאַליק האָט אָנגעהויבן שרייבן אין אַ צייט, ווען שיער ניט אַלע אידישע דיכטער זיינען געווען צווייִשפּראַכיג — אויב ניט אין אַמעריקע, איז אויף יענער זייט ים. זיי האָבן גענוצט ווי אַן אינסטרומענט פון זייער שאַפן אי העברעאיש, אי אידיש (אָדער — אין דעם פאַל פון ש. פרוג און בן עמי — רוסיש און אידיש). דאָס רוב איז געווען ביי זיי איין שפּראַך דער עיקר און די צווייטע — אַ צוגאָב. אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן א. ב. גאָטלאָבער, י. ל. גאָרדאָן און שפּעטער פרישמאַן געשריבן דערהויפּט העברעאיש און נאָר פון צייט צו צייט און אַזוי ווי בלויז פאַרבייגייענדיג — אידיש, בעת, פאַרקערט, מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם זיינען, אין תוך, געווען אידישע שריפטשטעלער, כאָטש זיי האָבן געשריבן אויך העברעאיש... ביאַליק האָט געהערט צו דער ערשטער גרופּע, ד. ה. צו די, וואָס זייערע וואָרצלען זיינען געווען אין דער שפּראַך פון די נביאים. אידיש איז אויפן בוים פון זייער שאַפן געווען נאָר אַ צווייג.

ביי זיי אַלעמען איז געווען אַן אונטערשייד צווישן זייער העברעאישן און זייער אידישן שרייבן, — אַן אונטערשייד אין תוך און אין טאָן, ניט נאָר אין דער שפּראַך. דאָס אייגענע פילט זיך אויך ביים פירער פון דער מאָדערנער העברעאישער קולטור: עס איז דאָ אַ העברעאישער ביאַליק און אַ אידישער ביאַליק. זיינע טיפּישע העברעאישע ווערק ציען יניקה פון איין מקור און דריקן אויס איין סאָרט וועלט־באַציאונג, זיין כאַראַקטעריסטיש אידיש — איז פאַרבונדן מיט אַנדערע קוואַלן און צום טייל אויך מיט אַן אַנדער ריטם פון לעבן.

כדי קלאָר צו מאַכן די גרעניצן פון דעם חילוק, וואָס איז דאָ צווישן דעם העברעאישן און דעם אידישן ביאַליק, איז נויטיג אָנצואווייזן, אז ס'רעדט זיך וועגן אן אונטערשייד צווישן צוויי סאָרטן שאַפונגען פון איינאונדעמזעלביגן דיכטער. סיי דער העברעאישער, סיי דער אידישער ביאַליק איז, פריער ווי אַלץ, ביאַליק, דערנאָך ערשט א העברעאישער אָדער אַ אידישער ביאַליק. די ביאַליקשאַפט דריקט זיך אויס אין א סך זאַכן, מער ווי אַלץ אָבער — אין די פריער דערמאָנטע הויפּט פּונקטן:

א. שפּראַכליכע פּאַרוואָרצלטקייט. ביאַליק איז ניט סתם אזוי פאַר־בונדן מיט דעם עבר פון זיין שפּראַך — דאָס איז יעדער דיכטער, דערהויפּט יעדער העברעאישער דיכטער. ביאַליק'ס פאַרבונדען־זיין מיט דער שפּראַכ־ליכער ירושה מיינט זיין פאַרוואָרצלט אין איר, מיינט — פון איר ארויס־וואַקסן. ניט ער נעמט ביי איר (דאָס טוען אנדערע אויך), נאָר ער נעמט זיך פון איר, ער קומט פון איר ארויס און איז איינס מיט איר. דערפאַר הערשט ער איבער איר אזוי, ווי זי איבער איהם. דערפאַר באַלעבט ער זי נישט ווינציגער, ווי זי — אים. די גאַנצע אָנגעזאַמלטע עשירות פון דער שפּראַך, אירע אַלע אוצרות געהערן אים, אזוי ווי אַלע פריערדיגע דורות זאָלן זיי האָבן צוגעגרייט און אויסגעלייגט פאַר אים — ער זאָל קומען און טאָן מיט זיי, וואָס ער וויל. וויל ער, לאָזט ער זיי, ווי זיי זיינען, און אז ער וויל — קערט ער זיי איבער אויף דער לינקער זייט. געפעלט אים צו שפּיגלען זיך אין זייער אמאָליגען גלאַנץ, שפּיגלט ער זיך, און אויב ניט — לאָזט ער אויפלייכטן אין זיי א ניי ליכט, א נייע נשמה, א נייע שיינקייט... נישט נאָר וואַקסט ער שפּראַכליך ארויס פון די אַלטע ירושה־וואָרצלען, ער וואַקסט אין זיי אריין — און זיי וואַקסן, בליען און פרוכפּערן זיך און מערן זיך מיט אים אינאיינעם. ער איז דעריבער, אין זיין נוצן די כלי פון דער שפּראַך, אַלט און ניי צוגלייך — א טראַדיציאָנאַליסט און א רעפאָרמער אין איין פּערזאָן.

און דאָס איז ער סיי אין העברעאיש, סיי אין אידיש. אין העברעאיש מער, ווי אין אידיש צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, איז ער (אין כמות און אין איכות) מער העברעאישער, ווי אידישער שרייבער, ווייל ער איז טיפער פאַר־וואָרצלט אין יענע תקופה'ס פון אונזער געשיכטע, ווען די הערשנדיגע שפּראַך פון דעם אידישן קולטור־לעבן איז געווען לשון קודש. צווייטנס, האָט אידיש ניט אזא רייכע טראַדיציע, אזא גרויסע ירושה, ווי העברעאיש. ממילא, אי־בערראַשט אונז ניט אזוי ביאַליק'ס אָפּפרישן די אַלטע אידישע מטבעה'ס און

זיין צוגעבן זיי א נייעם גלאַנץ. דאָך פאַראייניגט אין זיך ביאַליק׳ס אידיש, אַזוי ווי זיין העברעאיש, די רואיגקייט, פעסטקייט און חשיבות פון אַן אַלטן דור־דורות׳דיגן לעבן מיט דעם פלאַטערן־און־ ציטערן פון אַן אויפשטיין צו אַ נייעם לעבן:

גלוסט זיך מיר ווייַנען געשמאַקער פון האַרצן,
ציט מיך, ווי כמאַרעס, צום ים צו דעם שוואַרצן,
טיפער צו אייך, מיינע עלנטע ברידער.

אין דעם אַלטן „שוואַרצן ים" איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אַ נייער לעבנס־שטראָם — דער שטראָם פון „מיינע עלנטע ברידער".

אַזוי איז פון דעם אַלטן אידיאָם „עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך" געוואָרן:

„...אין גאַסן וועסטו גיין, מיט פעדערן פאַרפלייצטע,
דו באָדסט זיך אין אַ טייך, אַ ווייסן טייך,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון מענטשנס בלוטיגן שווייס..."

אַזוי איז פון דעם אַלטן „ווי און ווינד" געוואָרן:

...וואו אַ טראָפּן גאַל פאַרבאָרגן,
וואו אַ ווײ און וואו אַ וואונד...

איר קענט נישט אָפּטיילן דעם פאָלקס קאָלעקטיוון אידיש פון ביאַליק׳ס אינדיווידועלן אידיש, — אַזוי צונויפגעגאָסן זיינען זיי — אין אַזעלכע פערזן, ווי:

"...נישט קיין אמת, נישט קיין יושר,
נישט קיין רחמים, נישט קיין דין —
נו, איז וואָס ? דאָס רעדל דרייט זיך
אָן אַ ציל און אָן אַ זין.

איר ווייסט ניט, ווער עס זאָגט דאָס, סתם אַזוי אַ אידיש קינד, אָדער חיים נחמן ביאַליק, ווען איר לייענט:

פרייטאָג — זומער־לעבּ — קוים דערלעבט די שעה !
פריי פון חדר־יאָך, ווערט די לופט מיר קאַרג:

ווער מיר מהר״ם שיף, וואָס מיר מהרש״א!
גיך אוועק אַהין — אויף דעם הויכן באַרג.

ביאַליק׳ס אידיש איז, אַזוי ווי זיין העברעאיש, נישט פּאַרגליווערט־טראַדיציאָנעל, נאָר פריש און לעבעדיג פאַרוואָרצלט אין דער שפּראַכלעכער טראַדיציע. און אָט די טיפע, זאַפטיגע און לעבעדיגע וואָרצלען פון זיין אידיש, ווי פון זיין העברעאיש, זיינען ניט קיין צופעליגע וואָרצלען. זיי ציען זייער יניקה פון דער גאַנצער גייסטיגער ירושה פון דעם אידישן פאָלק.

ב. ביאַליק׳ס העברעאישע ווערק זיינען אַ המשך פון דער אידישער קולטור־טראַדיציע, און אַזוי איז איר המשך אויך זיין אידיש שאַפן — ווען אפילו נאָר אין מיניאַטור. ביאַליק האָט אליין אונז געגעבן אויף אידיש וואַריאַנטן פון זיינע העברעאישע פּאָעמעס „בעיר ההרגה״ („אין שחיטה־שטאָט״), „לא הראני אלהים״ („כ׳וואָלט געווען אַ בעלן אַ בעלן וויסן״); ער האָט אונז געגעבן אויך אידישן נוסח פון ר׳ יהודה הלוי׳ס אייניגע שירים — און אַזוי־אַרום האָט ער די אידישע פּאָעזיע באַהעפט מיט די אַלטע קוואַלן פון העברעאיש. דאָס האָט ער געטאָן דורך יענע אידישע לידער זיינע, וועלכע זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן אויף לשון קודש. די, וועלכע זיינען אָריגינעל אידיש, ציען זיך ניט פונם אַלטן העברעאישן שורש, אָבער אויך זיי זיינען איינגעפלאָכטן אין דער גילדערנער ירושה־קייט. זיי האָבן אַ שייכות צום פאָלקס־ליד, צום פאָלקס־אידיאָם. און אויב זיי זיינען ניט אַזוי „נאַציאָנאַל״ ווי עס איז ביאַליק׳ס העברעאיש שאַפן (איןביידע שפּראַכן), זיינען זיי פאָלקסטימליך, און דאָס הייסט, ווידער אַמאָל, ירושה׳דיג...

אויף דעם הויכן באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז
האָב איך קינדוויז שטום אָפּגעטרוימט מיין גליק...
וואָס האָב איך געוואָלט — כיווייס אליין ניט וואָס —
כיווייס נאָר, אַז עס קומט קיינמאָל מער צוריק...

איז עס ניט אַ טאָן פונם אידישן פאָלקס־ליד? און וואָס איז „מיין גאָרטן״, „אונטער די גרינינקע ביימעלעך״, אָדער „אַ פריילעכס״, אויב ניט פאָלקס־שטייגער און פאָלקס־אידיאָם?

אַלזאָ, ביאַליק׳ס אידישע שאַפונגען, ציען זייער חיות, אַזוי ווי זיינע העברעאישע ווערק, פון אידישע פאָלקס־טראַדיציעס, ניט נאָר פון די טראַדיציעס פון דער שפּראַך. די וויכטיגסטע פון די דאָזיגע טראַדיציעס איז —

ג. דאָס סאָציאַל־עטישע באַוואוסטזיין. אונזער ליטעראַטור איז אַלע מאָל געווען סאָציאַל און עטיש. די ריין־אינדיווידועלע, אזוי ווי די ריין־עסטעטישע, דערפאַרונג איז געווען א בייזאַך. די טראָפּ אין אונזער וואָרט־קונסט איז געשטאַנען ניט אויף קונסט, נאָר אויף וואָרט, און דאָס וואָרט איז געווען אָפט גאָטס וואָרט, אָדער גאָטס פאָלקס־וואָרט. און דאָס איז אויך ח. נ. ביאַליק׳ס וואָרט, אַלץ איינס וואָס ער שרייבט, העברעאיש אָדער אידיש. פון פאָלק קומט ער און צום פאָלק קערט ער זיך אום צוריק, ווען ער גייט אוועק צוזיך. ער איז דער אָרגאַן פונם פאָלקס־געוויסן. און ווען מען רעדט וועגן זיין שייכות צו די נביאים, דאַרף מען ניט האָבן אין זינען זיין באָרגן ביי זיי פּסוקים („איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט", „איצט גיי אַראָפּ אין טעפערס הויז" א. ד. גל.) — דאָס איז א דרויסנדיגע זאַך. מען דאַרף אין זינען האָבן זיין פילן זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן כלל, זיין זיין „געשטראָפט פון גאָט מיט הארץ", זיין „האָבן א הארץ, וואָס קרענקט פאַר יענעם, וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדן שמאַרץ און ווערט פאַרברענט פון יעדנס גיהנום". מען דאַרף אין זינען האָבן דעם עטישן ווילן, וועלכן ער האָט אויסגעדריקט אין די פערזן: — — —

איך בין פון גאָט מיט מוט באַשמידט,
וואָס רייסט אויס בערג און ווערט ניט מיד,
וואָס לאָזט מיין רוקן זיך ניט בויגן
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגן.

מען דאַרף געדענקען אָט די אינעווייניגסטע — אין נאָמען פון א העברעישן עטישן געבאָט ריידנדיגע — „נביא׳ישקייט", — און זי איז דאָ אין זיין קאָרגן אידישן שאַפן, ווי אין זיין שפּע׳דיגער פּאָעזיע אויף העברעאיש. זי איז דאָ נישט בלויז אין די לידער, וואו ער רעדט, ווי ער זאָל זיין צו אונז „פון גאָט געשיקט". זי פילט זיך אין א טיפערן זינען אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, וואָרים אין אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן, האָט ער זיך אָפּגעגעבן ניט מיט זאַכן, נאָר מיט מענטשן, — און דאָס איז דאָך די הויפּט אייגנשאַפט פונם עטישן באַוואוסטזיין. אפילו זיינע נאַטור־לידער (א שטייגער, זיין „ערב־פרילינג") זיינען אָפט נאָר א משל אויף דער נאַטור פון דעם מענטשן און דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט...

ד. „א הארץ וואָס ווערט פאַרברענט פון יעדנס גיהנום" און „א צונג א שאַרפע, ווי א שאַרפע קלונג" — דאָס איז דער כח, מיט וועלכן עס

ציי‌כנט זיך אויס ביאַליק׳ס שאַפן און אַט דעם כח — טיפקייט פון געפיל און שאַרפקייט פון אויסדרוק — האָט אי דער העברעאישער, אי דער אידישער ביאַליק.

דער העברעאישער ביאַליק גראָבט טיפער און הויבט זיך אויף העכער אויף דעם פייערדיגן רייטוואָגן פון זיין מעכטיגער מליצה, אָבער אויך אידיש רעדט ביאַליק מיט א פולן מויל, און וואָס ער וויל אונז זאָגן, זאָגט ער מיטן גאַנצן האַרצן און מיטן גרעסטן אימפעט. עס ברענט אין אים א דורשט נאָך אויסדרוק. און כדי צו שטילן אָט דעם ברענענדיגן דורשט זיינעם, ניצט ער סיי אויף העברעאיש, סיי אויף אידיש —

ה. ניט בילדער, נאָר אַנאַלאָגיעס. ניט בילדער, וועלכע ריידן דירעקט צו אונזער חוש פון זעען, חוש השמיעה, אָדער אַנדערע חושים, נאָר אַזוינע מעטאַפאָרן, וואָס אינדירעקט, דורך אַסאָציאַציעס, פאַרגלייכענישן און אַלערליי סוגעסטיעס פירן זיי אונז צו דער זאַך, וועלכע ער וויל אונז געבן צו פילן (און ער וויל אונז אָפט ניט געבן די זאַך, נאָר געבן זי אונז צו פילן). ער כאַראַקטעריזירט, א שטייגער, זיין מוט, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס „רייסט אויס בערג", ער שרייבט: „טרוקן ווי א שטיין אין מדבר בלייבט דיין „אויג", „אַש און רויך איז זיין נשמה", „ברייט ווי טייכן פליסט גאָטס נחת העכער הייזער — גאָטס גנאָד"... דאָס איז א ביבלישער שטייגער, וואָס ביאַליק היט אים אָפּ אין אידיש, אַזוי ווי אין העברעאיש.

און נאָך איין וויכטיגע ענליכקייט איז דאָ צווישן דעם העברעאישן און דעם אידישן ביאַליקן:

ו. סיי אין העברעאיש, סיי אין אידיש פאַראייניגט ער אין זיך שטור־מישקייט מיט שטילקייט, אויפגעבראַוזטן דראַמאַטיזם מיט רואיגקייט. סיי אין העברעאיש, סיי אין אידיש ראַנגלען זיך אין אים דער נביא מיטן קינד, דער טראַגיקער מיט דעם אידיליקער. אין זיין ליד „חלפה על פני" זאָגט ער, אַז אָפט ווילט זיך אים אַנטלויפן פון גאָטס ברענענדיגן אָטעם, וועלכער ווערט טמא פון דעם לעבנס אָטעם, — און וואוהין ווילט זיך אים אַנטלויפן? —

איך וועל אַרויסגיין צו די פויגל אין פעלד, וואָס צוויטשערן מיט זונאויפגאַנג,
און אפשר, צו די קינדער אין די גאַסן גיין, וואָס שפּילן אומשולדיג —
איך וועל זיך אויסמישן מיט זיי, זייער געדייד און פלאַפּל לערנען,
פון זייער אָטעם ריין ווערן, מיין מויל מיט זייער ריינקייט אָפּוואַשן.

אָבער — און אָט דאָס איז דער הויפּט אונטערשייד צווישן דעם העבראַאישן און דעם אידישן ביאַליק — אין העברעאיש האָט טריאומפירט דער „נביא" און דער טראַגיזם, אין אידיש — דאָס קינד און דאָס שפּיל.

די „נביאיש"-שטורמישע, „וואולקאַנישע" „אין שחיטה שטאָט", „דאָס לעצטע וואָרט" און „איך בין נישט אויף אייער רוף געגאַנגען" שטאַמען פון דעם העברעאישן ביאַליקן; אי זייער אינהאַלט, אי זייער סטיל איז העברעאיש, תנ"כ'יש, כאָטש זיי זיינען געשריבן אויף אידיש אָדער — ווי „אין שחיטה-שטאָט" און „כ'בין נישט אויף אייער רוף געגאַנגען" — אויך אויף אידיש. זיי זיינען פאַר ביאַליקן אין אידיש ניט כאַראַקטעריסטיש. כאַראַקטעריסטיש פאַרן אידישן ביאַליקן איז — „אַ פרייליעכס", „מיין גאָרטן", „ערב פרילינג", „אונטער די גרינינקע בוימעלעך". אין „אַ פרייליעכס" און אפילו אין „ערב פרילינג" איז נאָך אַלץ דאָ עפּעס פונם שטרענגען „נביא"... דער „וואולקאַן" רויכערט זיך נאָך דאָ און דאָרטן... אָבער דאָס איז אַ נביא, וואָס גיט שוין אַמאָל אַ לאַך, אַ שמייכל, נישט נאָר ער בייזערט זיך. דעם „וואולקאַן" צופוסנס שפּילן זיך שוין משה'לעך און שלמה'לעך, אונטער די גרינינקע בוימעלעך...

לייענט „אַ פרייליעכס", אין דעם ליד זיינען דאָ היבשע עטליכע טראָפּנס גרינע גאַל („נישט איין טראָפּן צום דערקוויקן, אויסגעטריקנט, ווי אַ קוואַל — וואָס-זשע שמאַכט איר? נעמט דעם בעכער, גיסט אים אָן מיט גרינער גאַל!"), אָבער —

אויסגעזופּט — און נישט פאַרקרימט זיך,
נישט קיין ציטער אין די הענט!
זאָל אַ קריינק דער שונא וויסן,
וואָס אין האַרצן בראָט און ברענט.

אַ הומאָר-ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטאָן אויף דער הייסער סאַטירע — און זי אָפּגעקילט. פרישער נאָך איז דאָס ווינטעלע אין „ערב פרילינג"... ס'איז אייגנטלעך אַ משל אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָדער אויף דער אידישער אויפלעבונגס-באַוועגונג, אָבער ס'איז ניט קיין שטרענגער משל, ניט קיין משל, וואָס איז מער גאָרנישט ניט אויסן, אַ חוץ עפּעס אַ מוסר השכל. ס'איז אַ משל, וואָס מאָלט אַ בילד און שמייכלט דערביי. עס איז נישט איינגאַנצן פריי פון פּרימיטיווע פרוג-טענער, וואו-נישט-וואו אַ טאָן פון בדחנות,

אָבער אינגאנצן גענומען איז עס לעבעדיג און פריילעך, פול מיט עכט־פאָלקס־טימלעכן הומאָר און פריי פון „נביא׳ישער" סאטירע.

מיט א שמייכעלע און מיט א שיער ניט שלום־עליכם׳דיגן הומאָר באגריסט אונז ביאליק אין „מיין גאָרטן". אזוי ווי ער זאָל גאָר קיינמאָל נישט האָבן גערעדט צו אונז אזעלכע רייד, ווי: „פון אייער אויסגעלאָשן אויג בין איך דער לעצטער שוואַרצער בליץ, פון אייערע פארקלעמטע ציין — דער לעצטער צאָרנדיגסטער קריץ". וואו ציין, וואָס צאָרן! פאר אונז שטייט א גוטברו־דערישער און א גאסטפריינדלעכער אוקריינער איד, אן עכטער פאָלקסמענטש. ער גיט אונז אָפּ א ברייטן שלום עליכם, ער כאפּט זיך ארום מיט אונז און —

וילט איר אפשר זיין א בעלן
אָנקוקן מיין שיינעם גאָרטן —
זייט־זשע מוחל, קומט ארויס,
קוקט אים אָן — אָט שטייט ער דאָרטן!

די שפּילעוודיגע אידיליע האָט פארנומען דעם אָרט פון דער אָנגעצויגע־נער דראַמע, דער פאָלקסטימליכער הומאָר האָט בייגעקומען דעם ביבליש־נביאי׳שן פאַטאָס, און עס האָט זיך געענדערט דעם דיכטערס קוק אויף דער נאַטור, נישט נאָר זיין קוק אויף מענטשן. וואָס פאר א התפעלות ביאליק כאפּט עס פון דער נאַטור אין זיינע ליכט־און ווינטער־לידער! וואָס פאר א הויכע לויבגעזאַנגען ער זינגט איר מאכט און איר שיינקייט! אָבער דאָס איז אַלץ אויף העברעאיש. אויף אידיש ווערטלט ער זיך וועגן איר, חכמה׳ט זיך אזוי ווי זי וואָלט געווען זיינגלייכן... דער אידישער ביאליק איז נעענטער צום פאָלק, ממילא איז אינטימער אויך זיין נאָענטקייט צום לעבן און צו דער נאַטור...

אין זיין פריער־דערמאָנטער אויטאָביאָגראַפיע האָט ער אליין געגעבן אן אָנצוהערעניש אויף די צוויי הויפּט־קוואַלן פון זיין שאַפן — דעם נביאיש־לומדישן און דעם פאָלקסטימלעכן... פון איין זייט האָט ער אינגלוויז שוין געלערנט, אחוץ תנ״ך, ש״ס און פוסקים, אויך „עקרים", „כוזרי", „מורה נבוכים" און אלערליי מוסר ספרים; פון דער אנדער זייט, האָט ער זיך אָנגעהערט אָן א שיעור פאָלקס־מעשיות, און ווען ער האָט קינדווייז נאָך אָנ־געהויבן צו האלטן א פען אין האנט, האָט ער, ווי ער אליין דערציילט, געשריבן „לכתחילה מעשה ברב ורבנית, וואָס איך האָב געהערט פון מיינע חברים אין חדר, און נאָך אזעלכע מעשיות, און דערנאָך — אויך אויף אנדערע טעמעס.

אויף דער שפּראַך האָב איך נישט מקפּיד געווען: איך פלעג צונויפמישן העב־ רעאיש מיט תרגום־לשון און באַנוצן זיי צוזאַמען, און אַמאָל, אין א שעת הדחק האָב איך זיך באַנוצט אויך מיט אידישע ווערטער..." זיין סאַמע אָנהויב איז געווען א געמיש פון תורה און פאָלקס־מעשיות, א שותפות פון לשון קודש מיט אידיש.

יע, א שותפות. יעדער פון די צוויי ביאַליקס איז געווען צווייִשפּראַכיג: דער העברעאישער ביאַליק האָט באַנוצט אויך אידיש, דער אידישער — האָט געשריבן אַמאָל העברעאיש.

כ'האָב שוין פריער געזאָגט, אז ניט נאָר „אין שחיטה־שטאָט", וואָס איז א אידישער וואַריאַנט פון דעם העברעאישן „בעיר ההרגה", און „כ'וואָלט געוועז א בעלן וויסן", וואָס איז א אידישע איבערדיכטונג פון דער צווייטער העלפט „לא הראני אלהים" — האָט געשאַפן ביאַליק דער העברעער; אים געהערט אויך „דאָס לעצטע וואָרט" און „כ'בין נישט אויף אייער רוף גע־ גאַנגען", כאָטש זיי זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן אויף אידיש. זייער גוף איז אידיש, זייער נשמה העברעאיש. און אזוי זיינען פאַרקערט, דאָ ביי אים לידער, וועלכע שטאַמען פון אידיש און זיינען פול מיטן גייסט און גוסט פון אידיש, כאָטש ער האָט זיי געשריבן אויף העברעאיש. אַזוינע לידער זיינען: „תקות עני", צום טייל „שירתי", און דער גרעסטער טייל פון די מייסטער־ האַפטע „שירי עם". אין די שאַפונגען פון דעם מין זיינען אידיש און דער אידישער לעבנסשטייגער פאַרהעברעאישט געוואָרן; זיי זיינען דאָך געבליבן אידיש און עס פילט זיך אין זיי יענע איינפאַכקייט, יענע אידילישקייט און יענער האַרציגער הומאָר, וועלכע זיינען אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר ביאַליקן דעם פאָלקס־מענטש און דעם אידיש־מענטש. פונקט אזוי אידיש זיינען די רעאַליסטישע דערציילונגען ביאַליק'ס, כאָטש אויך זיי זיינען געשריבן געוואָרן אויף העברעאיש. אַזוינע דערציילונגען, ווי „אריה בעל גוף", „מאַרינקע" („מאחורי הגדר"), „החצוצרה נתבישה", „יום הששי הקצר" און אַנדערע זיינען אין דעם דיכטערס געדאַנקען איבערגעזעצט געוואָרן פון אידיש. זיי זיינען אזוי וואונדערלעך איבערגעזעצט געוואָרן, אז זיי האָבן א העברעאישן אויסזען, זייער תוך אָבער איז אידיש... ווי האָט ביאַליק אליין אַמאָל געשריבן אין זיין עסעי „חבלי לשון": „נאָר דער, וואָס גלויבט, אז ראובן קאָן ווערן שמעון, ועט גלויבן, אז מ'קאָן מיט איינמאָל, דורך א ווערטערבוך־איבערזע־ צונג, פאַרוואַנדלען איין שפּראַך אין א צווייטער. אָבער דער, וואָס וויים, אז יעדע שפּראַך איז א לעבעדיג אָרגאַניש וועזן, א וועלט פאַר זיך אַליין... דער

וועט קיינמאָל נישט גלויבן אין אַזאַ זאַך". און ביאַליק האָט עס געוואוסט בעסער ווי ווער עס איז. האָט ער דאָך געשריבן, אַז „דעם מענטשנס גייסט איז אַזוי באַהעפט און צענויפגעגאָסן מיט דעם גייסט פון זיין שפּראַך, אַז לאָזן אויסגיין דער אייגענער שפּראַך און איבערגיין צו אַן אַנדערער איז אַזוי ווי לאָזן דער נשמה אויסגיין" („וכל יציאה מלשון אל לשון יש בה מעין יציאת נשמה קטנה"). און ער האָט ניט געוואָלט קיין טויטע שפּראַך. האָט ער געהיט די נשמה סיי פון אידיש, סיי פון העברעאיש, און ווען ער האָט געוואָלט זיי דערנענטערן צווישן זיך, האָט ער דערנענטערט זייערע נשמה'ס. ער האָט אידיש, ווען דאָס איז נויטיג געווען, פאַרהעברעאישט פון אינווייניג, און העברעאיש האָט ער — אין געוויסע פאַלן — אינווייניג פאַראידישט. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ער איז געווען פעיאיג צו זיין אַ העברעאישער דיכטער אויף אידיש און אַ אידישער — אויף העברעאיש.

ז. וועגן דער אידישער איבערזעצונג

י. י. שווארץ האָט זיך גענומען נאָכצוזינגען דעם העברעאישן ביאַליקן — אויף אידיש. ס'איז שווער, ס'איז אָפּט אוממעגלעך נאָכצוזינגען אַ פּאָעט אין אַן אַנדער שפּראַך. אַ שפּראַך איז ניט קיין רשימה פון ווערטער, צעשאָטענע ווערטער, וואָס ווער עס וויל קאָן קומען און זיי צענויפשטעלן, צענויפבינדן — און פאַרטיג. אַ שפּראַך איז אַן אוצר מיט בילדער, אַ זאַמלונג קונסט־מיניאַטורן, געשאַפן פון פאָלק און פון דעם פאָלקס מסורה אויפגעהיט, פאַר־היילינגט... יעדער לשון שאַפט זיין בילדליכקייט לויט זיין אייגענער געשטאַלט, און זיין אייגענעם פורעם... וויל מען אַ ווערק איבערזעצן אויף אַן אַנדער שפּראַך, מוז מען עס נאָך אַמאָל אויפשרייבן אויף יענער שפּראַך, ד. ה. פונסניי אויס־דריקן וואָס איז שוין איינמאָל אויסגעדריקט געוואָרן. דערביי מוז מען אַי אָפּהיטן די נשמה פונם ווערק, אַי געדענקען, אַז דער לשון, אויף וועלכן מען שרייבט עס נאָך אַמאָל אויף, האָט זיין אייגענע נשמה. דאָס איז זייער אַ האַרבער ענין, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס י. י. שווארצן, ווי יעדן שעפערישן איבערזעצער, געלינגט אָפּטער מיטצוזינגען מיטן פּאָעט, ווי אים נאָכצוזינגען. י. י. שווארץ איז אַליין אַ דיכטער, איז ער אין זיין ביאַליק־פאַר־אידישונג, ווי אין „אונזער ליד פון שפּאַניע", אַן אויסגעצייכנטער מיטזינגער. ער קאָן מאַכן איינציגע טעות'ן, אָבער דאָס זיינען טעות'ן אין אַ וואָרט, אין אַן אויסדרוק, ניט אינם עצם תוך פונם ווערק. דעם תוך גיט ער איבער פריי,

פריש און לעבעדיג. מען פילט, ווען מען לייענט זיינע אידישע איבערדיכ־טונגען פון ביאליקן און אנדערע פּאָעטן, אז עס איז נישט נאָר עפּעס איבער־געגאָסן געוואָרן פון איין כלי אין אן אַנדערער (און אביסל אויסגעוועפּט גע־וואָרן), — ניין, עס איז אויף דער נייער כלי ניי געשפּילט געוואָרן, און דער שפּילער, דער אַזויאָנגערופענער איבערזעצער, האָט א חלק אינם ניגון...

י. י. שווארץ איז מיט זיין אידיש געוואָרן א שותף למעשה ביאליק, אָבער ער איז א שטילער, א טריי איבערגעגעבענער שותף, און ער פליסט זיך צו שאפן מיט זיינע טענער אן עכאָ, א פרייע און דאָך טרייע עכאָ פון ביאליקס שטים.

ח י י ם   נ ח מ ן   ב י אַ ל י ק

לידער און פּאָעמען אָריגינעל געשריבן אין אידיש

גלוסט זיך מיר וויינען . . .

גלוסט זיך מיר וויינען געשמאַקער פון האַרצן,
ציט מיך, ווי כמאַרעס, צום ים, צו דעם שוואַרצן,
טיפער צו אייך, מיינע עלנטע ברידער.
כ׳ווייס אויך: אַ טרער פון מיין אייגענער מאַמען
עקבערט דעם תהום דאָרט אין אייערע ים׳ען,
בענקט אפשר שטילערהייט נאָך מיינע לידער.

כ׳ווייס איר האָט טרערן נאָך ניט אויסגעוויינטע,
צרות דערציילטע און נאָך מער געמיינטע,
וואָס ווי פאַרשטיקטע, פאַרבאָרגענע קוואַלן
לעכערן שטיינער און רייסן איין קברים,
שלענגלען זיך, בלאָנדזשען אין דר׳ערד, ווי אַ וואָרים —
און ווערן אין דר׳ערד דאָרט פאַרפאַלן.

דורכשלאָגן זאָלן זיך אייערע טרערן!
גרינגער זאָל ווערן און פרייער זאָל ווערן! —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט אַמאָל געבן:
איבערגיין וועלן די פינסטערע צייטן,
אויך אונז וועט אפשר געראָטן, ווי לייטן,
בעסערס און שענערס דערלעבן.

און פאַר אַ זכר פון היינטיגע כמאַרעס
וועט אייך פאַרבלייבן אַ נייער „על נהרות״,
וואָס ער וועט הימל און ערד איבערקערן.
גליקלעך איז דער און געבענטשט זאָל דער ווערן,
וואָס וועט פאַראייביגן אייערע טרערן
הייליגע, צוויי-טויזנט-יעריגע טרערן.

אין שחיטה־שטאָט

... פון שטאָל און אײַזן, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש, — און קום!
קום גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען מיט דײַנע אויגן,
זאָלסט אָנטאַפּן מיט דײַנע אייגענע הענט,
אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף אַלע העלצער,
דאָס שוואַרץ־פאַרטריקנט בלוט מיט די געהירן
פון דײַנע ברידערס קעפּ און העלזער.
און אומבלאָנדזשען זאָלסטו צווישן חורבות
דורך ווענט צעבראָכענע מיט אויסגעקרימטע טירן,
פאַרביי צעשטירצטע אויוונס, האַלבע קוימענס,
אַנטבלויזטע שוואַרצע שטיינער, האַלב־פאַרברענטע ציגל,
וואו פייער, האַק און אײַזן האָבן נעכטן
אויף דער בלוט־חתונה אַ ווילדן טאַנץ געשפּילט;
און קריך דורך בוידעמער, דורך לעכעריגע דעכער,
און קוק זיך אײַן אין אַלע שוואַרצע לעכער —
דאָס זײַנען אָפ׳נע, שוואַרצע, שטומע וואונדן,
וואָס וואַרטן מער אויף קיין רפואה אין דער וועלט...

אין גאַסן וועסטו גיין, מיט פעדערן פאַרפלייצטע —
דו באָדסט זיך אין אַ טײַך, אַ ווײַסן טײַך,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון מענטשנס בלוטיגן שווייס;
דו טרעטסט אויף גאַנצע בערג צעפּליקטע האָב־און־גוטס —
דאָס זײַנען גאַנצע לעבנס, גאַנצע לעבנס,
צעבראָכענע אויף אייביג ווי אַ שאַרבן!
דו גייסט, דו לויפסט, דו פּלאָנטעסט זיך אין חורבן,
מעש, זילבער, פּוטער, שמות, זייד און אַטלעס,

צעריסענע, צעפליקטע אויף פּיץ־פּיצלעך,
מיט פּיס צעטראָטענע שבתים, ימים־טובים, נדנס,
טליתים, תפלין, פּאַרמעט, שטיקער תורה,
יריעות הייליגע, קלאָר־ווייסע וויקעלעך פון דיין נשמה,
זע, זע, זיי וויקלען זיך אַליין אַרום דיין פוס
און קושן דיר די טריט פון מיסט אַרויס
און ווישן אָפּ פון דיינע שיך דעם שטויב . . . —
דו לויפסט? צו ליכט און לופט אַנטלויפסטו?
אַנטלויף, אַנטלויף — דער הימל לאַכט פון דיר!
די זון וועט דיר מיט שפּיזן אויסשטעכן די אויגן,
אַקאַציעז, מיט פרישע גרינס־און־ווייס באַצויגן,
וועלן סמ׳ען דיך מיטן ריח פון בלוט און בליטן,
דיין קאָפּ מיט בלימעלעך און פעדערן באַשיטן,
און שטיקלעך גלאָז פון מיטן גאַס מיט טויזנט גלאַנצן
וועלן דיר אַנטקעגן אויף דיין בייז־וואונדער טאַנצן . . .
דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג:
אַ שחיטה מיט אַ פרילינג;
דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן —
און דער שוחט האָט געשחט׳ן . . .
דער חלף האָט געגלאַנצט, און פון דער וואונד
האָט בלוט מיט גאָלד געפליסט . . .
אַנטלויפסט? באַהאַלטסט זיך אין אַ הויף? — אומזיסט!
אָט איז אַ בערגל מיסט!
דאָ האָט מען צוויי געקעפּט: אַ אידן מיט זיין הונט . . .
אין מיטן הויף האָט נעכטן זיי איין האַק געקעפּט
און היינט האָט זיי אַהער איין שוויין פאַרשלעפּט,
געשנאָרט, געגריבלט זיך אין זייער אויסגעמישטן בלוט.
שאַ, מאָרגן וועט אַ פרישער רעגן קומען
און אָפּשווענקען דאָס בלוט אין רינשטאָק, סזאָל ניט שרייען
צום הימל גוואַלד פון מיסט אַרויס, און אפשר
איז שוין דאָס איינגעזונקען אין דעם תהום דעם שטומען
און זייגט די דערנער אָן דאָרט ביי אַ פּלויט אַ קרומען,
און מאָרגן וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטן,

ווי אַלע טאָג, אַ ליכטיגע אַרויסגיין
פון מזרח זייט, געמינערט ניט אַ האָר נישט,
און שאַ, און שטיל, און גלייך ווי גאָרנישט . . .

און ווילד, משוגע ווילד, פֿאַרקריכסטו אויף אַ בוידעם
און בלייבסט דאָרט שטיין אין פֿינסטערניש אַליין;
דו פֿילסט? דאָ שוועבט נאָך איצט אַרום דער טויט-שרעק
און פּאַכעט מיט אַ קאַלטן שוואַרצן פֿליגל
און פֿרירט די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפּ;
און דאָ און דאָרט, פון אַלע שוואַרצע לעכער —
זע אויגן, אויגן, שטומע אויגן קוקן . . .
דאָס קוקן די נשמות פון די קדושים,
פֿאַרוואָגלטע, פֿאַרשטויסענע נשמות,
וואָס האָבן זיך אינאיינעם דאָ אין ווינקל
צונויפֿגעפּרעסט דערשראָקענע — און שווייגן . . .
אָט דאָ האָט זיי די שאַרפֿע האַק געפֿונען
און אָט אַהערצו קומען זיי אַ קוק טאָן,
צום לעצטן מאָל אין זייערע שוואַרצאַפּלען
פֿאַר'חתמ'ענען פון זייער סוף דעם אָפּשיין,
די גאַנצע שרעק פון זייער וויסטן לעבן . . .
און ציטערנד, ווי טויבן פֿאַר דער שחיטה,
דאָ טוליען זיי זיך צו דעם דאַך אינאיינעם
און קוקן לאַנג אויף דיר מיט שטומע אויגן,
וואָס מאָנען נאָר און פֿרעגן דיך אָן לשון
און טענה'ן שטומערהייט אַלץ יענע אַלטע טענה,
וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט צום הימל
און וועט צום הימל קיינמאָל ניט דערגרייכן:
„פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס? און נאָך אַמאָל פֿאַרוואָס? . . ."

און דו פֿאַררייסט דעם קאָפּ — ניטאָ קיין הימל!
אַ דאַך, אַ שטומער דאַך, מיט שוואַרצע שינדלען;
אָט הענגט אַ שפּין — גיי, פֿרעג דעם גרינעם שפּין!
ער האָט געזען אַלצדינג, ער איז אַן עדות,

איין לעבעדיגער עדות אויף דעם בוידעם,
לאָז ער זשע דיר דערציילן אַלע מעשות:
אַ מעשה פון אַ בויך מיט פעדערן געפילט,
פון נעזלעכער מיט נעגל, קעפּ מיט האַמערס,
פון מענטשן נאָכן קוילען קאָפּ־אַראָפּ, ווי גענז,
צום באַלקן פון דעם בוידעם אויפגעהאַנגען,
און פון אַ קינד אַן איינגעשלאָפנס מיט זיין מאַמעס
צעשפּאַלטענע און טויטע ברוסט אין מיילכל,
און נאָך אַ קינד אַ לעבעדיגס צעריסן,
אינאיינעם מיט זיין לעצטן שריי אויף צווייען —
אַ האַלבער „מאַ . . . ! ״ און „מאַמע״ ניט געענדיגט . . .
און נאָך, און נאָך פיל מוראדיגע מעשות,
וואָס לעכערן דיין קאָפּ, וואָס עקבערן דיר דעם מוח
און טויטן דיר אויף אייביג דיין נשמה.
און דו דערשטיקסט אין קעל דיין ווילדן בריל
און שפּרינגסט אַראָפּ און לויפסט אַרויס אין גאַס —
און נאָך אַמאָל פאַר דיר אַ וועלט ווי נעכטן,
און אומפאַרשעמט גיסט אויס די זון, ווי תמיד,
פאַר יעדער שוועל, פאַר יעדער טיר, איר שפּיללעכט
און וואַרפט אַרויס איר גאָלד פאַר די חזירים . . .

נאָר ווייטער גיי, אַנטלויף פון ליכט, באַהאַלט זיך,
אין דר׳ערד אַריין פאַרקריך, אין שוואַרצן קעלער,
און פרעס דאָרט אויף דיין שטאָלן־האַרץ פאַר ווייטאָג:
דו זעסט? דאָ האָבן אומריינע ערלים
די ריינע טעכטער פון דיין פאָלק געשענדעט.
אויף איינער צען, אויף איינער צען, די מוטער —
דער טאָכטער אין די אויגן, און די טאָכטער —
דער מוטער אין די אויגן, פאַרן קוילן,
בעתן קוילן, נאָכן קוילן . . . נעם־זשע,
בן־אָדם, נעם טאָפּ אָן מיט דיינע הענט די פלעקן
פון בלוט מיט עפּעס אַנדערש אויף דער קישן,
וואו מיט זיין האַק, וואָס טריפט נאָך וואַרים בלוט,

האָט זיך אַווילדער חזיר־מענטש געוואַלגערט . . .
און זע, בן־אדם, זע : אין יענעם ווינקל,
דאָרט אונטער יענער פּאַס, ביי יענעם קאַסטן,
פאַרשטעקט אָן אָטעם זיינען זיך געלעגן
חתנים, ברידער, מענער, זין און טאַטעס
און צוגעקוקט פון זייער לאָך, ווי ס׳צאַפּלען
און וואַרגן זיך מיט אייגן בלוט און עקל
די הייליגע, די ריינע, פרומע לייבער,
געדראָשענע פון טמא׳ן גוי און אייזן —
דאָס צוגעקוקט, אין דר׳ערד געלעגן און געשוויגן,
און ניט די אויגן זיך אַרויסגעריסן,
דעם קאָפּ זיך ניט צעקלאַפּט און ניט אַראָפּ פון זינען . . .
און אפשר האָט נאָך יעדערער פון זיי באַזונדער
פאַר זיך געפּליסטערט שטיל מיט זיינע לעפצן :
„טו, גאָטעניו, אַ נס, פאַרבלענד זיי, גאָט, די אויגן,
זיי זאָלן מיך, דיין קנעכט, ניט זען . . . ״ און נאָכדעם,
ווען איינע האָט זיך יאָ דערוואַכט צום לעבן,
פון בלוט און שמוץ אַרויס צום וויסטן לעבן,
פאַראומרייניגט פאַר זיך, פאַר גאָט, פאַר ביידע וועלטן —
איז ער, דער מאַן, פון לאָך אַרויסגעקראָכן,
צו גאָט אין שול געלאָפן בענטשן „גומל״
און פרעגן דאָרטביים רב אַ פרומע שאלה :
„צי מעג ער מיט זיין אשה ווייטער לעבן ? . . . ״

אַרויס קריך, מענטש, קום ווייטער, כ׳וועל דיר ווייזן
באַהעלטענישן — שטאַלן פון חזרים,
און זע מיט דיינע אויגן אַלע מיסטן,
וואו דיינע ברידער, חשמונאים יורשים,
די אייניקלעך פון אייביגע קדושים,
אין יעדער לאָך צו דריי מנינים האָבן
אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבאַהאַלטן
און גרויס געמאַכט צווישן מיסט מיין נאָמען . . .
אַנטלאָפן, ווי די מייז, באַהאַלטן זיך, ווי וואַנצן,

און, ווי די הינט, געשטאָרבן . . . און צומאָרגנס
איז פון זיין שטוב אַ זון אַרויס און האָט געפונען
אין מיסט זיין טאַטנס פגר . . . וואָס־זשע ווינסטו, מענטש ?
צו וואָס פאַרדעקסטו מיט די הענט דיין פנים ? —
קריץ שטאַרקער מיט די ציין און פלאַץ פאַר וויטאָג !

איצט גיי אַראָפּ אין טאָל, דאָרט גרינט אַ גאָרטן,
אין גאָרטן שטייט אַ שטאַל, די טויטע שטאַל ;
וואו איינגעשלאָפענע אויף זייערע קרבנות,
טויט־שיכורע פון בלוט, וואַמפּירן ווילדע —
זע, ליגן דאָרט אין שטאַל צעוואָרפן רעדער
צעבראָכענע, מיט בלוט און מאַרך פאַרשפּריצטע,
מיט שפּיצן אָפענע און אויסגעשטרעקטע,
ווי פינגער מערדערשע צו עמיצנס אַ האַלז.
וואַרט אויס, פאַרנאַכט, ווען פייערדיג און בלוטיג
וועט אונטערגיין אין מערב־זייט די זון —
זאָלסטו זיך שטיל אַריינגנבען אין שטאַל —
און ווער פאַרפאַלן דאָרט אין תהום פון שרעק . . .
אַ שרעק, אַ שרעק ! זי שוועבט דאָ אין דער לופטן,
זי רוט אויף אַלע ווענט, איז איינגעפּרעסט אין שטילקייט . . .
שאַ, הער זיך איין : סע רירן זיך די רעדער . . .
דאָס צאַפּלען דאָרט פון אונטן שטיקער אברים,
זיי וואַרפן זיך אין אייגן בלוט און גוססן . . .
אַ שטילער קרעכץ, אַ כאָרכלען פון אַ האַלז
אַ ניט דערקוילעטן, אַ לעצטער זיפץ,
אַ צוגעשטיקטער רוף, אַ קריץ פון ציין . . . —
דאָס אַלעס וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ אונטער רעדער,
און שלאָגט זיך אָן די שפּיצן, אָן די העלצער,
און שפּאַרט זיך דורך פון לעכער און פון שפּאַלטן
און בלייבט פאַרגליווערט הענגען אין דער לופטן,
אַ שוואַרצע חופה אויף דיין קראַנקן קאָפּ.
אַ ווי, אַ שטומער ווי, אַ צער, אַ גרויסער צער . . .
יסורים שטומע פלאַטערן . . . שאַ, שטילער,

ס'איז נאָך דאָ עמיצער מיט דיר, ער בלאָנדזשעט
מיט צוגעמאַכטע אויגן אין דער פינסטער,
פאַרטיפט אין אָפּגרונטן פון גרויסן אומעט,
שטרעקט אויס פאַר זיך צוויי דאַרע הענט צום שוואַרצן
מיט שטומע אַנגסטן אָנגעפילטן חלל
און טאַפּט די פינסטערניש מיט בלינדע פינגער,
ניט זוכנדיג קיין אויסוועג פאַר זיין טרויער —
ס'איז ער, ס'איז ער אַליין, דער גרויסער שמערץ־גייסט,
וואָס האָט זיך זעלבסט פאַרשלאָסן דאָ אין תפיסה
און אָן רחמנות זיך אַליין פאַרמשפּט
אויף אייביגע, אויף גרויסע שטומע ליידן;
און ערגעץ דאָ אין שטאַל, אַרום אייך ביידע,
איז נע־ונד, און שוועבט אַרום און רוט ניט,
און קאָן פאַר זיך קיין ווינקל ניט געפינען,
אַ מידע, אַ טויט־מידע, שוואַרצע שכינה.
האַרץ־רייסנד! ווײנען וויל זי — און זי קאָן ניט,
כאָטש איין געשריי טאָן — און זי שווייגט . . .
שטיל וואַרגט זי זיך מיט אירע טרערן,
פאַרשפּרייט די פליגל איבער די קדושים,
פאַרלייגט דעם קאָפּ אַרונטער און פאַרגייט זיך
און וויינט, און וויינט אין זיך אָן לשון . . .

שאַ, גיי פּאַמעלעך צו, פאַרשליס די טיר
און אויג־אויף־אויג בלייב איבער דאָ מיט איר.
און לאָז זיך אָנזאַפּן אויף אייביק דיין נשמה
מיט אירע שטילע, ברענענדיגע ליידן;
און ווען אין דיר וועט אַלעס אָפּשטאַרבן און שווייגן —
נעם ריר זיי אָן — זיי וועלן אויפלעבן און ריידן.
און גיי אַוועק, צעטראָג זיי אין דיין שויס
אין אַלע עקן פון דער גאַנצער וועלט
און זוך, נאָר ניט געפין, פאַר זיי קיין נאָמען . . .

איצט גיי אַרויס פון שטאָט, ווען קיינער זעט ניט,
און שלייך זיך שטיל, פּאַמעלעך צום בית־עלמין,
און שטעל זיך אויף די פרישע קדושימס קברים,
און שטיי, און קוק, און לאָז אַראָפּ די ברעמען —
און ווער פאַרשטיינערט!
דיין הארץ זאָל אויסגיין, חלש'ן אַ טרער —
נאָר טרוקן, ווי אַ שטיין אין מדבר, בלייבט דיין אויג;
און שרייען וועסטו וועלן, רייסן קברים,
און ברילן ווי אַן אָקס צום שחיטה־באַנק געבונדן —
נאָר שטום, ווי די מצבות, בלייבסטו שטיין.
נעם קוק זיי אָן, דאָ זיינען זיי די קדושים,
דאָ ליגן זיי גע'שחט'ענע, ווי קעלבער,
און האָסט פאַר זיי קיין טרער, ווי איך — קיין לוין...
איך בין אַהער געקומען, טויטע ביינער,
ביי אייך מחילה בעטן: זייט מיר מוחל!
זייט מוחל אייער גאָט, איר אייביגע פאַרשעמטע,
פאַר אייער ביטערן פינסטערן לעבן זייט מיר מוחל,
פאַר אייער צען מאָל ביטערן טויט.
אַז איר וועט קומען מאָרגן אונטער מיינע טירן
און אַנקלאַפּן ביי מיר און מאָנען לוין —
וועל איך אייך עפענען, קומט זעט — איך האָב נישט!
אַ גאָטס רחמנות איז אויף אייך — נאָר כ'האָב נישט!
אַ יורד בין איך, גליך מיט אייך פאַראָרימט...
און וויי, און וואונד און וויי איז אַלע וועלטן!
און לאָזן אַלע הימלען ברומען פאַר רחמנות! —
אַזעלכע קרבנות — און אומזיסטע!
אומזיסט אַזוי געלעבט, אַזוי געשטאָרבן,
ניט ווי סנדיג צו וואָס, פאַר וואָס, פאַר ווער?
אין וואָלקן איינגעהילט איר קאָפּ וועט אייביג
מיין אַלטע שכינה וויינען שטיל פאַר בושה,
און נאַכט אויף נאַכט וועל איך אַראָפּ פון הימל
באַוויינען זיך אויף אייער קבר...
די שאַנד איז זייער גרויס, און זייער גרויס דער ווייטאָג —

און וואָס איז גרעסער ? — זאָג שוין דו, בן־אָדם !
ניין, שוויג בעסער, און זיי אַ שטומער עדות,
אַז דו האָסט מיך אין אָרימקייט געפונען
און צוגעזען מיין עלנט און מיין טרויער.
און גייענדיג צוריק — נעם מיט, בן־אָדם,
אַ טייל פון צער מיינעם, פון שטילן ווייטאָג,
און מיש אים אויס מיט צאָרן־גיפט און וואַרף אים
אין שויס פון די נאָך־לעבעדיקע מתים . . .

וווילסט גיין צוריק — פאַרקוקסטו זיך אויף גרעזלעך.
אַ פרישע יונגע בשורה פון אַ פרילינג
פילט אָן דיין האַרץ, באַהויכט דיר דיינע אויגן
מיט שטילן באַנג נאָך ווייטן, נייעם לעבן, —
ס'איז קברים־גראָז, סע שמעקט מיט טויט, בן־אָדם ! . . .
רייס אויס אַ הויפן גראָז, פאַרוואַרף דאָס הינטער זיך
און זאָג דערביי, צומאַכנדיג די אויגן :
„מיין פאָלק איז אָפּגעריסן גראָז — צי קאָן דען
אַן אָפּגעריסנס נאָך לעבן ? . . . "
און קוק זיך מער ניט אום — אַנטלויף פון דאַנען,
צו די נאָך־לעבעדיגע לויף, ס'איז היינט אַ תענית,
און פאַל אַריין צו זיי אין שול, און ווער פאַרפאַלן
אין זייער ברענענדיגן ים פון טרערן . . .
דו הערסט ? יללות, ווילדע, שרעקלעכע יללות,
דורך מיילער אָפענע, דורך ציין פאַרקלעמטע,
צערייסן זיך אויף טויזנט לעבעדיגע שטיקער,
פאַרמישן זיך און גיסן זיך צונויף
אין איין פאַרצווייפלטן און מוראדיגן יאָמער,
וואָס וואַרפט זיך ווי אַ קראַנקער, אין דער לופטן
אויף קעפּ, פאַרריסענע צום פייכטן באַלקן,
אויף פּנימער, פאַר ווייטאָג אויסגעקרימטע . . . . —
אַ גרויל, אַ גרויל ! — אַ פראָסט נעמט דורך דיין לייב !
אַזוי קלאָגט נאָר אַ פאָלק, וואָס איז פאַרלוירן,
וואָס אַש און רויך איז זיין נשמה, און אַ מדבר,

אַ וויסטער מדבר, איז זיין האַרץ געוואָרן;
קיין איינציג גרעזל האַס, קיין קערנדל נקמה!
דו הערסט? זיי קלאַפּן זיך אין ברוסט „אָשמנו!”,
זיי בעטן, איך זאָל זיי די זינד פאַרגיבן . . .
צי זינדיגט דען אַ שאָטן אויף די ווענט —
אַ שאַרבן אַ צעבראָכענער, אַ טויטער וואָרעם? —
וואָס בעטן זיי? וואָס שטרעקן זיי די הענט?
אַ פּויסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות,
און איינלייגן די וועלט, צערייסן הימלען,
מיין שטול, מיין כסא־כבוד, איבערקערן! . . .

*

און הער, בן־אָדם!
צעשרייט דער חזן זיך ביים עמוד:
„טו, גאָט, פאַר די געשחט'ענע קרבנות!
פאַר די צדיקים טו, פאַר פּיצלעך קינדער!”
און נאָכשרייען מיט קולי־קולות וועט דער עולם,
אַזוי אַז אַלע ווענט און זיילן פון דעם הויז
מיט דיר אינאיינעם וועלן ציטערן פאַר פּחד —
וועל איך אויף דיר אַן אַכזר זיין, אַ גרויסער אַכזר —
מיט זיי וועסטו ביי מיר ניט וויינען!
און הויבט זיך אויף אין דיר אַ בריל און רייסט זיך —
דערשטיק איך אים צווישן דיינע ציין!
דו זאָלסט דאָס אומגליק ניט ווי זיי פאַרשוועכן,
פאַרבלייבן זאָל דאָס אומבאַקלאָגט לדורות . . .
און דיין ניט־אויסגעוויינטע טרער באַגראָב אין זיך,
אין האַרצן טיף פאַרמויער זי, בוי אויס דאָרט
פון האַס, פון גרימצאָרן און גאַל פאַר איר אַ פעסטונג,
און לאָז זי וואַקסן דאָרט אַ שלאַנג אין נעסט,
און זייגן זאָלט איר איינער פון דעם צווייטן,
און תמיד בלייבן הונגעריג און דאָרשטיג;

און ווען אַ בייזער יום־הדין וועט קומען —
צעברעך דיין האַרץ, באַפריי די בייזע שלאַנג!
און לאָז זי אָפּ ווי אַ פאַר'סמ'טע פייל,
טויט־הונגעריג מיט ברענענדיגן גיפט,
אין מיטן האַרצן פון דיין אייגן פאָלק . . .

און מאָרגן גיי אַרויס אין גאַס, בן־אָדם,
און זע: אַ מאַרק, אַ מאַרק פון לעבעדיגע בראָכוואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב־טויטע מענטשן־ווערעם,
צעבראָכענע און אויסגעקרימטע רוקנס,
פאַרוויקלטע אין שמאַטעס הויט און ביינער,
מיט קינדער וויסטע קאַליקעס, מיט ווייבער
צום טויט פאַרמאַטערטע און איינגעדאַרטע,
אַ היישעריק, סוף־זומערדיגע פליגן,
באַפאַלן טיר און טויער, אַלע פענסטער,
באַלאַגערן די שוועלן פון די הייזער
און שטרעקן אויס, געלערנטע צו בעטלען, קרומע הענט
מיט אויפגעדעקטע איטערדיגע וואונדן,
און יעדערער שרייט אויס זיין פעקל סחורה,
פאַררייסנדיג די לויזע אויגן צו די פענסטער,
ווי קנעכט, ווי הינט געשלאָגענע צום בעל־הבית!
אַ גראָשן פאַר אַ וואונד, אַ גראָשן פאַר אַ וואונד!
אַ גראָשן פאַר אַ טאָכטער אַ געשענדטע!
אַ גראָשן פאַר אַן אַלטן טאַטנס טויט
און פאַר אַ יונגן חופּה־זון אַ קדוש!

צום בית־הקברות מיט די טאָרבעס, שלעפּער!
אַהינצו גייט, גראָבט אויס די ווייסע ביינער
פון אייערע קדושימס פרישע קברים,
שטאָפּט אָן די טאָרבעס, יעדערער זיין טאָרבע,
און לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין, און שלעפּט זיך
פון שטאָט צו שטאָט, וואו ערגעץ אַ יאַריד,
און אונטער אַלע פרעמדע הויכע פענסטער

זינגט הייזעריגע בעטלערשע נגונים,
און רחמים בעט, און שנאָרערט אויס, און שווינדלט,
ווי ביז אַהער, מיט אייער פלייש און ביין.

*

און איצט גענוג, אַנטלויף, דו מענטש, אַנטלויף אויף אייביג!
אין וויסטן מדבר לויף — און ווער משוגע!
צערייס אויף טויזנט שטיקער דיין נשמה
און וואַרף אַרויס דיין האַרץ פאַר ווילדע הינט;
און לאָז דיין טרער אַראָפּפאַלן אויף הייסע שטיינער
און דיין געשריי זאָל איינשלינגען דער שטורעם . . .

דאָס לעצטע וואָרט

(נביאיש)

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט:
ער האָט געזען, איר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזען, איר פוילט און פאַלט,
איר ווערט פון טאָג צו טאָג מער אַלט;
און אָפּגעלאָזט האָט זיך די האַנט
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך אין אייך דערמאַנט,
און ער האָט מיך צו אייך געבראַכט.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מער! . . .
גיי רייס פון זייער האַרץ אַן ׳אוי׳!
שיס אויס פון זייער אויג אַ טרער!
און שווער זאָל זיין די טרער און ביטער
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי — די ערד זאָל טאָן אַ ציטער
און אָפּטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס".

איך האָב געפאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געווען מיט שטיינער;
נאָר איין געפיל און איין פאַרלאַנגען
האָט טיף געגליט אין מיינע ביינער;
איך האָב געפילט איר זייט ביי שלאַנגען . . .
און מיט אייך, ביי אייך — קיינער, קיינער . . .

מיך האָט געטריבן אייער ווייטאָג,
איך האָב געמיינט מיין הילף איז נויטיג.
איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט פאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדן שמאַרץ
און ווערט פאַרברענט פון יעדנס גיהנום . . .
איך האָב געהערט, עס איז אייך שווער,
האָב איך געמיינט, איר פילט און ווייסט
און וואַרגט זיך שטיל מיט אייער טרער
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט, —
און טייער זיינען די מינוטן . . .
„איך גיי, איך קום — כ׳וועל היילן וואונדן,
מיט אייך אינאיינעם וועל איך בלוטן,
און וואו מען דאַרף, וועל איך פאַרבינדן,
און וואו מען מוז, וועל איך אָפּלעקן
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אייער וואונד.
כ׳וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן —
און וועל ניט לאָזן גיין צו גרונד!
איך גיי, איך קום — איך טראָג אַ טרייסט,
איך טראָג אַ בשורה פון נחמה;
איך בין געבענטשט פון גאָט מיט גייסט —
אייך וועל איך שענקען מיין נשמה . . .
איך בין פון גאָט מיט מוט באַשמידט,
וואָס רייסט אויס בערג און ווערט ניט מיד,
וואָס לאָזט מיין רוקן זיך ניט בויגן
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגן;
און גאָט האָט מיר געשענקט אַ צונג,
אַ שאַרפע, ווי אַ שאַרפע קלונג, —
אויב איר זייט שטיין — איז זי אַן אייזן,
אויב איר זייט אייזן — איז זי שטאָל . . .
איך קום, איך וועל זיך נאָר באַווייזן —
און איר וועט אויפשטיין מיט אַמאָל!" . . .

איצט שטיי איך אונטער אייער טיר —
און אָפּגענומען איז מיין לשון;
עס הענגט אַ שווערע נאַכט אויף מיר —
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשן.
מיך האָט באַגעגנט שפּאָט און שאַנד,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט —
און אָפּגעשטויסן איז גאָטס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט . . .

איך האָב שוין מער קיין שפּראַך פאַר אייך —
פאַר אייך איז פרעמד און טויט גאָטס שפּראַך.
איך האָב געזאָגט איין וואָרט — האָט דאָס
דער ווינט פאַרטראָגן מיט איין בלאָז;
נאָך איינס האָב איך געזאָגט — איז דאָס
געפאַלן, ווי אַ פונק, אויף גראָז —
נאָר טרוקן איז געווען דאָס גראָז
און אויסגעברענט האָט דאָס מיט רעש
און ס'איז דערפון געוואָרן אַש.
האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ קול —
האָט דאָס געטראָפן ווי אַ קויל
און ווי אַ דונער דורכגעלאָפן
אין מיטן שיינעם, העלן טאָג
און גלייך אין האַרצן אייך געטראָפן —
און אויסגעבראָכן האָט די קלאָג!
און אויסגעשאָסן האָט די טרער! —
נאָר, וויי מיר! פאַלש איז אייער ג'וויין!
ניט קיינער, קיינער גלויבט אים מער,
ניט גאָט, ניט איך, ניט איר אַליין . . .

בין איך צו אייך אין שמוץ געקראָכן
און אַלע קליידער איינגעריכט,
כ'האָב מיט די הענט פאַר אייך געבראָכן
און הילף ביי אייך פאַר אייך געזוכט . . .

נאָר קיינער קומט צו הילף ניט, קיינער,
און איך בין איינער, איינער, איינער . . .
מיין תפלה האָט געהערט די וואַנט,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט ;
און אָפּגעשטויסן איז גאָטס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט ! . . .

נאָר ווייסט, איר אומגליקלעכע, ווייסט —
איך האָב ניט מער פאַר אייך קיין טרייסט . . .
איך האָב אַ וואָרט, אַ שרעקלעך וואָרט,
וואָס וועט אייך הויבן פון דעם אָרט ;
וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכן שוואַרץ
און וועט פאַר'סמ'ען אייך דאָס האַרץ,
אין מויל פאַרגיפטן אייך דעם ביסן
און ביטער מאַכן אייך דאָס ברויט,
דאָס לעבן וועט דאָס אייך פאַר'מיאוס'ן
און וועט ניט געבן אייך דעם טויט . . .
ניטאָ פאַר אייך קיין וואָרט נחמה !
איך האָב פאַרברענט שוין מיין נשמה
און האָב מיין בונד מיט אייך צעריסן . . .
צעבראָכן ליגט אין דר'ערד מיין מוט —
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסן
און וועל באַשפּייען אייך מיט בלוט . . .

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי :
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס אַן 'אוי' !
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטן מאָל,
אַז ציטערן זאָל באַרג און טאָל ;
און נעם זיך אָן מיט גאַל און זאָג :
הערט, טויבע, הערט !
עס גייט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באַגיסן —

נאָר איר אַליין וועט בלייבן קנעכט
און וועט קיין טראָפּן ליכט געניסן . . .
און בלינדערהייט מיט זין און טעכטער,
וועט איר אַרומלויפן פאַר'סמ'ט
אַהין, אַהער, פאַר טויזנט מייל,
און בעטן, חלש'ן אַ שטראַל . . .
נאָר אייך באַגעגנט אַ געלעכטער,
וואוהין איר קומט, האָט איר פאַרזאַמט" . . .

איך שליס אויף אוצרות לעבן, מאַכט,
און ימים פרייד וועל איך צעגיבן —
נאָר איר אַליין וועט זיין פאַרשמאַכט
און אייער קוואַל וועל איך באַטריבן;
און טרוקענע, מיט זין און טעכטער,
וועט איר אין פרעמדע טירן קלאַפּן,
מיטן פּנים צו דער ערד צופאַלן
און איבער פרעמדע קוואַלן קניען
און דאָרשטיג אייער האַלז אויסציען
און בעטן, חלש'ן — אַ טראָפּן . . .
נאָר אייך באַגעגנט אַ געלעכטער,
פאַר אייך פאַרשלאָסן אַלע קוואַלן.

איך שיק אַראָפּ אַ מילדן גייסט,
וואָס פרישט ווי טוי פון גאָט און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען —
נאָר איר וועט טרוקן זיין, ווי שטרוי,
און ניט אויף אייך וועט פאַלן טוי,
איר? — איר וועט אייביג פוילן, שימלען.
און אויב ס'איז נאָך פון פריער געבליבן
אַ פונק פון גייסט, געפיל און גלויבן,
אַן ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער — —
וועל איך דאָס איינציגוויז אָפּרויבן.
און אייער האַרץ וועט בלייבן לער
אָן טעם, אָן ריח, אָן לייב און לעבן . . .

אוןוויסט וועט ווערן אייער צעלט,
און אומשלעפּן וועט איר זיך מידע,
ווילד־פרעמדע אויף אַ פרעמדער וועלט
און בעטלער אויף אַ רייכער סעודה,
און שטייענדיג ביי פרעמדע שוועלן,
וועט איר די וואונדן זיך אויפדעקן
און וועט פּאָר פרעמדע זיי אויסשטעלן,
אַ ציטערדיגע האַנט אויסשטרעקן
און בעטן הילף אויף בעטלער־לשון —
נאָר אויסבעטלען וועט איר פּאָר געלט,
און לעבן וועט איר פּאָר אַ גראָשן . . .

און שווער וועט אייך דאָס לעבן ווערן —
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערן . . .
און אייער קרעכץ פאַרטראָגט דער ווינט
און אייער קול וויל גאָט ניט הערן . . .
און שרעקלעך גרויס וועט זיין די נויט,
ווי גרויס און שרעקלעך איז די זינד;
און איר וועט חלש'ן דעם טויט
און בענקען וועט איר נאָכן לעבן . . .
נאָר גאָט וועט אייך ניטביידע געבן . . .
און שרעקלעך ווי וועט זיין דער שמאַרץ . . .
אפילו אייער אייגן האַרץ
וועט אייער אייגן מויל ניט גלויבן . . .
איר וועט זיך פּרוּוון הויבן, הויבן —
אַן אָטעם טאָן — און וועט ניט קאָנען.
דאָס איז אַ קבר, נאָר באַגראָבן
זייט איר דאָרט לעבעדיגערהייט . . .
דאָס איז אַ פייערדיגער גיהנום,
וואָס וועט קיין ענדע קיינמאָל האָבן —
נאָר ס'איז אַ גיהנום אָן אַ טויט . . .

אונ גאָט זאָגט מיר:
„איצט גיי אַראָפּ
צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טו אַ וואָרף, און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערן:
'אַזוי וועט איר צעבראָכן ווערן!'
און רייד ניט מער, ניט וויין, ניט שריי,
בויג אָן דעם קאָפּ און ווער פאַרשטומט — —
עס גייט דער טאָג, ער קומט, ער קומט" . . .

כ׳בין . . .

כ׳בין ניט אויף אייער רוף געגאַנגען,
איך קום צו אייך מיט זיבן וועגן;
איך פאַל אויף אייך, ווי טוי אויף זאַנגען,
און ווי אויף טרוקן גראָז דער רעגן.

אומזיסט האָט איר גערוישט, געליאַרעמט
און מיך באַגעגנט מיט געזאַנג:
איך האָב פאַר אייך אַ טויב געוואָרעמט,
און אויסגעפּיקט האָט זיך — אַ שלאַנג.

און זעט: מיך רירט ניט אייער שאַלן,
און אייער הילכיגער גערוס
ליגט טויט צו מיינע פיס געפאַלן
און איך צעטרעט אים מיט דעם פוס.

פון אייער אויסגעלאָשן אויג
בין איך דער לעצטער שוואַרצער בליץ,
פון אייערע פאַרקלעמטע ציין —
דער לעצטער צאָרנדיגסטער קריץ.

און רעד איך — מוזן הימלען שטומען,
די ערד באַוועגט זיך ניט פון אָרט;
די שטיינער קייקלען זיך און קומען
און שלינגען דאָרשטיג גאָטס אַ וואָרט.

אַ פריילעכס

ניט געניאַשט פון עולם־הזה,
עולם־הבא אויך נאָך גאַנץ —
וואָס־זשע פעלט אייך? — האַנט אויף אַקסל —
און לאָז פלאַקערן אַ טאַנץ!

זאָלן שווינדלען פאַר די אויגן
פיס און פּיאַטעס הויך און שטאַרק,
פונקען זאָל פון שטיינער שפּריצן,
אַנציינדן זאָל זיך דער מאַרק!

וואו אַ טראָפּן גאַל פאַרבאָרגן,
וואו אַ ווייַ און וואו אַ וואונד —
אויסגעטאַנצט מוז דאָס היינט ווערן
ביז צום סוף און ביז צום גרונד!

נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן,
נישט דערזאָרגט און נישט דערלעבט —
וואָס־זשע זאָרגט איר? — ווי די אָדלערס
הויבט זיך פּלוצים אויף און שוועבט!

איבער גאַנצע בערג פון צרות,
איבער ימים נויט און פּיין,
טראָגט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן —
און זאָל זיין דאָרט, וואָס ס'זאָל זיין!

איין מאָל לעבט מען, איין מאָל שטאַרבט מען,
איין מאָל קומט מען אָפּ דעם טאַנץ —

טאַנצט־זשע, ברידער! גאָט לכבוד
פלעכט אַ לעבעדיגן קראַנץ!

ניש ט קיין טאַטן, נישט קיין מאַמען,
נישט קיין גואל, נישט קיין פריינט —
וואָס־זשע וואַרט איר? — כל ישראל,
אַלע זיינען ברידער היינט!

אַלע אַלע איינגעשלאָסן
אין איין גרויסן פעסטן רונג,
איינגעפלאָכטן בערד און לאָקן,
שיך און זאָקן, אַלט און יונג.

און אַן אויפהער זאָל זיך ציען,
זאָל זיך שלענגלען אייער ראָד
פון דעם הקדש ביזן בית־עולם,
פון דעם שול־הויף ביז דער באָד.

ניש ט קיין ברויט און נישט קיין חלה,
נישט קיין פלייש און נישט קיין פיש —
וואָס־זשע זיצט איר? — פריילעך, ברידער!
כאַפּט אַ טאַנץ אַרום דעם טיש!

ברייטער, ברייטער און צעשפּרייטער
זאָל זיך דרייען אייער ראָד: —
ברייט, ווי טייכן, פליסט גאָטס נחת,
העכער הייזער — גאָטס גענאָד!

יאָ, עס רינט פון באָרד און פאות,
יאָ, מען וואָרגט זיך אַזש פאַר גליק! —
טאַנצט־זשע, ברידער, האָפּיי, שטאַרקער! —
און דאָס אייגענע צוריק!

נישט איין טראָפן צו דערקוויקן,
אויסגעטריקנט, ווי אַ קוואַל —
וואָס־זשע שמאַכט איר? — נעמט דעם בעכער,
גיסט אים אָן מיט גרינער גאַל.

אויסגעזופט — און נישט פאַרקרימט זיך,
נישט קיין ציטער אין די הענט!
זאָל אַ קרענק דער שונא וויסן,
וואָס אין האַרצן בראָט און ברענט.

העכער, העכער הויבט דעם בעכער,
חי־געלעבט! און חי־געקוועלט!
אויף צעפוקעניש די שונאים,
אויף צו־להכעיס גאָר דער וועלט!

נישט קיין אמת, נישט קיין יושר,
נישט קיין רחמים, נישט קיין דין —
נו, איז וואָס? דאָס רעדל דרייט זיך
אָן אַ ציל און אָן אַ זין.

כאַפּט־זשע, זייט אין ראָד אַ רעדל,
מישט זיך אויס און דרייט זיך נאָך,
אָפּ פון וועג זאָל יעדער גרענעץ,
אָפּ פון האַלז זאָל יעדער יאָך!

הפקר, הפקר, אַלץ איז הפקר,
ווי ס'איז הפקר אונזער בלוט!
אַ כפרה הונדערט וועלטן
פאַר איין שעה פון דרייסט און מוט!

כ'וואָלט געווען אַ בעלן וויסן,
ווי וועט זיין מיין טויט ?
וועט מיר מיין נשמה אויסגיין
מיט אַ שוואַרצן קרעכץ,
אָדער איך וועל זי אויסשפייען
מיט דער ביטערער גאַל ?
אפשר וועט זי זיך אויסגיסן
אין אַ פערל־טרער
און וועט ציטערן, שעמרירן,
דורות לאַנג נאָך מיר,
ערגעץ אין אַ פרעמדנס האַרצן,
אין אַ פרעמדער קרוין ?
אפשר איז באַשערט איר אויסגיין,
ווי אַ שמעטערלינג,
טאַנצנדיג און צאַפּלענדיג,
אַרום אַ חלב־ליכט ?
אָדער — וועט זי, מיין נשמה,
ווי דאָס ליכט אַליין,
צאַנקען, טיקן זיך און שווינדלען
פאַר די אויגן לאַנג,
און פאַרפאַלן ווערן פּלוצלינג
אין אַ שוואַרצן תהום,
וואו אַרום איר וועט זיין אייביג
שוואַרץ און טויט, און שטום ? . . .
אָדער ס'איז באַשערט מיר שטאַרבן
לעבעדיגערהייט

אין פּאַפּירענע תכריכים,
אין אַ ביכער־שאַנק,
וואו די מייז, די גרויע, וועלן
גריבלען זיך אין מיר,
און צעשלעפּן מיינע ווייסע
ביינער איינציגוויין, —
און אַ לעבעדיגער וועל איך
אויף מיין קבר שטיין
און אַ קדיש־יתום זאָגן
איך — נאָך מיר אַליין . . .
אָדער גאָר: מיין טויט וועט קומען
אין אַ פראָסט געשטאַלט:
אין אַ ווינטער־נאַכט אַ בייזע,
ערגעץ ביי אַ פּלויט,
וועל איך, הונגעריג, פאַרפרוירן,
אויסגיין, ווי אַ הונט,
און דער שניי וועט מיך פאַרשיטן, —
און מיין לעצטן קריץ
מיט מיין קללה וועט צעבלאָזן
ווייט דער בייזער ווינט . . .

צ י ו ן

(פון ר׳ יהודה הלוי)

בענקסט איך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און ווייטע!
אין האַרצן דורות־לאַנג געוואַרעמט, טראָגט אים
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שויס איין עלנד קינד דיינס, איינער
פון די, וואָס זאַפּן אָן, ווי טוי דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרערן
און שטאַרבן אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע...
מיך ציט צו דיר! ... ביינאַכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאַכט־אייל, דיין יאָמער־ליד,
און חלום׳ט זיך מיר נאָר דיין מאָרגנשטערן — ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיגע האַרפע...
מיך ציט צו דיר! מיין האַרץ גייט אויס נאָך יענע ערטער,
וואו די אבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאָכים,
וואו די שכינה האָט גערוט, וואו דיין באַשעפער
האָט דיינע טויערן, די הייליגע, געעפנט
אַנטקעגן זיינע הימלשע שערים,
וואו ניט די הימל־ליכטער: זון, לבנה, שטערן —
גאָטס כבוד זעלבסט האָט דיר באַשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאַר, אַז אויסגיסן זאָל זיך מיין זעלע דאָרטן,
וואו ס׳פלעגט אַמאָל גאָטס גייסט און גאָטס גענאָד זיך גיסן
אויף דיינע אויסדערוויילטע, מוטער ציון!
וואו נעמט מען פליגל?! שטיקערווייז וואָלט איך מיין האַרץ

ווייט, ווייט צווישן דיינע בערג פֿאַרטראָגן,
כ׳וואָלט צוגעפֿאַלן צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט
איר יעדן פֿוס־טריט, יעדעס שטיינדעלע באַזונדער,
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער אויף דיינע חורבות,
כ׳וואָלט מיט מיין שטעקן אויסגעמאָסטן אַלע קברים,
מיט דיין נשמה־לופֿט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך איינגעוויקלט אין דיין זיסן שטויב,
און ביז צום בלינד ווערן באַוויינט דיין חורבן, ציון . . .
צי קאָן די שיין פֿאַר מיינע אויגן זיס זיין —
אַז שוואַרצע ראָבן פּיקן דיינע אָדלערס,
צי קאָן מען לעבן אויף דער וועלט און צוזען,
ווי גאַס־הינט שלעפּן דיינע טויטע לייבן . . .

געגוג, לאָז אָפּ איין ווילע, כוס פֿון טרויער!
מיין האַרץ איז איבערפֿול מיט דיר פֿאַרביטערט,
כ׳האָב איינגעזאַפּט אין זיך דיין שום מיט דיינע הייוון...
גענוג! איך וויל איין חלום זען און שטאַרבן . . .
כ׳וויל זען, אַ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פֿון יענעם מאָרגנשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַמאָל נאָך העל און ליכטיק
זיך אָנצינדן אויף ציון׳ס בלויען הימל,
באַנייען און באַפֿרישן זי מיט יוגנט . . .
גענוג, איין זיסן חלום לאָז מיך זען נאָך
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

ים־לידער

(נאָך ר׳ יהודה הלוי)

I

כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז ;
כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן :
טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס !

און דו, מערב־ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער־פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בשלום, —
נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק,
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק.

II

אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט —
פלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אַט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים,

כוואַליעס־לייבן, כוואַליעס־שלאַנגען,
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום.

אַט האָט זיך אַ טאָל געעפנט,
אַט שטייט אויף אַ הויכער באַרג —
פלאַטער, זעגל! בויג זיך, מאַסטבוים!
דו, מיין האַרץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד.

III

מיט דער לבנה־שיין פאַרזילבערט,
ווייט רינצלט זיך דער וואַסער־שפּיגל;
פאַרשפּרייט האָט זיך אויף אונז די נאַכט
מיט איר בלוי־סאַמעטענעם פליגל.

ס'איז נישט קיין נאַכט — ס'אַ מלכּת־שבא!
געהילט אין בלוי, מיט גאָלד באַפּליטערט,
שטיל אָטעמט זי, און אויף איר ברוסט
שעמערירט דאָס גאָלד, שעמערירט און ציטערט.

ווי שאָף צעשפּרייט, די קליינע כוואַליעס
שטיל וויגן זיך אין לייכטן דרימל.
סע ציטערן אין ים די שטערן —
ווער איז דאָ ים און ווער איז הימל?

צוויי ימ'ען שלאָפן דאָ צוזאַמען
צונויפגעלייגט, ווי גלייכע ברידער;
אין דריטער ים אין מיטן שלאָפט נישט:
מיין האַרץ מיט זיינע נייע לידער.

די פרינצעסין שבת

(היינע)

אין די אַלטע בבא־מעשׂות
קומען פּאַר גלגולים פּרינצן,
וואָס זיי נעמען אָן צו צייטן
זייער ערשט־געשטאַלט צוריק.

אָט דער וואַלקולאַק, דער מיאוסער,
איז צוריק אַ פּרינץ געוואָרן,
שיינט און לייכט אין בגדי־מלכות,
שפּילט אפילו שוין אַ ליבע.

מיט אַמאָל פאַרשווינדט דער כּשוף —
און מיר זעען פּלוצלינג ווידער
זיינע קעניגלעכע האָהייט
אין אַ וואַלקולאַק פאַרוואַנדלט.

פון אַ פּרינץ אַזוינעם וועל איך
זינגען איצט — ישׂראל הייסט ער.
אים האָט דאָס אַ מכשפה
אין אַ הונט שוין לאַנג פאַרוואַנדלט.

הונט מיט הינטישע געדאַנקען,
אויסגעוואַלגערט אַלע מיסטן,
שלעפּט ער זיך אַרום אַ גאַנצע
וואָך צו שפּאָט פון גאַסן־יונגען.

אָבער יעדן פרייטאָג־אָוונט,
בין־השמשות, טרעפט אַ וואונדער:
פּלוצלינג פאַלט פון אים דער כשוף,
אויס הונט — ווידער מענטש געוואָרן.

מענטש מיט מענטשלעכע געפילן,
ריין, געצירט אין בגדי־כּבוד,
הויך זיין קאָפּ און האַרץ דערהויבן
טרעט ער איין אין פאָטערס פּאַלאַץ.

„זיי געגריסט, געליבטער פּאַלאַץ
פון מיין קעניגלעכן פאָטער!
יעקב׳ס צעלטן! ציט׳ריג קוש איך
אייערע אַלטע הייליגע טירן״.

דורך גאָטס־הויז שוועבט דורך אַ ציטער,
שטיל באַוועגן זיך די ליפּן.
שאַ! די קעניגין די שכינה,
בענטשט, פאַרמאַכט די אויגן, ליכט —

גאָלד׳נע ליכט פון טרייסט און קדושה!
אויף דעם ווענטל פון דעם עמוד
גלענצט איר, ווי אַ שטערנטיכל
אויף דער מאַמעס ליבן שטערן.

פרום און צניעותדיק פאַרהאַנגען
מיט דעם זיידענעם פּרוכת
אין איר סאַמעטענעם מענטל
שטייט די רייניקייט אין אָרון.

שטייט און וואַרט . . . אָט קומט דער חזן
איינגעהילט אין ווייסן טלית

רופט ער אויס דעם זיסן רוף:
„לכה דודי לקראת כלה!"

„לכה דודי — קום געליבטער,
נעם אַריין דיין שיינע כלה,
זי האָט אָפּגעדעקט איר שלייער,
איר פאַרשעמט געזיכט אַנטפּלעקט דיר".

אָט דער שיינער שיר־ידידות
איז פאַרפאַסט שוין לאַנגע יאָרן
פון אַ וועלט־באַרימטן זינגער
לכבוד די שיינע חתן־כלה.

אין דעם מזמור ווערט באַזונגען,
ווי ישראל האָט אויף אייביג
זיך פאַר'קנס'ט די מלכה שבת,
וואָס מען רופט „די שטילע פירשטין".

בלום און פערל אַלער שיינהייט
איז די מלכה! וואָס מיר, ווער מיר
מלכת־שבא אין איר פאַרגלייכן.
די, וואָס איז געפעלן שלמה'ן . . .

יענע כוש'ער שטריימל קליגט זיך
און פאַרמאָגט אַ מויל אויף שרייפּלעך,
עסט זיך איין מיט אירע חכמות
און פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט חידות.

נישט ווי זי איז פירשטין שבת.
ווי אַ טויב אַ שטילע איז זי,
רואיג ווי די רו אַליין,
ווייסט נישט פון קיין איבערשפּיצלעך.

נישט גע׳חקירה׳ט זיך, גע׳פילפול׳ט,
נישט גע׳בריה׳ט זיך, געפילדערט,
נישט געשפריצט מיט ווערטער־פונקען,
טרייסלענדיג מיט האָר צעלאָזטע . . .

פרום פאַרבאַרגט די שטילע פירשטין
אירע צעפּ אין ווייסן הייבל,
בליקט אַ זאַנפטע, ווי אַ הירשין,
בליט אַ שלאַנקע, ווי אַ הדס!

זי דערלויבט איר ליבסטן אַלעס,
אויסער איין זאַך — טאַבאַק רויכן:
ליבסטער, רויכן איז פאַרבאָטן,
ווייסט דאָך, היינט איז שבת קודש . . .

איך וועל דיר דערפאַר באַלוינען
מיט אַ מאכל — טעם גן־עדן.
טשאָלנט הייסט ער — אָט דעם מאכל
האָט אונז גאָט אַליין געגעבן

אַ מתנה פון זיין נאָמען
מיט דעם שבת פון באַרג סיני
דורך די דונערן און בליצן —
טשאָלנט זאָלסטו מיר היינט עסן . . .

אָפּגעגעסן סעודת־שבת,
זיצט דער פרינץ און שיינט פון תענוג.
מיט פאַרקלערטע אויגן קוקט ער,
רעדט עפּעס מיט זיך און שמייכלט:

„הער איך נישט דעם ירדן רוישן?
איז דאָס נישט אַ קלאַנג פון קוואַלן

אין דעם פּאַלמען־טאָל פון בית־אל,
וואו סע „הויערן” די קעמלען ?

הער איך נישט די הערדן־גלעקלעך ?
איז דאָס נישט אַ קול פון שעפסן,
וואָס דער פּאַסטוך טרייבט אַראָפּ —
אָוונט־צייט פון הרי־גלעד ? ”

דאָך דער שיינער רו־טאָג שטייט נישט.
ווי מיט שאָטן־פיס מיט לאַנגע,
שפּאַנט אַלץ נעענטער די בייזע
שלעכטע שעה. דער פּרינץ פאַרזאָרגט זיך.

קאַלטע מכשפה־פינגער
שפּירט ער קלעמען אים ביים האַרצן.
און דעם פּרינץ נעמט דורך אַ שוידער:
באַלד אויס מענטש, צוריק אַ הונט זיי...

די פּרינצעסין טראָגט אים אונטער
אין אַ גאָלדן רערל בשמים.
לאַנגזאַם שמעקט ער, נאָך איין מאָל כאַטש
מיט דעם זיסן ריח זיך קוויקן.

פון פּרינצעסינס האַנט דעם לעצטן
אָפּשייד־בעכער אויסגעטרונקען,
שפּריצט ער אויף דעם טיש די לעצטע
טראָפּנס און לעשט אויס דאָס לעכטל.

אויף דעם הויכן באַרג . . .

אויף דעם הויכן באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז
האָב איך קינדוויַיז שטום אָפּגעטרוימט מיַין גליק . . .
וואָס האָב איך געוואָלט — כ׳ווייס אַליין ניט וואָס, —
כ׳ווייס נאָר, אַז עס קומט קיינמאָל מער צוריק . . .

אפשר ווייסט דער ווינט און דער זונענשטראַל,
וואָס האָט מיר געשפּריצט אין די אויגן גאָלד,
און דער טיפער טאָל און דער ריינער קוואַל —
וואָס מיַין קינדעריש האַרץ האָט זיך זוי געוואָלט . . .

אויף דעם הויכן באַרג, דאָרטן אויס דער שטאָט,
אויף דעם גרינעם גראָז האָב איך זיך דערפילט . . .
כ׳האָב דאָרט שטילערהייט זיך געזעגן מיט גאָט,
און מלאָכים האָבן זיך מיט מיר געשפּילט.

פריַיטאָג — זומער־לעב — קוים דערלעבט די שעה!
פריי פון חדר־יאָך, ווערט די לופט מיר קאַרג:
ווער מיר מהר״ם־שיף! וואָס מיר מהרש״א!
גיך אַוועק אַהין — אויף דעם הויכן באַרג! . . .

דאָרטן עפנט זיך גאָר אַ נייַע וועלט,
אַלעס באָדט זיך דאָרט אין אַ ים פון ליכט
פון איר פוטערפאַס קוקט די זון און קוועלט,
ווי דאָס גרעזל וואַקסט, ווי דער וואָרעם קריכט.

גאַנצע וועלטן־גייסט גיסט אין מיר אַריַין
יעדער שטילער בלאָז, יעדער זונענשטראַל;

מיט דעם פולן מויל טרינק איך לופט און שיין,
און אין האַרצן טיף עפנט זיך אַ קוואַל — —

אוי, אַהין, אַהין . . . ערגעץ ווייט, גאַנץ ווייט . . . —
האָט מיין קינדעריש האַרץ שטומערהייט געגלוסט
און אַזוי געבענקט . . . וואו? אין וואָסער זייט
שטעקט דאָרט מיין אַהין? — האָב איך ניט געוווּסט.

נאָר די שוועלבעלעך האָבן יאָ געוווּסט,
און אויף פייגל־שפּראַך, פליענדיג פאַרביי,
האָבן כאַפּנדיג מיך פון דאָרט געגריסט
און אַוועקגעשוועבט פריילעך, פראַנק און פריי.

אויף דעם הויכן באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז
האָב איך קינדוויז שטום אָפּגעטרוימט מיין גליק . . .
וואָס איז דאָס געווען? — כ׳ווייס אַליין ניט וואָס, —
כ׳ווייס נאָר, אַז עס קומט קיינמאָל מער צוריק . . .

עס האָט מיך פאַרפלאָנטערט . . .

עס האָט מיך פאַרפלאָנטערט מיט גרינס און מיט בלומען,
וואו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצן פון שטראַלן,
וואו ס׳ציטערט די לופט פון דעם גרילצן און זשומען —
און איך בין פאַר׳כישוף׳ט צו דר׳ערד צוגעפאַלן.

ס׳איז הייס, ס׳איז שיין, ס׳איז גוט! — אפילו
די האַלב דערוואָרגענע געפילן —
זיי ווילן אויך די זון דערלאַנגען,
און צאַפּלען ווייכע, גרינגע, שטילע,
און שטעקן קעפּלעך, ווי די שלאַנגען,
זיך ציענדיג אַלץ העכער, העכער
מיט האַלבן גוף פון שוואַרצע לעכער.
דאָס האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן
גאָטס מילדע זון.

ס׳איז הייס, ס׳איז גוט! גאָט׳ס וועלטל גלאַנצט,
אין טיפן גראָז — דאָרט שמיצערט, טאַנצט.
דער סטעפּ — מיט בלימעלעך געצירט,
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפלאַנצט,
פאַרשפּרייט זיך ווייט און גייט אַוועק
גאָר אָן אָנהויב, אָן אָן עק.
און איינזאַם דאָ צווישן גראָז
שפּיר איך אין מיר אַ גאַנצע וועלט —
דאָס האָט געטאָן אויף מיר אַ בלאָז
מיט פרייען פעלד.

ס'איז שאַ, ס'איז שטיל . . . אַט דאָ געשווינד
איז דורכגעפלויגן, ווי אַ פייל,
אַזוינס וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזנט מייל.
דאָס האָט געטאָן אַ גלאַנץ, אַ בליץ,
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּנס טוי פון זיסן גליק,
פון יונגן גליק, וואָס ווערט נישט אַלט, —
דאָס האָט אויף מיר געטאָן אַ בליק
דער גרינער וואַלד.

אונטער די גרינינקעביימעלעך

אונטער די גרינינקע ביימעלעך
שפּילן זיך משה'לעך, שלמה'לעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה'לעך —
אידעלעך פריש פון די אייעלעך.
גופ'עלעך — שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעם און צעבלאָז זיי אויף גלידערלעך —
כאַפּן זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און סע צעטראָגן זיי פייגעלעך.

נאָר איין זאַך פאַרמאָגן זיי — אויגעלעך,
די אויגן פאַרמאָגן צוויי פינטעלעך,
וואָס גליען און פינקלען און טוקן זיך,
און עפּעס ווי נביאיש און וואונדערלעך.
פאַרטראַכטן זיך טיף און פאַרקוקן זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פייגעלעך —
אוי! מיר זאָל זיין, אידישע קינדערלעך,
פאַר אייערע כשר'ע אויגעלעך!

מיין גאָרטן

וילט איר אפשר זיין אַ בעלן
אָנקוקן מיין שיינעם גאָרטן —
זייט־זשע מוחל, קומט אַרויס,
קוקט אים אָן — אָט שטייט ער דאָרטן!

אָן עין־הרע גרויס און רייך —
כ׳זאָג אייך, איינער אין דעם שטעטל
זעט נאָר, ווי עס קוועלט אין אים
יעדער בוים און יעדעס בלעטל . . .

אויסגעצוואָגן פון דעם טוי,
פון די שטראַלן אויסגעבאָדן,
שטייען בוימער אַלערליי
מיט די פּירות אָנגעלאָדן.

שווערע עפּל, רויטע עפּל
בויגן צו דער ערד די צווייגן,
און די באַרן — זעט נאָר באַרן —
הענגען שטיל זיך דאָרט און שווייגן.

שוואַרצע ווייַנשל בלינצלען עפּעס
ממזר׳ש, גנבה׳ש, ווי מיט אויגן . . .
נו, און פלוימען — אָט די פלוימען —
מיט אַ בלויען הויך באַצויגן . . .

היינט די פערשקעס — איינמאָל פערשקעס!
פּוכלע, העריג, פריש און איידל,

פונקט ווי קיילעכיגע בעקלעך
פון אַ פופצן־יעריג מיידל . . .

יאָ, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען,
כ'האָב אַ רייכן, שיינעם גאָרטן!
און עין הרע אָנגעפּאַקט
פּירות, פּרוכט מכל הסאָרטן.

כ'האָב אים, אָט דעם שיינעם גאָרטן,
ס'זאָל אים קיין בייז אויג ניט שאַטן,
ליב דאָס לעבן; שייך ליב? —
כ'זאָג איך: עפּעס ווי אַ טאַטן . . .

זומער־לעב נאָכמיטאָג. היינו:
נאָך אַ יויך און נאָך געבראָטנס,
נעם איך און פאַרשטעק זיך טיף
און צעלייג זיך דאָרט אין שאָטנס —

ברייטלעך אָט אַ דאָ, למשל,
אונטערן באַרנבוים דעם גרויסן . . .
מיני פויגל אַלערליי,
שדים ווייסן, ווי זיי הייסן —

הם . . . קאַנאַריקלעך, אַשטייגער,
זינגען, קלינגען, קנאַקן, שאַלן
און דאָס שיט זיך אויף מיין קאָפּ
מיט געזיפּטע ברעקלעך שטראַלן . . .

טוט זיך נאָר דער בוים אַ טרייסל —
באַלד צעלויפט זיך אויף דעם שאָטן,
גיך, ווי מייזלעך, פלעקן גאָלד —
און איך ווער מיט גאָלד באַשאָטן . . .

און זיי פלאַנטן זיך אין באָרד,
און זיי קריכן אין די אויגן,
קיצלען, ראַנגלען זיך — פרעגט וואָס ?
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן . . .

מאַכן חוזק פון אַ אידן,
כ'ווייס נישט, וואָס זיי ווילן האָבן ;
הוידען, גליטשן זיך אויף מיר —
טפו, אַ רוח אין זייער באָבן ! . . .

ליגנדיג אַזוי און זען,
ווי עס ציטערט יעדעס בלעטל —
דוכט זיך מיר, איך וויג זיך שטיל
אין אַ גאָלד-געפלאָכטן בעטל . . .

און פאַרקוק זיך גלאַט אַזוי
אויף די פּיצלעך, שטיקלעך הימל . . .
און עס וועבט זיך אויף די אויגן
זיס און ווייך און שטיל אַ דרימל . . .

ווייסט איר : ווייך און זיס אַזוי . . .
עפּעס מעשה יצר-הרע . . . —
יאָ, וואָס זאָגט איר ? דאַנקען גאָט —
ס'איז אַ גאָרטן אָן עין הרע !

טרעפּט-זשע, וואָס איך בין אַ בעלן
טאָן, אַשטייגער, מיט מיין גאָרטן ? —
באַלד אם-ירצה-שם נאָך תמוז —
נעם איך — רייס אָרום די פרוכטן . . .

ראשית, וועל איך אָט די ווייַנשל
פון דעם בוים מחילה ביטן,

און וועל האַלב מיט בראָנפּן „שטעלן"
און מיט צוקער האַלב אָנשיטן —

ווישניאַק, הייסט דאָס, ווי איר ווילט —
ווילט איר זיסן, ווילט איר שטאַרקן . . .
כאַפּט־זשע נישט, איצט לאָמיר נעמען
אָט די פּערשקעס, וואָס ביים פּאַרקאַן . . .

אָט די פּערשקעס, ווי איר זעט זיי,
באַלד נאָר ווי זיי ווערן פּאַרטיג,
פּרעגלט „מיינע" איינגעמאַכטס —
אָבער איינגעמאַכטס גרויסאַרטיג !

ס'איז כדאי אים אָנצוקוקן.
יאָ, איך מעג דאָס אייך פּאַרגינען . . .
פון דעם בוימלדיגן סיראָפּ
שיינען פּערשקעס ווי בורשטינען . . .

האָב איך אייך געזאָגט גרויסאַרטיג —
מעגט איר זיך אויף מיר פאַרלאָזן ;
„מיינע", דאַנקען גאָט, פאַרשטייט,
ווי מען טוט מיט אַפּריקאָזן . . .

נאָכדעם גייט אַ סדרה פלוימען . . .
כאַפּט־זשע נישט און לאָזט זיך ריידן —
פון די פלוימען ווערט פּאָווידלע —
און פּאָווידלע — טעם גן־עדן !

צוויי מעת־לעת געפּרייט אין אויוון
אין איין עמער־טאָפּ אַ גרויסן
מיט געווירצן, רייבט מען נאָכדעם . . . —
נישט דאָס אָבער בין איך אויסן . . .

כ׳זאָג אייך: ס׳איז אַ מאכל — היינו:
ברויט, למשל, צו באַשמירן . . .
איצטער — יעמוד ר׳ בערל!
באָרן, הייסט דאָס, איינמאַרגירן . . .

ווילט איר פון מאַרגירטע באָרן
זיין, ווי זאָגט מען, עכט צופרידן —
זאָלט איר טאָן אַזוי ווי „מיינע":
פריער דעם עסיג איבערזידן, —

און פאַרשטייט זיך, אַז מיט צוקער,
מיט געווירץ און לאָרבער־בלעטער!
נאָר די באָרן גופא זאָלט איר
דאָרט אריינלייגן ערשט שפּעטער.

גאַנצערהייט, נאָר אָפּגעשיילטע,
מיט די שטעקעלעך אפילו —
און איר מעגט שוין זיין באַוואָרנט —
ס׳וועט נישט צוקערן, חלילה.

אָפּגעטאָן די באָרן זייערס —
הויבט איר אָן די עפּל רייסן;
און פון עפּל האָט איר צימעס,
קוגל, קנישעס צום פאַרבייסן.

מיינט איר אפשר דאָס איז גאָר? —
פע, אַזוי איז מעשה־פּרעסער! . . .
דוקא פון די שענסטע עפּל
שטעל איך עפּל־קוואַס דריי פעסער . . .

ווייסט איר, שבת נאָכן שלאָף
אין אַן אָסיען־טאָג אַ מיאוסן,

ווען עס ווילט זיך, נאָר מען קאָן נישט
נישט קיין גענעץ טאָן, נישט ניסן,

און סע גלוסט זיך, נאָר מען ווייסט נישט
זיס צי זויערס ? עפּעס וויניגס . . . —
דעמאָלט איז אַביסל קוואָס
מיט אַ קיסליצע — אַ תענוג ! . . .

דוכט זיך, גאָרנישט, קלייניגקייטן —
נאָר די אַלע זיבן זאַכן
וועלן, מ'ירצה־שם, מיין שטוב
זומערדיג און ווינטער מאַכן.

אין די ווינטער־נעכט די גרויסע,
קומען גוטע ברידער שמועסן,
מיך מהנה זיין, דערווייל
טאַקע עפּעס גוטס געניסן . . .

זיי אַרומזעצן ביים טיש,
וועל איך אַ געשריי טאָן: „פאַני !"
— „מיינע", הייסט דאָס — נו, באַווייז זיך,
זיי מכבד „די קאָמפּאַני" !

מילא, רעדט מען נישט פון טיי,
קיכלעך, קאָרזשעס, פלאַדן, טאָרטן
און כדומה דאָרט געבעקסן —
נאָכדעם — יעמוד מיין גאָרטן !

און אין איין מינוט וואַקסט אויס
אויף מיין טיש אין מיטן ווינטער
באַרן, פלוימען, פערשקעס, ווייַנשל —
און סע ווערט, ווי זאָגט מען, מונטער . . .

באַרן — מיינט מען איינמאַרנירטע;
וויינשל — מיינט מען ווישניאַק שוואַרצן;
פלוימען, פערשקעס — הייסט פּאַווידלע
און כדומה איינגעמאַכטסן.

און דער עולם כאַפּט זיך צו —
שטערנס שוויצן, פּיסקעס קנאַקן,
און מען אַרבעט לאַנג, געשמאַק
און מען רייבט אויף בידע באַקן.

עפּעס אויך די ליכט, די וואַרעם
ווערן פריילעכער, געשמאַקער,
און מיין בליצלאַמפּ, דוכט זיך, ברענט נישט
מיט אַ פלאַם, נאָר מיט אַ פלאַקער . . .

אויך די צינגלעך ווערן שאַרפער
און סע בליצט אַ שפּיציג ווערטל,
באַלד, נישט אויסגערעדט זאָל זיין,
גייט מען איבער צו אַ קערטל . . .

און פאַרטיפט מיט זיי אינאיינעם
אין געווינסן און אין שאָדן —
הער איך איינער, ווי סע קלאַפּט מיר
שטילערהייט אַ בוים אין לאָדן:

„בעל־הבית! אוי, מיר איז פינסטער!
בעל־הבית! אוי, מיר איז ביטער!
נאַקעט בין איך, און דער ווינט שמייסט
מיך אַליין מיט מיינע ריטער" . . .

כאַפּט מיך אָן ביים האַרץ און טו,
מישנדיג דאָס טעשל קאָרטן,
אַ קליין קרעכצל: „נעבעך, נעבעך,
אַ רחמנות אויף מיין גאָרטן!" . . .

ערב פרילינג

עפּעס איז די לופט מעוברת,
אין אַפּנים — מיט אַ צווילינג:
כאַפּט אַ פרעסטל — דוכט זיך, ווינטער,
בלאָזט אַ ווינטל — דוכט זיך, פרילינג.

כ'שטיי אויף פרי — דער דאַך געזילבערט
און אַ בעלמע אויף די שויבן;
דאָך אין דרויסן פליען העכער
צו דעם הימל ווייסע טויבן.

און די צעפּלעך אייז, ווי ליכטלעך,
אָנגעצונדן מיט אַ העלן
שטראַל, צעשמעלצן זיך און טריפן, —
צי זיי וויינען, צי זיי קוועלן? . . .

נעמט דעם לוח! — וואָס, אַ פרילינג?
ווייס איך, וואָס ער בעבעט דאָרטן!
ציגן זאָלן אַזוי וויסן
שפּרינגען אין דעם רבינס גאָרטן!

מאָל דיך, פרילינג איז נאָך ניט,
ס'איז לעת־עתה ערב פרילינג,
און לעת־עתה בלייב פאַרשפּיליעט —
קאָנסט נאָך כאַפּן אַ פאַרקילונג.

אָבער איך — איך הער קיין וועלט נישט,
איך צעשפּיליע די קאַפּאָטע
און איך לויף אויף גאָטס באַראָט
טאַנצן מיט אַ שטראַל אין בלאָטע.

מיר געפעלט דער ערב פרילינג
דוקא ווי ער שטייט און גייט,

אנגעטאָן אין שמאַטעס־וואָלקן
מיט אַ גאָלד׳נעם שטראַל באַנייט.

איך האָב ליב זיין קאַלטן ווינט,
וואָס ער פּאַטשט אין האַלז און אַקן,
ווען פון פּאַרנט קושן, הלובען,
זיסע ווינטלעך מיינע באַקן.

מיך אַנטציקט זיין פּיצל הימל,
וואָס אַנטבלויזט זיך פריש און איידל,
ווי דאָס יונגע פרומע לייב
פון אַ אידיש כשר מיידל.

כ׳ווער צעשמאָלצן, כ׳קוועל פאַר תענוג,
ווען אַ ברען, אַ שטראַל אַ פרייער
טאַנצט און שפּילט זיך מיט דעם שאָטן,
און דער שאָטן שפּילט מיט פייער . . .

יאָ, כ׳האָב ליב זיין איידעלן שפּילן
פון די דינסטע, ריינסטע גאַמען
ליכט און שאָטן . . . עפּעס האָט דאָס
טויזנט חנ׳ען, טויזנט טעמ׳ען ;

עפּעס מינעט זיך די לופט,
ווי אַ כלה ביים איינגעמען . . .
טוט אַ שיין — און ווערט פאַרשעמט,
שטראַלט — און לאָזט אַראָפּ די ברעמען . . .

אַט ווערט ליכטיג, אַט ווערט טונקל
און אַט גיסן זיך צוזאַמען
ליכט מיט שאָטן . . . יאָ, דאָס האָט
טויזנט חנ׳ען, טויזנט טעמ׳ען . . .

און דער טייך ? — איר הערט זיין קרעכצן
און זיין סקריפּען פון דער ווייטן ?
עפּעס נעצט דאָרט, עפּעס פּלאַצט דאָרט,
עפּעס שפּאַרט דאָרט אין די זייטן.

עפּעס רודערט זיך דאָרט אונטן . . .
באַלד, אָט באַלד וועט זיך באַווייזן,
וואָס דערשטיקטע קרעפּטן קאָנען,
ווי די נויט ברעכט אייז און אייזן . . .

אַלע שטראָמען שטילע וואַסער,
ווי מיט איין געדאַנק און עצה,
וועלן זיך אַ נעם טאָן „ראַזאָם"
און אַ שפּאַר טאָן מיט איין פּלייצע —

„ראַזאָם ברידער!" — און צעבראָכן
מוז די גראָבע אייז־דעק ווערן,
די, וואָס האָט פון זיי פאַרשטעלט
הימל, זון, לבנה, שטערן.

און באַפרייטע, ברייטע כוואַליעס
וועלן טרייבן דורך די בריקן
גאַנצע מחנות שטיקער אייז —
זיי צום שוואַרצן ים פאַרשיקן:

„גייט צו אַלדע שוואַרצע ימים!" —
און צעבראָכענע אויף פּיצלעך,
וועלן זיי אין וועג באַקומען
קאַלטע פּעטש מיט הייסע שמיצלעך.

פּאַטשן — וועלן שטרענגע כוואַליעס,
שמייסן — וועלן ריטער־שטראַלן;
פיש אין וואַסער וועלן זינגען,
שטומע שטיינער וועלן שאַלן . . .

און דער טייך, באַפרייט און גליקלעך,
וועט זיך ברייט און ווייט צעגיסן
און דעם ליבן שיינעם פרילינג
מיט אַ שמייכעלע באַגריסן . . .

לידער און פּאָעמען

אידיש:

י. י. שוואַרץ

אין האַרבסט

אין האַרבסט־טאָג האָב איך זי אין פינסטערן ווינקל געטראָפן,
אין טרויער־קלייד האָט זי צו מיר זיך אין זעאונג אַנטפּלעקט;
איר בליק האָט געשיינט מיט רחמנות, מיט טרערן פאַרלאָפן,
איר גלעטנדע האַנט אויף מיין קאָפּ האָט זיך צערטלעך גערעגט.

„מיין יתום—האָט זי שטיל געפליסטערט—יתום מיינער, אין פינסטערניש פאַרבונדן
גלייך ווי אַ בלום פון האַרבסטקעלט גייסטו אויס פון פּיין —
נאָר ווייס, אַ טרער צוריקגעהאַלטן שפּאַלט די טיפסטע גרונטן,
און אַ פאַרקלעמט געוויין רייסט העכסטע הימלען איין.

פאַרוואָלקנט ווי דער האַרבסט, אָן פרייד, אין צער אין שטומען
די קינדהייט דיינע איז פאַרלאָפן וויסט און בלאַס;
און ווי אַ פריער ווינטער איז דיין יוגנט אָנגעקומען,
מיט פּנים בייז זיך אָנגעקלאַפּט צו דיר פון גאַס.

און ווי אַ לאַנגער טאָג אַ וואַכיגער פאַראויסגעזאָגט וויסט לעבן,
און ס'האָט די שפּין אַ בייזן חלום דיר פאַרוועבט אין האַרץ;
פון גרויער נויט און עלנט מיט אַ פולער מאָס געגעבן,
באַווייזן דיר אַ הימל אַ פאַרוויינטן, טריב און שוואַרץ.

ווי טוט מיך באַנג אויף דיר, מיין עלנט קינד!"—און שטיל, פאַראומערט,
צוויי טרערן זודיגע געפאַלן זיינען אויף מיין מויל.
האָט ניט געוויינט, ניט אויפגעהויבן ס'קול,—נאָר ווי אַ שאָף אַ שטומע
מיך אָנגעקוקט מיט גרויס רחמנות און מיט גרויל.

איר פֿיינלעך בליק, וואָס רעדט פֿון אַנגסט, פֿון צער און ליידן
און גנאָד פֿון טרייער מאַמען האָט באַרירט מיין בלוט;
און כ'קען זיך מיט דעם בליק אירן אויף אייביג ניט צעשיידן,
איר טרויריג פּנים לאָזט נישט אָפּ אויף איין מינוט.

ווען אָוונט קומט — דורך פענסטער־לאָך
פֿון פֿינסטערן קעלער מיין —
פֿאַר'גנבֿ'עט זי פּאַמעלעך זיך
מיט לעצטן שטראַל פֿון שיין.

אין שוואַרצן ווינקל זיצט זי שטיל
און וויגט זיך הין און הער,
און וויינט אַנטקעגן מיר און וויינט —
און ס'ברענט מיין האַרץ איר טרער.

און אין לבֿנה־נאַכט, ווען ס'בלאָסט
אין ליכט מיין שוואַרצער דיל —
דאַן קומט זי ווי אַ שאָטן־בילד,
באַוועגט פֿאַר מיר זיך שטיל.

זי וואַנדערט אין געוועב פֿון טרוים
פֿון בלאַסער נאַכט אַרום;
איך כאַפּ מיט מיין שווער האַרץ זיך אויף,
באַטריבט, געדריקט און שטום.

און גאָר דער וויטאָג, גאָר דער פּיין
וואָס דריקן טריב און שווער —
דערוואַכן מיט מיין האַרצן אויף,
צעגיסן זיך אין טרער.

צום פייגעלע

גוטליב דיר דיין קומען, דו פייגעלע טייערס,
פון וואַרימע לענדער צוריק —
אַ ווינטערלאַנג האָב איך געבענקט נאָך דיין זינגען,
געגאַרט נאָך די טרעלן פון גליק.

זינג, פייגעלע ליבינקע, זינג און דערצייל מיר
די וואונדער פון בלוי־ווייטן לאַנד:
צי דאָרט אין דעם זוניגן לאַנד און דעם שיינעם,
איז אויך גרויס דאָס אומגליק און שאַנד?

צי ברענגסטו אַ גרוס פון די ברידער אין ציון,
פון נאָנט־ווייטע ברידער אַ גרוס?
אוי, גליקלעכע מענטשן, צי ווייסן זיי, פילן,
וואָס דריקט און וואָס פייניגט מיין ברוסט?

צי ווייסן זיי, וויפיל עס זיינען מיר שונאים,
און ס׳ווערן אַלץ שטאַרקער די פיינט?
זינג, פייגעלע, וואונדער פון לאַנד, וואו דער פרילינג
לויכט אייביג און אייביג און שיינט!

צי טראָגסטו פון אויפבלי פון לאַנד מיר געגרוסן,
פון פעלדער, פון באַרג און פון טאָל?
האָט גאָט שוין דערבאַרעמט דערוואַרעמט זיין ציון,
צי ליגט זי נאָך וויסט ווי אַמאָל?

און טאָל פון דעם שרון און באַרג פון לבנון,
צי שטייען זיי אַלץ נאָך אין פראַכט?

צי האָט דער לבנון, דער זקן פון וועלדער,
פון אייביגען שלאָף שוין דערוואַכט?

צי פאַלט נאָך דער טוי אויפן חרמון ווי פערל,
צי פאַלט ער ווי טרערן צומאָל?
און וואָס מאַכט דער ליכטיגער ירדן דער קלאָרער,
און יעטווידער באַרג, יעדער טאָל?

צי איז שוין פאַרשוואונדן דער פינסטערער וואָלקן
וואָס האָט איבער זיי זיך געשפּרייט?
אָ, זינג מיר פון לאַנד, וואו עס האָבן די אָבות
געפונען דעם לעבן, דעם טויט!

צי זיינען נאָך אַלץ נישט פאַרוועלקט יענע בלומען
וואָס איך האָב געפלאַנצט דאָרט שוין לאַנג?
ווי זיי, האָב איך איינמאָל געבליט אין מיין יוגנט,
נאָר איצט בין איך אַלט שוין און קראַנק.

און ברידער, וואָס האָבן געזייט דאָרט מיט טרערן,
צי האָט זיי באַגליקט שוין דער שניט?
וואָלט איך געהאַט פליגל — דאַן וואָלט איך געפלויגן
צום לאַנד וואו דער טייטלבוים בליט!

דערצייל מיר דעם סוד, וואָס עס סוד'ן זיך ביימלעך,
וואָס האָבן דיר בלעטלעך פאַרטרויט?
צי וואַרטן זיי אַלץ אויפן טאָג, ווען די פרוכטן
צעגליען זיך זאַפטיג און רויט?

און איך — וואָס קען איך דיר, מיין פייגעלע, זאָגן,
וואָס קענסטו שוין הערן פון מיר?
ניט לידער פון פרייד, נאָר פון אומגליק און טרויער
פון צפון־לאַנד דאָ, וואו איך פריר.

אַ, פייגעלע, פלי אין די וועלדער און פעלדער,
ס'איז גוט, ביזט אַוועק פון מיין הויז ;
ביי מיר וואָלסטו תמיד באַוויינט נאָר מיין אומגליק,
מיין טרויער וואָס שווער איז און גרויס.

נאָר ס'וועלן געוויין שוין און טרערן ניט העלפן,
ניט זיי וועלן שטילן מיין שמאַרץ ;
מיין בליק איז פאַרטונקלט, מיין כוס גייט אַריבער,
פאַרטריקנט, ווי גראָז, איז מיין האַרץ.

כ'האָב מער נישט קיין טרערן, אַ סוף נעמט צו אַלעס,
נאָר ס'נעמט ניט קיין סוף צו מיין לייד —
גוטליב דיר דיין קומען, דו פייגעלע טייערס,
צעזינג זיך, צעקלינג זיך אין פרייד !

פאַליאַנטן פון תלמוד, איר בלעטער איר אַלטע,
לעגענדן פון שיין און נחמה —
אין נישטיגן לעבן, ווען טרויעריג ווערט מיר,
אין אייך געפינט טרייסט מיין נשמה.

דער וואָרים דער שוואַכער דערהאַלט זיך ביים לעבן
אין גריבער, אין פעלזיגע שפּאַלטן;
און ביי אייך אין באַהעלטעניש פון דרוק פון דעם שונא
קום איך פון דער וועלט זיך באַהאַלטן.

אין פינסטערער וועלט, אין אַ לעבן פון עלנט,
צעשטראַלט איר מיין הימל מיט זונען —
עס רייסן זיך אייביגע ליכטער פון נעבלען,
מיין האַרץ ווערט מיט שטראַלן פאַרשפּונען.

איך הער מיך אויף יאָגן נאָך שאָטנס־מיראַזשן,
גיב אָפּ זיך צו אייך ביז צו ענד־דאָ;
איך ווין, ווער באַרואיגט, און טרינק פון די קוואַלן
פון ליכטיגער אַלטער לעגענדע.

אָך, קליין און געפאַלן בין איך צווישן אומות,
וואָס ווייגען אפילו פאַרוועדן —
אָך, וואָלטן זיי ווייגען געלאָזט מיר — דאַן וואָלט איך
געוויינט ביז צום אויסגיין אין טרערן.

געהאַט האָב איך איינמאָל אַ האַרף — און איך האָב זי
אויף ווערבעס פון טייך אויפגעהאַנגען;

די האַרף איז פון האַנט מיר אין בבל געפאַלן,
און איז מיט אַ ציטער פאַרגאַנגען.

אוי, האַרף פון ישורון, אויף וועלכער ס׳האָט דוד
זיין געטלעך געזאַנג אויסגעזונגען;
און שלמה — זיין קעניגלעך ליד פון שולמית
באַגייסטערט אויף איר אויסגעקלונגען.

און פון דענסטמאָל ביז היינט האָט ישורון קיין קיניג,
אויס קיניג, אויס האַרף און אויס פידל;
געוויין איז מיין פידל, אויף טייכן פון בבל
מיין האַרף — ווי אַ טויב — ברומט איר לידל.

נאָר ס׳זיינען אין בבל געווען גאָר פאַרצייטן
די מייסטער די עכטע פון שפּילן —
געפּילט דאָס געוויין און געברום פונ׳ם פידל,
די זינגער פון האַרץ און געפילן.

געפילט און באַנומען דאָס האַרץ פון דער אומה,
איר ציטער אין פרייד און אין צאָרן;
געשפּילט אויף די סטרונעס, גע׳כישופ׳ט, גע׳חלומ׳ט,
און — ס׳איז די לעגענדע געוואָרן!

און פון דענסטמאָל ביז היינט, ווען עס דריקט אויפן האַרצן,
לעגענדען פאַר האַרף נעמט דער זינגער:
באַוויין מיין פאָלקס-אומגליק און זינג אים אַ טרייסט ליד,
איך שפּיל — און דער ווייטאָג ווערט גרינגער.

דאַן זע איך, ווי גרויס און ווי שטאַרק איז מיין אומה,
איר קאָפּ ביז אין הימל געשטיגן;
דאַן זע איך איר צוקונפט: דאָס פאָלק אָט דאָס שוואַכע
וועט מעכטיגע ריזן באַזיגן!

דער מתמיד

ס׳איז דאָ נאָך פאַרוואָרפענע אידישע שטעטלעך
אין וועלכע עס רויכערט נאָך, צאַנקט אונזער ליכט;
וואו גאָט האָט אַ גליענדע קויל נאָך געלאָזן
וואָס ברענט נאָך אין אַש וואָס באַדעקט זי געדיכט.
און וואר־ניט־וואו רויכן זיך, ווי האַלאַוועשקעס,
נשמות פאַרשניטענע, שטילע, פאַרקלעמטע;
וואָס טריקענען, דאַרן, ווי גראָז אין דעם מדבר,
פאַרעלטערט אָן צייט, פונם לעבן פאַרשעמטע.
און אָפט, ווען דו גייסט זיך דורך איבערן שטעטל, —
אין איינער אַ זומערדיג־ליכטיגער נאַכט,
עס סוד׳ן זיך גרעזלעך און שטערנדלעך פינקלען,
און זיס ווייט אַ ווינטל, פאַרחלומט, פאַרטראַכט —
דאַן, הערט זיך אַ טרויעריג קול פון דער ווייטנס,
און ס׳זעען אַ שיין פון אַ ליכט דיינע אויגן
דאָרט ווייט דורך אַ פענסטער — אים רייסט דורך אַ שאָטן
וואָס וויגט הין־און־הער זיך מיט האַלב־שיין באַצויגן;
און ס׳טראָגט זיך אַ נגון, אַ וויינענדיג נגון
וואָס נעמט אָן ביים האַרצן אין שטילקייט פון נאַכט:
דאָס זעסטו אַ מתמיד, וואָס האָט זיך אין תפיסה,
האָט גוטוויליג זיך אין אַ תפיסה פאַרמאַכט.

אָט דאָרט אינם הויז איז ניט איין טאָג פאַרגאַנגען,
נאָר גאַנצע זעקס יאָר זיינען דאָרטן פאַרפלויגן;
אָט דאָרט זיינען קינדהייט און יוגנט פאַרלאָפן,
פאַרלאָשן דאָס ליכט פון די לויטערע אויגן.
קיין טאָג — נאָר זעקס יאָר, זינט ער האָט צונם ווינקל,
צום פינסטערן ווינקל זיין פנים געווענדט;

זיין אויג האָט קיין ליכטיגן שטראַל ניט באַגעגנט,
געזעען פאַר זיך האָט ער בלויז שפּינוועבס און ווענט.
זיין שטענדיגער הונגער, ניט שלאָפן, זיין וועלקן —
וואָס האָט ביי דעם אינגל דאָס אַלץ פאַר אַ ווערט?
צי ווייס ער ניט דען ווי אַמאָל פלעגט מען לערנען?
צי ווערט ניט ביי אידן אַ למדן פאַרערט?

עס זיינען זעקס יאָרן פון קינדהייט און יוגנט
פאַרשוואונדן אָן לעבן אַזוי ווי אַ שאָטן —
אזוי ווי זיי וואָלטן דאָס הויז ניט באַרירט גאָר,
און גאָרנישט דעם ווינקל פון אינגל באַטראָטן;
אַזוי ווי ס'וואָלט הינטער דער וואַנט אויסגעגאַנגען
דאָס לעבן מיט גאָר זיינע ליידן און פריידן,
און גלייך ווי די ערד וואָלט זיך ווינטער אין ווייסן
און זומער אין גרינעם גאָר אויפהערן קליידן;
די זון וואָלט זיך הינטערן פענסטער פאַרלאָשן,
און ס'וואָלטן ניט וואַרים די שטראַלן געלויערט
זיך ברעכנדיג צווישן די צווייגן פון דעמבע
וואָס שטייט נעבן פענסטער פון הויז טיף פאַרטרויערט;
ווי ס'וואָלט גאָר קיין ליכטיגע נאַכט ניט געווען דאָ,
דער פרילינג וואָלט גאָרנישט גע'כשופ'ט, געצויגן —
און גלייך ס'וואָלט דאָס אינגל גאָר יונג ניט געוועזן,
אַזוי זיינען גאַנצע זעקס יאָרן פאַרפלויגן.

אין שטייאיג־פאַרשימלטן זומפ, אין ישיבה,
פאַלט אויך אויס א נייס אין געלויף פון די יאָרן;
עס האָבן די בחורים אויך אין זיך הערצער,
און צוויי מאָל אין יאָר ווערט דער עולם צעפאָרן.
עס ווערט די ישיבה צעדירט און צערודערט
פיל גייען אַוועק, ס'קומען אַנדערע צו —
פיל וואַרפן אַוועק זייער טרויעריג לעבן
און לעבן צופרידן אָן דחקות, אין רו.

א סך גאַר באַזעצן אַרום זיך אין דערפער,
און עסן זיך „טעג״, ווי עס פירט זיך ביי אידן;
און וויט פונם אויג פונם שטרענגען משגיח
בכבודיג לעבן זיי דאָרט און צופרידן.
אויך טרעפט: מען טרייבט לערנער אַרויס פון ישיבה,
זיי גייען אהיים מיט בזיונות, פאַרשוועכט:
דער איינער — ווייל ער פלעגט מיט מיידלאַך פאַרברענגען,
דער צווייטער — שפילט קאָרטן דורך גאַנצענע נעכט.
דער דריטער — ווייל ס׳האָט אים דער שמש געטראָפן
אום שבת גאַר רויכנדיג אַ פּאַפּיראָס;
ס׳האָט איינער זיך מיט אַ טריף־פּסול באַהאַלטן,
און דעם — ווייס מען סתם ניט פאַרוועז און פאַרוואָס.
אויך טרעפט, אַז מען קלייבט וועמען אויס פאַר אַ חתן —
ער פאַלט אין אַ שמאַלצגרוב אריין, אַן אַנטיק.
אויך מאַכט זיך, עס ווערט ווער אַ רב אין א שטעדטל —
אַ וואויל איז דאָס דעם וועמען ס׳טרעפט אַזאַ גליק!
נאָר איינער שטייט אַלץ צו זיין אָרט צוגענאָגלט,
און יאָרן און מעשים נאָר הינטער אים פאַלן —
און פאַר אים? פאַר אים שטייט אַ וואַנט ווי פון אייזן,
אַ טונקעלער ווינקל אָן ליכט און אָן שטראַלן.

זינט ס׳האָט זיך דאָס אינגל דאָס אין ווינקל פאַרקליבן
האָט קיינער באַמערקט זיין אַוועקגיין, זיין קומען;
דער שמש אפילו האָט אויך נישט באַמערקט דאָס —
האָט תמיד געזען אים אין לערנען פאַרנומען.
געוואוסט פון דעם האָבן בלויז דריי: די לבנה,
דער פריאיגער מאָרגן און פינסטערע נאַכט:
די זון האָט אים קיינמאָל, קיינמאָל ניט געזען נאָך,
בעת זי וואַרפט שטראַלן אויף שטראַלן און לאַכט.
באַגינען, ווען שווער איז נאָך אונטערצושיידן
„פון בלוי־פאַרב ביז ווייס, פון אַ וואָלף ביז אַ הונט״,
ווען ס׳גלאַנצן אין טונקעלער שטילקייט די שטערן
אין הימל, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט הויך און רונד.

ווען ס׳זיינען נאָך אַלע אין שלאָף טיף פאַרזונקען
דאָס קרייען פון האָן טוט די שטילקייט ניט שטערן —
און איידער ס׳דערוואַכן גאָטספאַרכטיגע אידן
צו דינען דעם בורא, אים לויבן און ערן;
ווען ס׳וואַרט די נאַטור צו דערוואַכן צום לעבן
צום נייעם, און שווייגט זיס־פאַר׳כשופ׳ט און שטיל,
גלייך ווי זי וואָלט טרוימען איר חלום דעם לעצטן,
באַהאַלטנדיג טיף אַ געדאַנק, אַ געפיל
אין די פאַלדן פון שוואַרצן פון אַטלעסנעם קלייד;
און שטיל און באַזאַכט טראָגט זיך ערגעץ אַ ווינט —
דאַן וואַכט אויף פון שלאָף פון זיין קורצן דאָס אינגל
טוט אָן זיך און לויפט צו זיין ווינקל געשווינט.
עס הערט נאָר דאָס זיסע, דאָס גלעטנדע ווינטל
די טריט פון דעם אינגל וואָס גייט זיך זיין וועג,
און שטערנדלעך זעען אים הויך אינ׳ם הימל,
אין הימעל אין טיפן אָן שיער און אָן ברעג.

דאַן טרעפט, אַז עס שפּרינגט, מעשה־שטן, אַנטקעגן
אַ שטיפעריש ווינטל וואָס וואַרימט און גלעט;
עס קרייזלט די פאות פון אינגל מיט ליבשאַפט
און סוד׳עט אים זיס אויפ׳ן אויער און רעדט.
און שווער קלעפּן צו זיך די ברעמען פון אינגל,
אַזוי ווי זיי וואָלטן געבעטן אים שטיל:
„האָב, ברודער, רחמנות און לאָז אונז נאָך רוען,
דו האָסט אונז, אוי ברודער, געמאַטערט צופיל.
דו האָסט אונז אַ זומערטאָג לאַנגן און שווערן
געמאַטערט, געפייניגט ביז שפּעט אין דער נאַכט —
גיי לייג זיך און מיר וועלן אויך זיך אויסרוען,
מיר זיינען פון אַרבעט פון שווערער פאַרשוואַכט״.
נאָר ס׳פירט פלוצים איבער די אויגן דאָס אינגל
זיין מאָגערע האַנט — און אַוועק דער געדאַנק.
און ס׳הערן די ליידיגע פינסטערע גאַסן
פון איילינע טריט און געשווינטע דעם קלאַנג.

ס׳פאַרקלייבט זיך דער ווינט דאָן אין גרינס פונם גאָרטן
און צערטלט און מורמלט מיט ליבע־געזאַנגען:
זע, קינד מיינס, ווי ווייך איז און פריש מיין געלעגער,
לעב אויף נאָך, כל־זמן ס׳איז דיין לונג ניט צעגאַנגען.
„אויך מיר שלאָפן" — סוד׳ען די גראָזן פון חלום,
וואָס שטייען מיט טוי ווי מיט פערל באַצויגן.
עס ווינקען די גאָלדענע שטערן פון הימל:
„אויך מיר שלאָפן רואיג מיט אָפענע אויגן".
און ריחות פון גראָזן און בלומען באַרוישן,
און פילן אָן ס׳אינגל מיט לעבן און לוסט;
אַ פרישער שטראָם לופט גיסט אַריין זיך אין הארצן
און ס׳לאָזט אָפּ דער ווייטאָג פון ליידענדער ברוסט.
דאָן לאָזט ער די הענט אָפּ מיט שוואַכקייט, אָן כוחות,
גלייך ווי ער וואָלט בעטן: „טראָג ווייטער מיך, ווינט!
דאָס פלאַץ איז מיר ענג דאָ, ניטאָ מער קיין קרעפטן,
פאַרנעם מיך מיט זיך, און פאַרטראָג מיך געשווינט"!
אַ קלאַפּ אָן דעם פלויט פון אַ גאָרטן דערמאָנט דאָן
דעם אינגל, אַז ער איז אַרונטער פון שטעג.
דערמאָנט זיך זיין ווינקל, זיין למוד־התורה,
און קערט זיך אום ווידער, גייט ווידער זיין וועג.

עס הערשט אין ישיבה אַ הייליגע שטילקייט —
דער ערשטער צעשטערט זי דער מתמיד, דאָס אינגל;
עס וואַרטן אויף אים דריי חברים געטרייע,
געטרייע חברים אין פינסטערן ווינקל:
דער שטענדער, דאָס ליכט, און די ברייטע גמרא.
ער איילט זיך צו זיי, קיין מינוט צו פאַרלירן,
און נעמט זיך צום לערנען מיט לוסט און מיט חשק,
געגאָגלט צום פלאַץ טוט פון אָרט זיך ניט רירן
דעם טאָג דורכאַנאַנד ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט;
דאָרט עסט ער אין ווינקל זיין שטיק טרוקן ברויט —
ס׳איז שטאַרקער פון שטיין און פון אייזן אַ אינגל
אַ אידישס, וואָס לערנט די תורה דורך נויט.

„אוי, אוי, אָמר רבא, אוי, תנו רבנן״!
פרימאָרגן און גאָרטן און ריחות פון פעלד —
אלץ, אלץ ווי אַ וואָלקן צערונען געוואָרן,
פאַרווישט און פאַרשוואונדן איז אַלץ אין דער וועלט.
די וועלט און אַלצדינג — איז נאָר דאָ, אין ישיבה,
און ס׳לויכטן אין ווינקל אים טויזנטער זונען;
עס בליצן מיט ליכטיגע פונקען די אויגן,
דאָ האָט ער התלהבות און ליבע געפונען.
ס׳איז רויט שוין דער מזרח געוואָרן אין פלאַמען
און ליכטיג און פריידיג די ערד ווערט באַהעלט;
ס׳זאָגט איטלעך באַשעפעניש שירה צום בורא,
באַזינגט הויך די וואונדער פון גאָט אויף דער וועלט.
עס קומען די בחורים שוין אין ישיבה
מיט לאַנגע און שווערע גמרות צוזאַמען;
עס לויכטן די פּנים׳ער, שטראַלן די אויגן,
ווי קינדער, וואָס איילן מיט פרייד צו דער מאַמען.
און מונטער, באַגייסטערט, הויבט אָן זיך דאָס לערנען
עס קלינגט די ישיבה מיט הילכיגע קלאַנגען;
עס לויבן, עס בעטן דאָס, דאַכט זיך, דעם בורא
און דאַנקען אים האַרציג די לעבנס געזאַנגען.
אין דרויסן, פונקט איבערן פענסטער, כאַפּט אויף זיך
דער נעסט פון די שוואַלבן; עס זינגען די קינדער
אַ לויבליד דער זון וועלכע קאַרגט ניט קיין שטראַלן,
און לעבט אויף די ערד און באַצירט זי אויף וואונדער.
עס ליבט אויך די זון זיך פאַרקלייבן אין הויז פון
דער גרויסער ישיבה מיט יעדן פרימאָרגן,
און אויסקערן דאָרט מיט איר גאָלדענעם בעזים
די שאָטנס וואָס האָבן זיך טיף דאָרט פאַרבאָרגן.
די זון שטראָמט מיט ליכט אין דער גרויער ישיבה,
און פלאַסטערט מיט גאָלד אויס די ווינקלען פון הויז;
אַ פייגל־געזאַנג נעמט אַרום זי פון דרויסן,
פון אינווייניג קלינגט אַ געפילדער ארויס.

אפילו דער דעמבנבוים, אַלט און פאַרלאָזן,
וואָס שטייט יאָרנלאַנג ביי דעם פענסטער, אָן לעבן,
די וואָרצלען פאַרטריקנט, פאַרעלטערט, און האָט שוין
זיין פרוכט, זיינע ניס, שוין לאַנג אויפגעהערט געבן —
האָט אויך אַצינד אויפגעוואַכט, דאַכט זיך, צום לעבן,
און פייכט איז פון נאַכטיגן טוי נאָך זיין קאָפּ.
ער זעט זיינע פייגל ווי אייגענע קינדער
וואָס גריסן אים פריידיג מיט לידער אַראָפּ.
עס גיסט זיך פול צויבער און כשוף דאָס לעבן
פאַרשטראָמט און פאַרפלייצט אויך די ערד מיט זיך גיך;
זאָל איטלעכער זען און טיף שעפּן פארגעניגן,
און לעבן — ווער ס׳האָט אַ נשמה אין זיך.
דאָך רירט זיך פון אָרט ניט נאָר איינער, דאָס אינגל,
עס אָטעמט ניט פריי זיין פאַרמאַטערטע ברוסט —
ס׳איז שטאַרקער פון שטיין און פון אייזן, אַ אינגל
אַ אידיש׳ס, וואָס לערנט די תורה מיט לוסט.

אַזוי שטייט דאָס אינגל טאָג־טעגלעך אין ווינקל,
פון פריאיגן מאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.
זיין טאָג איז צעטיילט אין חלקים: פאַר זיך איינס,
און דריי טייל אַ קרבן דער תורה געבראַכט.
און איינזאַם, געשמידט צו זיין שטענדער, דאָרט שטייט ער,
דאָס פּנים געקניטשט און מיט בלאַסקייט באַגאָסן;
ער האָט אין דער גמרא זיין גאַנצע נשמה
אויף אייביג, אויף אייביג, פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן.

„אוי, אוי, אָמר רבא, אוי, תנו רבנן"!
צי דאָ ווערט געבוירן דורך פייער און שטראַל
די נשמה פון פאָלק און דאָס אייביגע לעבן,
צי דאָ פליסט פון וואַרעמען פאָלקס־בלוט דער קוואַל?
צי דאָ זיינען ליכטער אין צוקונפט, וואָס שאַפן
און שמידן דעם פאָלק אויס אַן אייביגן גייסט?

וואָס אָנדערש דען זיינען די פלאַמען, די קולות
וואָס טראָגן צום הימל דאָס האַרץ אַזוי דרייסט?
ווער האָט אין די בלעטער אַ כשוף באַהאַלטן,
מיט וואָס פּאַראַ קראַפט איז דאָס וואָרט דורכגעדרונגען
צו צינדן אין טונקעלע אויגן די פלאַמען,
פון הערצער דערשלאָגענע אויסשיסן פונקען?
„אוי, אוי, אמר רבא!" — צי הערסטו, צי פילסטו
די ליבשאַפט די גרויסע וואָס פלאַקערט מיט גלות?
צי רייסט זיך דיין הארץ ניט אויף צוויי, פון די ווערטער
וואָס שלאָגן אויס פונקען און שפּריצן מיט בלוט?
צי גיט דיך אַ מאַכטיגע האַנט ניט אַ שליידער
אין ענדלאָזער הויכקייט, אין ווייטקייט אָן ברעג —
און פונקט ווי אַ פיש אין דער נעץ, אַזוי צאַפּלט
און רייסט זיך דיין האַרץ אין אַ שטורמיגער שרעק?
פאַרשטייסטו וואָס ווײנט דאָרט, וואָס קלאָגט דאָרט דערשלאָגן
דאָס אָרימע אינגל אין האַרציגן ברומען;
פון ווינקל ארויס אויף די בלעטער פון תלמוד
וואָס טוט ווי אַ תפלה פון הארצן אים קומען?
ער שטייט פון באַגינען און שפּירט ניט קיין שוואכקייט,
און לערנט מיט חשק, מיט היץ און מיט קראַפט —
די זון זינקט אַרונטער, אַרונטער צו מערב,
און הייזעריג ווערן די שטימען, פאַרשלאָפט;
ס'ווערט יעדערער מיד, יעדעס האַלז ווערט פאַרטריקנט,
מיט אומגעדולד וואַרטן זיי שוין אויף דער שעה,
ווען דער שמש וועט קומען און אויסרופן: מנחה!
דער אָוונט דער לאַנג שוין דערוואַרטער איז דאַ.
אין שיין פון דער זון וואָס גייט אונטער, און וועלכע
באַדעקט אַלץ מיט פורפור, באַגאָלדיגט דאָס הויז —
פול חסד, הנאה, טוט־אָפּ זיך די שכינה
און גליטשט אויף אַ גאָלדענעם שטראַל זיך ארויס.
דערמאָנט זיך די זון אָן דעם פינסטערן ווינקל,
פאַר'גנבֿ'עט איר שטראַל זיך אַהין און פארקריכט;

עס צינדן זיך אָן דאָרטן בראַנדיקע פלעקן,
און ס'ציטערט און וואַרפט זיך דאָס שיינענדע ליכט;
אַזוי לאָזט זיך הערן דאָן ליבלעך און מאַכטיק
דאָס קול פון דעם מתמיד וואָס קלינגט העל און פריש —
ווי אַ קינד אַ פאַרבענקטס, פול מיט קדושה און ליבשאַפט
קלינגט שטאַרקער זיין קול דאָן, באַגייסטערט און זיס.
„אוי, תנו רבנן — ווער ווייס, אויב איך וועל איצט
מיין זעל פאַר אַ קרבן דער תורה אויפברינגען,
קען זיין, וועט מיין שם־טוב די וועלט נאָך אָנפילן,
און ס'וועט פון מיין ווינקל מיין נאָמען אויפקלינגען."
„אוי, תנו רבנן, — אויך רבי עקיבא
געווען איז אַ הירט ביזן פערציגסטן יאָר —
און האָט ווי אַ שטערן זיין פאָלק אויפגעלויכטן —
און איך בין אַ אינגל אַ יונגער דאָך נאָר."
„גאָט, נעם ביי מיר צו וואָס דו ווילסט און פאַרלאַנגסט נאָר,
איך גיב ביי דער הייליגער תורה דאָס וואָרט:
איך שווער, ס'זאָל מיין קול תמיד קלינגען אין תורה,
איך שווער, ניט צו רירן זיך קיינמאָל פון אָרט.
דאָס האַרץ זאָל ניט וויסן פון רו, און די אויגן
פון שלאָף, ביז מיין דורשט וועל איך שטילן נאָך וויסן —
פרימאָרגן זאָל וועקן און שלעפערן האַלבנאַכט,
דער שטראָם פון גאָטס וואָרט זאָל אין מיר זיך צעגיסן.
דאָרום — אמר רבא" . . . און פול נייע כוחות
האָט ווידער דאָס קול זיינס די לופט דורכגעריסן.
מיר דאַכט, אַז אַ שיין אויפן ארון הקודש
האָט זיך ווי אַ שמייכל אַ ליכטיקס באַוויזן.
די שכינה שעפּט נחת פון רייד פון דעם אינגל —
און אפשר גאָר לאַכט זי פון אירע קרבנות,
וואָס שליסן זיך איין אין דער פינסטערער תפיסה,
באַגראָבן די יוגנט דאָרט גאָר אָן רחמנות?

די זון איז אין מערב־זייט הימל פאַרזונקען
איר שטראַל אויך דעם לעצטן מיט זיך שוין פאַרנומען;

און נידעריג ווערן די שטימען און שוואַכער
און גלייך ווי פון בינען דאָס רוישן און זשומען.
צום סוף האָט דער שמש צו מנחה גערופן,
און אויפגעהערט האָט באַלד צו טומלען, צו ברויזן;
און גיך ווערט דאָס דאַוונען געענדיגט, און ס׳איילן
די בחורים אַלע אַנטלויפן אין דרויסן.
אין וואַלד און אין פעלד! דאָרטן לעבן אויף שאַרבנס
וואָס האָבן פון יוגנט קיינמאָל ניט געוואוסט —
וואו ס׳רויטלען זיך עפּל און בעקלעך פון מיידלעך,
וואו ס׳אָטעמט מיט חשק און כח די ברוסט.
עס קלאַפּט דאָס האַרץ מוטיג, און פרייער און שטאַרקער,
די לופט איז דערפרישענדיג, דורכזיכטיג־קלאָר;
עס ווישט אָפּ דער בחור דעם שווייס פון זיין שטערן,
אַ ווינטל רירט שטיל די צעשויבערטע האָר.
ס׳איז שטיל אין ישיבה. עס שטייען די ווענט דאָרט
פאַרהילט און פאַרוויקלט אין שאָטן אין טריבן.
עס זענען פון אַלע תלמידים צוויי פּרושים
אין ערגעץ אַ ווינקל פון הויז נאָכגעבליבן.
דאָן דרינגט פון דעם ווינקל אַ וויינענדע שטים אויס
און ברומט ווי אַ טויב אַזוי האַרציג און באַנג;
וואָס ברומט און וואָס קלאָגט זיך זיין קרענקלעכע האַרץ טיף?
וואָס וויטאָגט און שמערצט זיין פאַרטרויערט געזאַנג?
צי האָט אים זיין אָרימער פאָטער דערמאָנט זיך,
זיין עלנטע מוטער — און האָט זיך פאַרבייגקט?
און ס׳רייסט זיך זיין האַרץ ווי אַ פויגל פון שטייגל,
און צאַפּלט זיך פּיינלעך, פאַראומערט, פאַרקרייגקט,
ווי זיי, וואָס דערמאָנען אין איטלעכער תפלה
זיין נאָמען טאָג־טעגלעך, און בעטן דעם בורא,
און וואַרטן אויף אים ווי מען וואַרט אויף משיח —
ווען קומט ער צוריק מיט דער קרוין פון דער תורה?
ווער קען די מחשבות די אינגלשע וויסן?
נאָר שטענדיג, ווען ס׳גייט ווער פאַרביי פאַרן הויז

שטעלט אָפּ זיך צו הערן דעם טרויעריגן נגון
וואָס גייט פון צעבראָכענעם האַרצן אַרויס.
און ס'רייסט זיך אַ תפלה אַרויס אים פון האַרצן
און פליט מיט אַ זיפץ אויף דעם שוועבנדן ווינט:
„געבענטשט איז דאָס קינד וועלכעס מיט זיך אין תורה,
און וואויל איז דעם טאַטן וואָס האָט אַזאַ קינד.״

אוי, אוי, אָמר רבא״ . . . און דאָס וואָס עס שרייט דיר
דאָס לעבן מיט הונדערטער טויזנטער שטימן —
האָסטו פון דעם אַלעם אַזוי ווי אַ טויבער
און שטומער, קיין קלאַנג ניט דערהערט, ניט פאַרנומען.
און דאָס וואָס עס שרייט דיר דיין קראַנקע נשמה
פון טרוקענעם גומען פאַרמאַטערט, פאַרשווערט,
אַז ס'גייען דיר ביסלעכווייז אויס דיינע כוחות,
האָסטו נאָך ביז היינט גאָר איר קול ניט דערהערט.
דו האָסט יעדן קלענסטן פאַרלאַנג פון נשמה
מיט אייגענע הענט אין דיין יוגנט דערשטיקט;
און יעדווידער בלום וועלכע שפּראָצט דאָרט באַהאַלטן,
האָסטו אָן רחמנות צעריסן, צעפליקט.
ביז ס'איז דיין נשמה פאַרמאַטערט געוואָרן,
פאַרשרומפּן געוואָרן, פאַרהונגערט, באַטריבט
פון דורשט און באַגערן וואָס קיינמאָל באַפרידיגט —
ניט זי האָט — קיין צווייטער האָט זי ניט געליבט.
און אויגן, די ליכטיגע אויגן, וואָס זיינען
באַשאַפן געוואָרן צו זעען די וועלט;
זיי זיינען, קיין זאַך ניט פאַרלאַנגענדיג, פינסטער,
און ווערן אין חושך פאַרהילט און פאַרשטעלט.
און לעבט אין אַ לעבן וואָס איז שוין לאַנג בטל,
און קריכט ווי אַ שפין אויף אַ וועג וואָס איז וויסט —
וואָס ווערן אַזוינע נשמות באַשאַפן,
וואָס גייען זיי אונטער אין לעבן אומזיסט?

פלעגט טרעפן אַמאָל אויך: ס'געמיט פון דעם אינגל
פלעגט ווערן פון מי פון דער שווערער פאַרביטערט;

און ווינטער, ווען הימל און ערד זיינען פינסטער,
עס קלאָגט בייז דער שטורעם און רייסט און געוויטערט.
עס שלעפּן זיך טרויעריג פינסטערע וואָלקנס,
און ס׳ציען זיך לאַנגזאַם, אָן לעבן, די טעג.
די זון זאָל איין שטראָל כאָטש אין ווינקל פאַרוואַרפן,
באַלייכטן אַביסל דעם חושך אָן ברעג.
פון ערגעץ וואו נעמט זיך אַ שפּין דאָן אַ גרינער
און וועבט זיינע שפּינוועבס אין ווינקל אין שוואַרצן —
דער חושך אַרום ווערט אַלץ שווערער, געדיכטער,
און קאַלט איז און פינסטער ביים אינגל אין האַרצן;
דאָן פילט זיך דאָס אינגל, אַז ער איז פאַרגעסן,
זיין האַרץ איז פאַרוויסט און פאַרלאָזן געבליבן;
ער שפּירט, אַז זיין קראַפט ווערט אַלץ וויניגער, שוואַכער,
דער פלאַם פון זיין האַרץ איז כמעט ווי פאַרטריבן.
און ס׳קלינגט דאָן זיין קול ווי דאָס קול פון אַ מענטשן,
וואָס מיד איז זיין נשמה און גייט־אויס פון אומער;
אַ קול פון אַ האַרץ וואָס איז קראַנק און געשלאָגן,
איז פול מיט תחנונים און גאַליגן קומער.
און ס׳ווערט צו אַ קלעגלעך־געוויין דאָן זיין לערנען,
און ס׳יאָמערט און גייט־אויס אין בעטן זיין האַרץ. —
צי נעמסטו פאַר ליב אָן, מיין קינד, די יסורים?
צי וויס ער זיין אומגליק, צי פילט ער זיין שמאַרץ?

זיין אומגליק — פאַרוואָס? אָ, ווער קען דאָס דערווייזן,
אַז מענטש איז צו בעסערס באַשאַפן אין לעבן?
פאַרוואָס זאָל דאָס אינגל ניט זיין אויך צופרידן,
מיט דעם וואָס עס האָט אים זיין ווינקל געגעבן?
די תורה די ברייטע, די ליכטיגע תורה
פון אייביג האָט ווינקלען און שאָטנס געזוכט;
גאָטס האַנט האָט בירושה פון טאַטעס צו קינדער
דורך חושך צו לייכטן געבראַכט אונז איר ליכט.
אין קעלערס, אויף בוידעמער — לערנען בגנבה
דאָרט האָבן זיך אונזערע קינדער באַהאַלטן —

אַראָפּ צו אונז זיינען פון בוידעמער גאונים,
און ליכטער אַרויס פון די פינסטערע שפּאַלטן.
אין צער און אין אָרימקייט האָט זיך די אידישע
אומה ביז היינט אויף דער וועלט אויפגעהיט —
פאַרוואָס נאָך זאָל באַנג־טאָן דעם מתמיד דעם אינגל
ווען מ׳האָט אים אין ווינקל אין ענגן פאַרשמידט ?
אויף אויסווייניג קען ער צוויי סדרים גמרא
מיט אַלע מפרשים, צו ציילן די אותיות. —
עס קוקן די בחורים אָן אים מיט קנאה
און זעען פאַראויס אים אַ צוקונפט אַ גרויסע.
ווי גוט און ווי וואויל איז דעם אָרימען אינגל —
און ווי זאָל זיין האַרץ אין אים טיף זיך ניט פרייען :
ער זעט דאָך אַ לוין פאַר זיין מי פאַר זיין שווערער —
מען רופט אים אי מתמיד, אי עלוי, — אין צווייען.
עס שימערט איין קרוין אויפן קאָפּ פון אַ קיניג,
מיט איין לאָרבער־קראַנץ, און ניט מער, טוט מען לוינען
דעם קאָפּ פון אַ העלד, פון אַ געטלעכן דיכטער —
דעם קאָפּ פון דעם אינגל באַצירן צוויי קרוינען.
אי מתמיד, אי עלוי — דאָס זיינען צוויי שטאַפּלען
אין לייטער פון תורה אין ריזיגן־הויכן —
ווי וויט איז דער שטאַפּל פון גאון פון זיי שוין ?
ס׳איז גרינג דען אַזאַ מין מדרגה דערגרייכן ?

און ווידער דאָן האָפט ער — ווייל ס׳האָבן די בלומען
פון האָפנונג זיין צווייפל און טרויער פאַרטריבן ;
זיי ווייזן דעם אינגל אַ לוין פאַר זיין אַרבעט,
זיי ציען זיין האַרץ צו זיין ווינקל צו ליבן.
און גלייך איינער שלייפט אַ שטיק שטאָל אָן אַ שאַרפשטיין,
אַז ס׳שפּריצן אָפּ פונקען און פליען מיט כח —
אַזוי שלייפט ער אויך אָן די סוגיות די האַרבע
אין ענגן און טונקעלן ווינקל זיין מח.
און ווינטער ביינאַכט, ווען ער האָט אויף אַ סוגיה
אַ האַרבער געמאַטערט זיך לאַנג און באַנומען —

אַ סוגיה וואָס האָט אים זיין מאַרך אויסגעטריקנט —
דאָן איז אים, ווי ער וואָלט אַ שטאָט בייגעקומען.
דאַן טרוימט ער פון טאָג פון צוריקקער אַהיים,
די סמיכה אין האַנט און באַלאָדן מיט תורה;
זיין שם־טוב אין שטאָט און די עלטערנס שמחה,
וואָס דאַנקען פאַר אים און זיי לויבן דעם בורא.
זיין נאָמען, וואָס איצט איז פאַרהילט אין אַ חושך
וועט קלינגען פון „מיר ביז וואָלאָזין" און גלענצן;
און ס'וועלן אים תמיד גאָטספאָרכטיגע אידן
מיט כבוד און ליבע דערמאָנען און בענטשן.
דאָרום — „אָמר רבא, אוי, אוי, אָמר רבא" . . .
און וואָס מער ער חלומט, מער ציט זיך זיין האַרץ
צום ווינקל צום ענגן, דער גמרא דער ברייטער,
צו ליבן זיין הונגערן, טרויער און שמאַרץ,
און ס'ברעכט אויס זיין קול מיט התלהבות באַפליגלט.
נאָר ווער גיסט אונז גיפט אין נשמה, פאַרביטערט,
צערייסט אונז דאָס האַרץ מיט אומענדלעכן צער
וואָס קלינגט אין די גמרא־נגונים און ציטערט?

נאָר דער וועלכער גייט פאַרביי פאַר דער ישיבה
אין פריאיגן מאָרגן, צי שפּעט אין דער נאַכט,
און הערט דורך אַ ליכטיגן פענסטער, ווי ס'טראָגט זיך
אַן איינזאַמע שטים, וועלכע קלאָגט זיך פאַרטראַכט;
וואָס גיסט אויפן סוד'נדן ווינטל, אין שטילקייט
אַ צער וואָס איז אָנגעזאַפּט דורך מיט פאַרגעניגן —
נאָר יענער פאַרשטייט, ווי ס'איז שטעכעדיג־ברענענד,
ווי שמערצלעך, ווי טרויריג עס איז אָט דער ניגון.

ווער האָט אָט די שטימען מיט גיפט אָנגעטרונקען,
וואָס יאָמערט און קלאָגט אייער טרויער־געזאַנג?
באַוויינט איר דאָס אייערע יאָרן באַגראָבענע,
צי ס'טוט אייך אויף אייער פאַרגאַנגענהייט באַנג?
אויף דעם, וואָס די וועלט איז אייך חרוב געוואָרן —
צי דאָס, וואָס די יוגנט פון אייך איז פאַרפלויגן?

צי ווילט איר באַלעבן די ווערטער וואָס האָבן
דעם מות פון אייערע קעפּ אויסגעזויגן?
צי שרייט איר נאָך הילף, און איר רופט אייער גואל,
ער זאָל אייך באַפרייען פון שרעקלעכן שמאַרץ —
אַן אויג זאָל זיין וועלכעס זאָל זען אייער אַרבעט,
פאַרשטיין אייער ווייטאָג — אַ פּילנדעס האַרץ!
פאַרלוירענע מענטשן — עס הערט ניט קיין אויער —
אַזוי ווי אַ תפלה וואָס לאַנג איז געוואָרן
פאַרטראָגן פון ווינט און פאַרגעסן פון מענטשן,
גייט אויך אייער ביטערער זיפץ דאָ פאַרלאָרן.

נאָר איינער איז דאָ וואָס הערט איין זיך אין שטילקייט
צום קלאָגעדיק קול פון דעם מתמיד, זיין זאָרגן;
צום טרויער־געוויין און צום שמערצלעכן נגון
וואָס שוועבט אויף די פליגל פון פריאיגן מאָרגן —
דער ראש־הישיבה, דער אַלטער און גרויער.
ס'איז תמיד זיין אויער צו הערן אים אָפן —
עס לאָזט אים די פריאיגע שטים פון דעם מתמיד,
דער פּיפּס פון זיין פויגל, עס לאָזט אים נישט שלאָפן.
ער ליבט דאָן צו הערן דעם קול פון דעם מתמיד
אין שטילקייט, ווען ס'פליען די קלאַנגען און שוועבן —
דאָס הערט ער דעם אָפּקלאַנג פון אייגענער יוגנט,
דאָס זעט ער די קייט פון זיין גייסטיגן לעבן.
און ס'קייקלען אַראָפּ זיך צוויי טרערן ווי פּערל
און פאַלן אין שניי־ווייסער באָרד טיף אַריין;
זיי פינקלען און גלאַנצן אַנטקעגן דעם ליכטל
פון אינגל מיט עפּעס אַ כישופדיק שיין.
וואָס רייסט זיך דיין האַרץ אין דיר, אַלטער? צי האָסטו
אין אינגל, אַזוי ווי אין שפּיגל, געזען
דאָס בילד פון דיין עלנט, פאַרלאָפענער יוגנט,
דיין הונגערן, פרירן — אַלצדינג וואָס געווען?
דערמאָנסט אויך די יאָרן פון לערנען מיט ליבשאַפט —
טאָ וואָס־זשע האָט, אַלטער, דיין האַרץ זיך גערירט?

דו האָסט איבער גאָר דיינע ליידן געשטאַרקט זיך —
גאָט האָט דיך צום לייכטן דורך חושך געפירט.
און אפשר גאָר וויזט דיר דיין האַרץ בנבואה
די ריזיגע קראַפט וואָס גייט אונטער אַלץ מער ;
וואָס וועלקט ווי אַ בלאַט אויפן ווינט, ווערט צעטריקנט,
און ס'ווײנט דאָס דיין האַרץ אין דיר ביטער און שווער.
צי אָדער, דו זעסט איצט די צוקונפט פון אינגל,
דו זעסט אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף וועלכע שמאַכט —
וואָס גייט אין דעם שרעקלעכן שטורעם פאַרלאָרן,
און בלינד, ווי אַ וואָרים אין דר'ערד און פאַרשוואַכט ?

איך האָב אין מיין יוגנט געהערט אָט די שטימען,
די פנים'ער בלאַסע געזען זייער פיל ;
די קנייטשן פון שטערן, די אויגן די גרויסע,
זיי האָבן ווי רחמים געבעטן זיך שטיל.
און ספּלעגט יעדעס בליק, יעדער קנייטש מיר דערציילן
פון לעבנס פון יונגע אין חושך דערשטיקט ;
און ס'האָט יעדעס בליק, יעדער קנייטש טיף אין האַרצן
געברענט ווי מיט פייער, אויף שטיקער געפליקט.
נאָר ווען איך דערמאָן זייער טרויעריג קול זיך
וואָס קלאָגט דורך ביינאַכטן, צעבראָכן, פאַרשלאָפט —
דאַן וויינט מיר מיין האַרץ שווער : רבונו של עולם,
אויף וואָס גייט לאיבוד די ריזיגע קראַפט ?

ס'איז מיר ניט באַשערט געווען, אָרימע מענטשן,
אַז איך זאָל אינאיינעם מיט אייך גיין פאַרלאָרן ;
געפעלשט איז מיין תורה, אויף אַנדערע וועגן
בין איך אַליין איינזאַם פאַרלאָרן געוואָרן.
ס'איז אַנדערע צייטן — און ווייט פון אייך האָב איך
אין אַנדערע ערטער געשטעלט מיין מזבח ;
נאָר געדענקען — געדענק איך אייך אַלעמען אייביג,
עס גייט אייער בילד ניט אַרויס פון מיין מוח.

כ׳געדענק אויך ווי שטאַרק און געזונט איז דער קערן,
די זריעה וואָס ליגט אין דעם פעלד טיף באַהאַלטן ;
ווי גרויס וואָלט די ברכה געווען, ווען עס וואָלט אייך
אַן איינציגער וואַרעמער זונשטראַל צעשפּאַלטן.
פיל וואָלטן מיר געאַרבן מיט שמחה געשניטן
ווען ס׳וואָלט נאָר אין אייך אַ מילד ווינטל געבלאָזן —
און אָפּגערוימט וואָלט ער דעם וועג צום ישיבה
וואָס איז אַזוי ווילד און אוממענטשלעך פאַרלאָזן.
און כ׳ווייס, אייער סוף ווי פאַרשוועכט איז און שרעקלעך —
מיין אומגליקלעך פאָלק, אַ ווי לייד טוסטו מיר !
ווי טרוקן, פאַרשאָלטן דאַרף זיין שוין די נחלה,
אויב קערנער אַזעלכע פאַרשימלען אין איר !

אין פעלד

ניין, ניט ווי אַ פויגל וואָס כאַפּט זיך פון שטייגל ארויס מיט געזאַנג—
און ניט ווי אַ לייב, וועלכער רייסט זיך פון גראַטע אַרויס אויף דער וועלט;
אַזוי ווי אַ הונט נאָר געשלאָגן, געמאַטערט, געפּייניגט גאַנץ לאַנג
בין איך היינט פאַרשעמט און דערשלאָגן אַנטלאָפן אין רוישנדן פעלד!

אין טאָל און אויף באַרג — דאָרטן שטייען אין גרינסן באַהאַלטענע שטיבלעך,
דאָרט ליגט אויף די מענטשן גאָטס-ברכה, און לעבן צופרידן און שטיל;
עס וואַקסט זייער גוטס און עס מערט זיך, זיי זעען אַ לוין פאַר דער אַרבעט,
אַהינצו באַגערט מיין נשמה, און ציט זיך מיין האַרצנס געפיל.

איך גיי אום אין פעלד און הער צו זיך, וואָס גאָט רעדט צו מיר דורכן קאָרן,
וואָס סוד'עט דאָס ווינטל זיס-גלעטנד די הויכע און שטאָלציגע זאַנגען?
וואָס וויגן זיי טרוימיג די גאָלדענע פולע און האָריגע קעפּלעך,
וואָס שעפּטשן די בלויאינקע בלימלעך זיך בויגנדיג פול מיט געדאַנקען?

איך ווער אין דעם קאָרן פאַרשלונגען, עס נעמען אַרום מיך די זאַנגען,
איך ווער, ווי אַ שיפל אויף כוואַליעס, פאַרשלעפּט אין דעם וואַקסנדן מער;
דער וואַלד שטייט פונווייטן פאַר'חלום'ט, און וויגט זיינע בוימער פאַמעלעך,
עס סוד'ן זיך זיס גרינע בלעטער — איך שטיי פונדערווייטנס און הער.

איך פאַל צו דער ערד צו דער פייכטער, פאַרגראָב איין אין איר טיף מיין פנים,
און וויין אויס מיט ביטערע טרערן דעם ווייטאָג דעם גרויסן פון האַרץ:
דו מאַמע, דו ערד, די געבענשטע, פאַרוואָס, זאָג, פאַרטיילסטו פון מיר נאָר
דיין געטלעכע הימלשע ברכה? ווי גרויס איז און טיף איז מיין שמאַרץ!

ס'איז שטיל אַלץ. די זון האָט זיך הינטער די בערגער די הויכע באַהאַלטן,
פאַרשלאָסן אין ווענט פון די זאַנגען, גיי שטום איך באַזאַכט אויפן שטעג.

עס האָבן זיך טיפבלויע הימלען הויך איבער מיין קאָפּ אויסגעצויגן,
און ס'ציען אַרום מיר זיך פעלדער מיט זאַנגען אָן שיער און אָן ברעג.

און קלאַרינקע וואָלקנדלעך ציען זיך הויך איבּם הימל דעם בלויען,
און קריכן און שוועבן און וואַרפן אַ טונקעלן שאָטן געדיכט,
פאַרהילן די גאָלדענע פעלדער — עס גייט דורך אַ ווינטל אַ קליינטשיקס,
און וויגט שטיל די גאָלדענע זאַנגען וואָס טרוימען אין שאָטנס און ליכט.

נאָר אָט האָט אַ ווינט זיך מיט מאַכט דורכגעטראָגן
טיף האָבן די זאַנגען צו דר'ערד זיך פאַרבויגן —
דערשראָקן אַזוי ווי אַ טשערעדע שעפּסן,
אין ווייטקייט אַנטלאָפן, פאַרפלויגן.

זיי האָבן פון באַרג אין דעם טאָל זיך פאַרקייקלט
פון טאָל צו דעם רוישיגן וואַלד זיך פאַרטראָגן —
און זיס האָט אַ היימלעך געריש זיך צעגאָסן,
מיט לעבן און קרעפטן געשלאָגן.

וואו לויפט איר, איר זאַנגען, וואָס רוישט איר און שטורעמט?
ווער שלאָגט אין אייך כוואַליעס, אַזוי ווי אין ים'ען?
פאַרוואָס, זאָגט, באַדעקט איר די פויגלען וואָס פליען
מיט כשוף'דיק־גאָלדענע פלאַמען?

צי ציט איר אַהין, וואו די וואָלקנדלעך שוועבן?
צום לאַנד לויטער־פרילינג איז אייער פאַרלאַנגען?
צי אַהין, וואו דער חלום פאַרטראָגט דער נשמה, —
אַהין ציט איר, גאָלדענע זאַנגען?

איך שטיי פאַר דעם פעלד פאַר דעם רייכן, דעם רוישיגן, פריילעכן, ברייטן,
און פיל ערשט מיין אָרימקייט איצטער, און ס'עגבערן אין קאָפּ די געדאַנקען:
ניט איך האָב דאָס פעלד אויסגעאַקערט, ניט איך האָב מיט קערנער פאַרזייט עס,
ניט איך וועל, ניט איך, צעגויפנעמען די פולע באַלאָדענע זאַנגען.

ניט איך האָב אַ וואַרעמען רעגן פאַר זיי ביי מיין גאָט אויסגעבעטן,
ניט איך האָב מיט שוויס פון מיין פנים דאָס פעלד באַדעקט ווערנדיג מיד ;
ניט איך פלעג זיך פרייען צו קוקן ווי ס׳גיסן זיך אָן פול די זאַנגען,
אין שניטצייט — אויף זיי וועט ניט פאַלן מיין פריילעך מיין קלינגענדיג ליד.

און דאָך זייט איר טייער מיר, פעלדער, פון דאַן זינט כ׳דערמאָן מיינע ברידער
וואָס אַרבעטן ווייט אין מיין אייגענעם, ליבן, פאַרלאָזענעם לאַנד.
קען זיין, אין דער זעלביגער רגע קלינגט אויף זייער קול אין אַן ענטפער
צום ווייטן און עלנטן ברודער וואָס לעבט אין דעם גלות, אין שאַנד!

מיט זונפאַרגאַנג

אין וואַלקנס פלאַם און וואַלקנס בלוט —
אין מערב זינקט די זון אין גלות.

און שטראַלן ליכט פון וואַלקנריס
געשאָסן בלאַנקע, שפּיז נאָך שפּיז.

דעם פעלד מיט קלאָרן ליכט פאַרפלייצט,
דעם גרינעם צווייג מיט פלאַם גערייצט.

דעם ווייטן וואַלד באַדעקט מיט שיין,
געשמאָלצן פלאַם אין טייך אַריין.

מיט גאָלד באַגולדט פון באַרג דעם שפּיץ,
אין גרינעם קאָרן גלאַנץ געשפּריצט.

פאַרנויגט, געקושט דעם הימלס זוים —
און לעבעדיג אַריין אין תהום.

איצט ליגט די וועלט אין שאָטנטראַכט:
די נאַכט זי גייט — עס קומט די נאַכט!

אַ ווינטל גייט, אַ ווינטל ווייט,
און קושט מיך שטיל, אַ סוד פאַרשפּרייט.

עס רעדט: אַ האַרץ אַ גלויביג, ריין —
איז ווי דער שטראַל פון אָוונט שיין.

און טעג פון יוגנט, טייער קינד,
פאַרפליען, ווי ס'פאַרפליט דער ווינט.

ס'איז אַלץ דאָ קויטיג, אַלץ איז גרוי —
ס'איז דאָ אַ וועלט פון לויטער בלוי.

אַ גאָטגעבענטשטער פלאַץ אין ווייט,
פון פרייהייט און גערעכטיגקייט.

פאַראַן פאַר מיר און דיר אַן אָרט —
קום, קינד מיינס, לאָמיר ציען דאָרט.

ניט דאָ איז רו — קום, פלי מיט מיר —
נאָר, האָרץ מיין האַרץ, וואָס איז מיט דיר?

ווער האָט מיט שאָטנס דיך פארפילט,
אין פינסטערניש פון נאַכט געהילט?

פאַרוואָס ביזסטו באַטריבט, פאַרביינקט —
די וועלט איז ברייט — און דיר איז ענג.

צי טוט דיר באַנג, גייסט אויס פון פיין,
צו זען, ווי נאַכט פאַרשלינגט דער שיין?

ווייל וואָס דער ווי, און וואָס דער דראַנג
וואָס קומען מיטן זונפארגאנג,

און ציען ס'האַרץ פול ערליכקייט
אין עקן וועלט, אין ווייטער ווייט?

שרעטלעך

אין ליכט פון לבנה וואָס גיסט זיך
אין בלויקייט פון נאַכט צאַרט און זויבער —
פאַר'שכור'ט דאָס האַרץ ווי אַ חלום,
פאַר'כשופ'ט די אויגן מיט צויבער;

אין צערטלעכן ליכט פון לבנה —
די וועלט ווערט פאַרזונקען אין שטילקייט,
עס דעקט זיך דאָס וועלדל ביים בערגל
אין גליווערדיג ליכט און אין קילקייט;

און צווישן די שאָטנס פון וועלדל
אַ זילבערנע נעץ איז פאַרצויגן —
און ס'ציטערן ווייך אויף די גרעזער
די רינגען פון ליכט פאַר די אויגן.

אין צאַרט־קלאָרן ליכט, ווי געלייטערט,
דאָרט אונטערן באַרג שעמערירן —
ניט איידעלע שטיינער, סאַפּירן —
נאָר טוי־טראָפּנס וועקן זיך, רירן.

דאָן נידערט אַ מחנה פון שרעטלעך
אַרונטער פון באַרג מיט אַ שאַלן —
פאַרביינקט, ווי אַ קינדערשער חלום,
און צאַרט, ווי פון לבנה די שטראַלן.

און רונדינקע שוואַרצינקע מיצלעך
די קעפּלעך די קליינע פאַרדעקן —

דאָס ציִען זיי אַלע צום וואַלד זיך,
פאַרבאָרגענע אוצרות אַנטפּלעקן.

זיי גייען — און טרייסלען אַרונטער
דעם טוי פון די גרעזער, און שפּריצן
מיט טראָפּנס ווי ריינע קרישטאָלן
וואָס פינקלען מיט פונקען און בליצן.

אין יעטווידער צייל זיבן שרעטלעך —
זיי גייען און ציִען דעם נגון,
ביז וואַנען זיי קומען אין שאָטן
פון וועלדעל וואָס דרימלט אַנטשוויגן.

זיי לאָזן זיך ראַשיג פאַנאַנדער
צווישן די דעמבעס אין שפּאַלטן —
וואו ס׳ליגן דאָרט אוצרות און אוצרות
פון מענטשלעכע אויגן באַהאַלטן.

אין אויסגוס פון שאָטנס פון שוואַרצע —
ווערט איינס פון דער מחנה אַצינדער;
זיי טאַנצן און שפּרינגען ווי בעקלעך,
און שפּילן זיך לוסטיג ווי קינדער.

און ליכטפּלעקן בלאַסע און צאַרטע
אויף שוואַרצינקע מאַנטעלעך גלאַנצן;
זיי גליטשן זיך פלינק אויף די מיצלעך,
אין זייערע לאָקנדלעך טאַנצן.

זיי ציִען זיך אויס צווישן בוימער,
פאַרמאַטערט פון טאַנצן און שטיפן —
און גראָבן דאָרט אוצרות אויף אוצרות
אַרויס פון די וואַלדיגע טיפן.

מיט פריידיגן קינדערשן לאַכן,
אין ליכט פון לבנה אין שטילן —
טאַנצט אום אויף דער גאָלדענער קופּע
די מחנה פון שרעטלעך אין שפּילן.

און קלאַנג פון די גילדערנע רענדלעך,
און בליץ פון בריליאַנטן און שטראַלן —
זיי מישן זיך אויס מיט געלעכטער,
און שטורמען דעם וואַלד אויף מיט שאַלן.

און שפּיל, און געלעכטער, און גאָלדקלאַנג —
נאָר ווי, ס׳טוט אַ סוף צו אַלץ קומען —
דער האָן האָט געקרייט, — איילט זיך אונטער,
עס האָט זיך פרימאָרגן פאַרנומען.

דאַן הויבט זיך די מחנה אויף האַסטיג —
זיי שטעלן זיך אויס באַלד אין רייען —
אַנטשוויגענע, טרויריגע, שטילע
צום בערגל אַרויף דאָרטן גייען.

און ווען די פאַרשעמטע לבנה
פאַרהילט איר בלאַס־פּנים אין הימל —
פאַרשווינדן די שרעטלעך אין שאָטן,
צעפליסן, ווי אַ נאַכטיגער דרימל.

אין דער זומערטאָג היץ . . .

אין דער זומערטאָג היץ, ווען די זון צינדט דעם רוים,
ברענט און גליט אָן די לופט, קענסט דערטראָגן עס קוים,
ווען דאָס האַרץ זוכט אַ ווינקל אַ שטילס פאַר זיין טרוים —
קום צו מיר, מידער פריינט, קום צו מיר.

כ'האָב אַ גאָרטן, און דאָרט צווישן בוימער פאַרשטעקט,
ווייט פון שטאָט און פון מענטש ליגט אַ בערגל צעשטרעקט,
איז אין גאַנצן מיט גרינגראָז און וואונדער געדעקט —
מיר'ן רו דאָרט געפינען, מיין פריינט.

און פאַרוויגט און אַנטציקט אין באַהעלטעניש קיל,
פאַרנעמען מירביידע דעם סוד אין דער שטיל
פון דעם גאָלדיגן שטראַל אין זיין ברען און זיין שפּיל
דורך די שוואַרץ־גרינע שאָטנס פון בוים.

און אין ווינטערנאַכט־קעלט, ווען ס'איז פינסטער די וועלט,
ווען עס יאָמערט דער ווינט, אַזש דער אָטעם פאַרפעלט,
און דער שניי שטעכט מיט נאָדלען אין לייב דיר און קרעלט —
קום צו מיר דאַן, געבענטשטער פון גאָט.

ס'הויז איז אָרים און קליין, אָן באַפּוצונג און ציר,
נאָר ס'איז וואַרים און ליכטיג, מיט אָפענער טיר
ס'ברענט אַ פייער אין אויוון, דאָס לאָמפּ בליצט פאַר דיר —
זעץ דיך, וואַרעם זיך, ברודער דו מיין.

אַז דאָס ווײַנען פון שטורעם אין הויז וועט אַריין
טראַכט פון היימלאָזן מענטשן וואָס גייט אויס פון פּיין —

כ'וועל צום האַרצן דיך צודריקן, ברודער דו מיין,
אויף דיין גורל פאַרגיסן אַ טרער.

נאָר אַז אָסיענצייט שלאָגט, ווען די וועלט איז פאַרצאָגט,
טריב און קויטיג אין גאַס, און דער הערבסטווינט בייז קלאָגט,
ס'קלאַפּט דער רעגן אין דאַך, און אין האַרצן טיף נאָגט —
לאָז מיך, האַרציגער ברודער, צורו.

אין דער וויסטקייט דער דאָזיגער לאָז מיך אַליין —
ווען דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט, וויל פאַר ווייטאָג פאַרגיין
זאָל קיין פרעמדער מיך זען, ס'וועט קיין פרעמדער פאַרשטיין —
לאָז מיך שווייגן אליין אין מיין פּיין.

אַ קליין בריוול

די האָט מיר געשיקט אַ בריוול,
דאָס איז וואָס אין בריוול שטייט:
„אַלץ וואָס כ'האָב געליבט אין לעבן,
וואָס איך האָב אַזוי פאַרצערטלט;
דאָס וואָס איז געווען מיין לעבן,
און מיין האָפנונג און מיין גלויבן —
איז דאָס אַלץ, מיין האַרצגעליבטער,
לעבן מיינס, און מיין נשמה,
איז דאָס אַלץ געווען אַ חלום?

האָסט פאַרגעסן? ניין, דו קענסט נישט,
ניין, דו וואָגסט נישט דאָס פאַרגעסן —
דאָס וואָס האָט אריינגעגעבן
אין אונזביידן בלויז איין אָטעם;
דאָס וואָס האָט איין זון אין הימל
איבערביידנס קעפּ געצונדן;
האָט אַ טרוים פון גאָלד געגאָסן
און אונז לייב־און־זעל פאַראייניגט —
ניין, דו זאָלסט נישט וואָגן רייסן
יענע בלום, וואָס גאָט אַליין האָט
איינגעפלאַנצט אין אונזער האַרצן".

לייען איך דעם בריוו און לייען —
און ווי ס'וואָלט אַ האַנט אַ צאַרטע
אויסקריצן ביי מיר אין האַרצן
נאָכאַמאָל די לעצטע ווערטער:

„ניין, דו זאָלסט נישט וואַגן רייסן
יענע בלום, וואָס גאָט אליין האָט
איינגעפלאַנצט אין אונזער האַרצן".

און אין ליכט פון גאָלד פון קלאָרן
וואָס עס שטראָמט אַריין אין פענסטער,
קומט זי ווידער אין מיין צימער,
איר געשטאַלט צעשטראַלט זיך ווידער:
אָט איז זי אין פולער שיינקייט,
לייכט, אויף פליגל פון אַ ווינטל,
ווי אַ זומערפויגל, שוועבט זי,
דורכאויס ליכט, אַ קינד פון שטראַלן,
ווי פון ליכט נאָר, אום צו לייכטן
האָט דער בורא זי באַשאַפן.
אָט־אָ שטייען אירע אויגן
טויבן צוויי, באַרוט אין שטילקייט,
וואָס פון זייער טיפקייט לייכט זיך
רואיג, שטיל, דאָס ליכט פון פרידן,
ליכט פון צניעות'דיגער ריינקייט.

און אין גאָלד פון ליכט פון קלאָרן —
שטייען אויף מיט שטילן פאָרוואורף
איצט אַנטקעגן מיר די אויגן,
טויטן מיך מיט זייער שטראָפוואָרט.
שטילע שטייען זיי און פרעגן:
איז דאָס אַלץ געווען, געליבטער,
אַ פאַרבלענדעניש אַ פאַלשע,
איז דאָס בלויז געווען אַ חלום?

ניין, געטרייע, כ'האָב געליבט דיך,
און איך ליב דיך איצט אפילו —
האָב איך מיך צוריקגעצויגן,
איז דאָס אויך ניט מער ווי ליבע.

ביסט צו ריין צו זיין מיין פריינדין,
ביסט צו הייליג, אַז מיר זאָלן
ביידע מעגן זיין צוזאַמען.
זיי אַן אַנדיינק מיר פון קדושה,
שטראַל אַרויס צו מיר פון זונליכט,
ווינק צו מיר פון הימלס שטערן,
רוף צו מיר פון פּולס פון האַרצן,
ציטער אין מיין טרערס אַ טראָפּן —
ניין, עס האָט מיך גאָט באַשאַפן
דיך צו דינען, זיין דיין קנעכט:
מיינע טרערן, מיינע זיפצן,
פּולס פון האַרצן, צוג פון אָטעם,
און מיין לעצטער טרוים אין לעבן —
זיינען די קרבנות מיינע
ביז מיין לעצטע שעה וועט שלאָגן!

גראָז איז דאָס פאָלק

אכן חציר העם . . .
(ישעיה מ׳ ז׳)

פאַרוואָר, גראָז איז דאָס פאָלק, אויסגעטריקנט פון זאַפט,
ס׳איז געפאַלן דאָס פאָלק און געזונקען אין קראַפט.
אַז עס דונערט גאָט׳ס קול אַרום, וועקט אין זיין מאַכט,
און עס האָט דאָך דאָס פאָלק פון זיין שלאָף ניט דערוואַכט.
ניט געטאָן זיך אַ שטעל און אַ בריל ווי אַ לייב,
ניט געטאָן זיך מיט מוט און מיט קרעפטן אַ הייב.
ס׳האָט דאָס האַרץ פונם פאָלק נישט געציטערט פאַר פרייד,
ניט פון רעכטס, ניט פון לינקס, וואו זיי זיינען צעשפרייט,
ווען עס האָבן געלאָזט זיך דערקענען צו אים
זיינע קינדער די בעסטע צום רוף פון גאָטס שטים.
נישט די האַנט זיי דערלאַנגט, נישט געוואונטשן קיין גליק
צו די אַלע וואָס זיינען געקומען צוריק.
אַרום גאָלדענעם קאַלב, אין דעם ווילדן געברום,
איז פאַרשלונגען גאָטס קול, און זיין דונער ווערט שטום.
און אין בייזוויליג האַרץ, און אויף שאַנד און אויף שפּאָט,
ווערט פאַר׳חוזק׳ט און אויסגעלאַכט ס׳וואָרט פון מיין גאָט.

פאַרוואָר, קליין איז דאָס פאָלק און געפאַלן און מיאוס,
איז צעפוילט דורך און דורך שוין, פון קאָפּ ביז די פיס.
האָט ניט אויפגעשטעלט זיך אין זיין אומגליק און שמאַרץ,
מענטש פון מעשים אין וועמען ס׳זאָל שלאָגן אַ האַרץ,
און אין האַרצן אַ פונק וואָס זאָל צינדן זיין בלוט,
און אין מח אַ ליכט, אים צו פירן מיט מוט.
וואָס זאָל טייערער זיין אים זיין גאָט און זיין פאָלק,
פון די נישטיגע אָפּגעטער — רייכקייט און גאָלד.

וואָס זאָל טראָגן אין זיך אַ סך אמת און קראַפט,
און אַ שנאה אַ גרויסע צום לעבן פאַרשקלאַפט;
גרויס רחמנות און ליבע, ווי גרויס ס'איז דער בראָך
פון זיין ליידנדן פאָלק, און ווי גרויס ס'איז דער יאָך.
דאָס זאָל ברויזן אין האַרצן, אַזוי ווי אַ ים,
דאָס זאָל צינדן זיין בלוט, זאָל אים גליען אין פלאַם,
דאָס זאָל דונערן תמיד, ווי טאָג אַזוי נאַכט:
שטיי אויף, טו, שטיי אויף, אַרבעט — מיט אונז איז גאָט'ס מאַכט!

עס גייט אונטער דאָס פאָלק, זיין געמיט איז פאַרשקלאַפט,
ס'האָט זיין אַרבעט קיין ווערט, און זיין אויפטו — קיין האָפט.
יאָרן טויזנטער גלות פון וויי און פון לייד,
האָבן אויסגעצערט אים און זיין האַרץ אָפגעטויט.
קען דען איינער, געוואוינט צו דער שטראָפנדער האַנט,
נאָך דערשפירן די לייד פון נשמה אין שאַנד?
קען אַ פאָלק עפּעס זען, חוץ דער טעגלעכער נויט,
ווען עס טרינקט זיך אין פינסטערן גלות צום טויט —
קען עס האָפן אויף טאָג, וועלן וואַרטן אויף שיין
זאָגן דורות זיין וואָרט, זען אַ סוף צו זיין פּיין?
וועט ניט אויפכאַפּן זיך, סיידן ס'בייטשט אים די רוט,
וועט ניט אויפשטעלן זיך, סיידן ס'גיסט זיך זיין בלוט.
פוילע בלעטער פון בוים, גראָז צעטריקנט און גרוי,
אַ צעקראָכן געוויקס — קען זיי אויפלעבן טוי?
און אַז ס'פלאַטערט די פאָן, און עס רופט דער טראָמפּייט —
קען דען רירן זיך יענער וואָס איז שוין לאַנג טויט?

אויב דיין נשמה וויל דערגיין דעם קוואַל . . .

אויב דיין נשמה וויל דערגיין דעם קוואַל, פון וועלכן
עס האָבן דיינע ברידער די פאַרפייניגטע געשעפּט
אין צייטן ביטערע, דעם העלדנמוט, מסירת־נפש,
צום טויט גיין ווי צום טאַנץ, צו אויסשטרעקן דאָס האַלז
אַנטקעגן יעדן מעסער, יעדער האַק פאַרהויבענער,
צום שייטערהויפן גיין, אין פלאַם צו שפּרינגען,
מיט „שמע ישראל" שטאַרבן אויף די ליפּן —

אויב דיין נשמה וויל דערגיין דעם קוואַל, פון וועלכן
עס האָבן דיינע ברידער די פאַרפייניגטע געשעפּט
דורך גיהנום פלאַמען, צווישן שליינג, מאַרטירערשאַפט —
גאָט'ס טרייסט, בטחון, העלדישקייט און מוטיקייט,
די קראַפט די אייזערנע די ליידן אויסצושטיין,
דעם שולטער אָט דאָס מאוס לעבן צו פאַרטראָגן, ליידן
אָן סוף, אָן גרענעץ, אָן אַ ברעג —

אויב דו ווילסט זען דעם שויס, וואוהין ס'האָבן געשטראָמט
די טרערן פון דיין פאָלק, זיין האַרץ און זיין נשמה —
דעם פלאַץ וואו ס'האָט זיך זיין געשריי אַריינגעריסן,
ס'געשריי וואָס האָט דעם טיפסטן גיהנום אויפגעציטערט,
דעם זיפץ וואָס האָט דעם טייוול גופא אויפגעשוידערט,
דעם שלוכץ וואָס קען די שטיינער רירן, נאָר ניט ס'האַרץ פון שונא
פיל שטאַרקער נאָך פון שטיין און גרויזאַמער פון טייוול —

אויב דיין נשמה וויל דערוויסן יענע פעסטונג
וואו ס'האָבן דיינע אָבות זייער הייליגקייט באַהאַלטן,

די תורה, זייער העכסטע הייליגקייט, און זי דערטראָגן —
אויב דו ווילסט קענען די באַהאַלטעניש אין וועלכער
עס האָט זיך אויפגעהיט דער גייסט פון פאָלק אין גאַנצער ריינקייט,
און ווען אפילו ער איז זאַט מיט שאַנד, מיט חרפה,
האָט דאָך זיין עלטער ניט פאַרשעמט זיין יוגנט —

אויב דו ווילסט קענען דער דערבאַרעמדיגער מאַמען,
דער אַלטער ליבנדיגער און געטרייער מאַמען,
וואָס האָט די טרערן פון איר עלנט קינד צונויפגעזאַמלט,
און אָפּגעהיט די טריט זיינע מיט גרויס רחמנות;
און ווער ער קערט זיך אום אונטער איר באַלקן, אַ פאַרשעמטער,
צעבראָכן, מיד — טוט זי אים אָפּווישן די טרערן,
פאַרדעקט אים מיט איר פליגל און פאַרשלעפערט אים אויף אירע קני —

אוי, ברודער דו געפּייניגטער! אויב ווייסט ניט פון דעם אַלעם—
אין בית־המדרש קום, אין אַלטן און פאַרעלטערטן
אין לאַנגע ווייטע טבת־נעכט,
אין זוניגע און ברענענדיגע תמוז־טעג,
פרימאָרגנס, צי בייטאָג, צי שפּעט אין נאַכט;
און אויב ס'האָט גאָט געלאָזט נאָך אַ קליין רעשטל —
וועסטו אפשר נאָך היינט דערזען מיט דיינע אויגן
אין די געדיכטע שאָטנס פון די ווענט, פאַרהילט אין נעבל,
אין איינס פון זיינע ווינקלען, צי ביים אויוון —
ווי לעצטע זאַנגען אויף אַ פעלד אַ האַרבסטיגס
אַ שאָטן בלויז פון דעם וואָס איז פאַרגאַנגען —
אידן פאַר'חושכ'טע, מיט דאַרע און צעקנייטשטע פּנימ'ער,
וואָס שלעפּן נאָך אויף זיך דעם שווערן גלות־יאָך,
פאַרגעסן דאָס שווער לעבן אין אַ בלאַט גמרא,
פאַררעדן זייער דלות מיט אַן אַלטן מדרש,
און גיסן אויס דאָס האַרץ אין מזמור־תהלים —
(וויי־וויי, ווי נעבעכדיג און נישטיג דאָס זעט אויס
ביים פרעמדן, וואָס פאַרשטייט ניט) וועט דיין האַרץ דיר זאָגן:

דאָס שטייסטו אויף דער שוועל פון הויז פון אונזער לעבן,
און ס'זעט דיין אויג דעם אוצר פון נשמה אונזערער.

און אויב ס'האָט גאָט זיין גייסט זיין הייליגן
פון דיר נאָך ניט אינגאַנצן צוגענומען,
און האָט אַ שטיקל טרייסט געלאָזט נאָך אין דיין האַרצן
און ס'גליט אַ פונק פון האָפנונג אמת'ער אויף בעסערס,
און רייסט נאָך דורך אַמאָל די שווערע פינסטערניש —
דאַן ווייס און דאַן פאַרשטיי, מיין ברודער עלנטער,
אַז דאָס איז בלויז אַ פונק, אַ קליינער פונק,
וואָס איז ווי דורך אַ נס געבליבן פון דעם גרויסן פייער
וואָס דיינע טאַטעס האָבן תמיד אָנגעהאַלטן
אויף דעם מזבח זייערן.
און ווער קען וויסן, אפשר האָבן דאָס די טרערן זייערע
דערבראַכט אונז און דערטראָגן ביז אַהער,
דאָס האָבן זיי ביי גאָט אונז אויסגעבעטן;
און שטאַרבנדיג, דאָס האָבן זיי אונז אָנגעזאָגט צו לעבן,
צו לעבן ביז אויף אייביג.

אַ ווייטער שטערן

אויפגעבליצט אין חושך האָט אַ ווייטער שטערן —
שטערנדל, באַלייכט מיר, דו, מיין וועג דעם שווערן.

ניין, ניט גיהנום־ליידן שרעקן מיך און פּלאָגן —
מיד בין איך פון לעבן, שווער שוין צו דערטראָגן.

טיף אין יאָך געבראָכן, בעטלער אויף די וועגן,
האָר פון וואַנדער בין איך, טאַנצט מיר נויט אַנטקעגן.

גלות — איז מיין פאָטער, דלות — איז מיין מוטער,
שרעקט מיך ניט מיין שטעקן, בעטלזאַק — נישט ביטער.

גרויזאַמער פון זיי נאָך, שווערער איז מיין לעבן,
אָן אַ פּיצל האָפנונג, אָן אַ ציל צום שטרעבן.

אַ צעפּוילט וויסט לעבן, יאוש'דיק פאַרטונקען —
ווי אַ שטיין אין טיפער שוואַרצקייט איינגעזונקען.

הינטיש לעבן מיינער, הונגעריג, אין קייטן —
זיי פאַרשאָלטן, לעבן, אָן אַ טרייסט, אָן פריידן!

נעם, באַלייכט מיר, שטערן, — קראַנק איז מיין נשמה
אין דעם גלות שווערן, אָן אַ שטראַל נחמה.

שטראַל אויף אין דעם חושך, וואָס האָט אַלץ פאַרלאָפן —
גיב מיר ווייטער כחות, לאָמיך ווייטער האָפן!

וויסט ווער, ביז ווי לאַנג נאָך ס׳וועט די נאַכט געווערן —
וויפל וואַנדער, חושך, ס׳וועט נאָך גאָט באַשערן.

הויב איך מיינע אויגן פון דעם תהום דעם שוואַרצן,
זע איך נאָר דיין ליכטשטראַל — טרייסטו מיך אין האַרצן.

אויפגעהיט טיף אין מיר טוט אַ טרער נאָך גליען —
לעצטער שפּראָץ פון האָפנונג זאָל זי מיר צעבליען.

טליעט אין מיין האַרצן נאָך אַ פונק אַן אַלטער —
זאָל ער זיך צעברענען, ליכטיגער, צעשטראַלטער.

רעשט פון אַלטער גבורה גייט אויף אין נשמה —
זיגן אָדער פאַלן — זאָל איך אין מלחמה!

נעמט אָן זיך מיט מוט . . .

נעמט אָן זיך מיט מוט ! שעפּט אָן זיך מיט מוט !

אין וועלדער געדיכטע, אין פעלזיגע שפּאַלטן
דאָרט האָט זיך דאָס הייפל מאַקאַבייער באַהאַלטן :
דאָס קלינגען פון שווערדן און תהלים־געזאַנגען
געוועקט האָבן וועלדער און פעלזן מיט קלאַנגען ;
אין פינסטערע וועלדער און היילן פאַרלאָרן —
איז צייטיג די גרויסע ישועה געוואָרן !
און מיר היינט — אַ פאָלק וואָס איז שוואַך און צעבראָכן —
קומט, שלאָגט אויף די הערצער פון אונזערע קינדער ;
און זיין זאָל גאָט'ס וואָרט אונזער טרייסט און בטחון,
און מאַכטיגער האַמער אַצינדער !
ניט גאָר אונזער קראַפט איז געוואָרן פאַרשוואַכט —
אין גאָט אונזער מאַכט !

צוהילף קומט דעם פאָלק, צוהילף קומט דעם פאָלק !
מיט וואָס ? — צו וואָס פרעגן — מיט וואָס נאָר מיר קענען !
מיט וועמען ? — נישט קלייבט — ווער עס וויל מיט אונז בלייבן !
דעם יעניגן וועמען דאָס אומגליק טוט ברענען
נעמט צו אין דער מחנה — ניט טוט אים פאַרטרייבן !
ס'איז ליב יעדע גאָב, טייער — יעדע מתנה,
מען קלייבט ניט אין צייט פון סכנה !
דאָס לעצט ביסל גוטס, פונק פון האָפנונג און גלויבן
וואָס גאָט האָט אין הארצן נאָך איבערגעלאָזן —
נעמט זאַמלט צענויף, טוט דעם פייער צעבלאָזן
און טראָגט עס אין קאַמף אַרויס הויך און דערהויבן !

פון מזרח ביז מערב — אַ מחנה געגרייט,
צו העלפן דעם פאָלק אין זיין נויט!

אַנטדעקט אונז דאָס ליכט! אַנטפּלעקט אונז דאָס ליכט!

אויב ס׳האָבן די פינסטערע בערג אונז פאַרשאָטן —
דאָך זיינען נאָך ניט אַלע פונקען צעטראָטן!
קומט אויסהאַקן פלאַמען פון פעלזיגע קראַנטן,
פון פינסטערע בערגער — די ריינע בריליאַנטן!
אין טיפקייט פון פאָלק, אין דער טיף פון נשמה
דאָרט לויכט נאָך זיין שכינה און שטראַלט מיט נחמה!
היי, נעמט צו דער אַרבעט זיך לעבעדיג, מונטער —
קומט, קייקלט די פינסטערע בערגער אַרונטער!
גראָבט אויס פון דער טיפקייט דאָס ליכט און דאָס פייער —
איר, קינדער פון די מאַקאַבייער!
דאָס פאָלק זאָל איצט ווערן נאָך אויפגעריכט ווידער!
דאָס ליכט אַנטפּלעקט, ברידער!

אַ ליד אַ יתומה

האָרך און פאַרנעם: דורך דער טיפער געדיכטקייט פון וואַלד
דערטראָגט זיך פאַרשעמט און פאַרציטערט אַ ליד פון דער ווייט.
דער נאָגנדער אומעט פון וואַלד, און די שרעק וואָס באַפאַלט,
זיי ריידן: ווי ס'איז איבעראיילט אָט דאָס ליד, ווי ס'איז ניט אין דער צייט.

דו זעסט, ווי אין נאַסקייט און ליים זינקען אונזערע טריט,
דו זעסט, ווי עס הענגען די וואָלקנס טריב־פינסטער ווי בליי;
די ווינטן די בייזע זיי דרינגען אַריין אין געמיט,
דאָס צאָרנדיג וואַסער דערגרייכט ביזן האַלז שוין באַניי.

דער וואַלד — ווי פאַרטרויערט דער וואַלד איז, איז שטום ווי דער טויט,
ווי ס'וואָלט ניט קיין וואַרעמער שטראַל גאָר דערגרייכט דאָ אַהער;
די נאַקעטע בוימער פאַרזונקען אין אייביגן חלום פון נויט,
ווי ס'וועט שוין קיין פרילינג, קיין זומער, ניט קומען דאָ מער.

עס ליגט די צעפוילטקייט פון ווינטערס און ווינטערס פאַרשאַרט,
דאָס פאַלן פון בלעטער פון יאָרן און יאָרן פאַרקנוילט;
די פגרים פון דעמבעס פון אַלטע מיט וואָרצלען פאַרדאַרט,
זיי שימלען, אַ דעק אויף אַ דעק, דורכגעווייקט און צעפוילט.

און פונקט ווי מיט שטיינער דריקט שווער די צעפוילטקייט און דריקט,
און פרעסט אויפן באָדן פון וואַלד און דערשטיקט יעדע בלום
וואָס וויל אויף גאָט'ס וועלט זיך באַווייזן — און איידער זיי גליקט
באַלד שטאַרבן זיי אָפּ אין דער פינסטערניש עלנט און שטום.

אין דריקנדן אייז וואָס ליגט האַרט אויף דער ברוסט פון דער ערד,
און ס'קען נישט קיין שטראַל אים באַהויכן, דערוואַרמען אַמאָל.

אוי, גאָט, וויפיל בלומען עס ליגן שוין דאָרטן פאַרצערט,
און וויפיל נאָך וועלן — ווער ווייס, ווער קען טרעפן די צאָל ?

און וויסט און פאַרצאָגט איז אַרום : אַלץ איז נאַקעט און הויל,
עס קוקט אויף דיר צאַרניג דער נאַקעטער שטיין פונם פעלד ;
אין דערנער וואָס וויגן זיך טרוקענע, שוואַרצע, ווי קויל,
אין אַאיר וואָס ציטערט געשמיסן פון ווינט און פון קעלט.

און אַנדערע לידער גאָר זינגט אונז דער שטורעם אין אויער,
אַ ליד פון אַ לעבן וואָס ציט זיך אַ פינסטערס אַזוי ווי די נאַכט ;
עס קלאָגט אַפגעריסן דער שטורעם אין נאַכט, אומגעהויער,
און גרוילט דעם פאַרבלאָנדשעטן טריב אויף אַ פרעמדן געפערלעכן טראַכט.

און דאָן ווען דו ציטערסט אין גאַנצן פון ביטערער קעלט
דאָס ליד פון אַ ברומענדן פויגל פאַרנעמט דיין געמיט —
באַדויערסטו גאַרנישט דעם איינזאַמען זינגער וואָס קלאָגט אויף דער וועלט,
און קלינגט ניט זיין שטים ווי אַן עלנט און יתומ'דיג ליד ?

פרימאָרגן שדימילעד

מיין מאַמעס אַ קוש, צי דאָס צוויטשער פון שוואַלבן —
וואָס האָט מיר מיין דרימל און חלום צעריסן?
כ'האָב אויפגעכאַפּט זיך, און די בונטן פון שטראַלן —
אין אויג מיר געשלאָגן, אין פנים געשמיסן.
פאַרווישט זיינען נאָך ניט די טרוימען־געוועבן,
מלאכים'לעך טאַנצן נאָך אום פאַרן קוק;
און ס'לויכט דער פרימאָרגן, דער טאָג ברויזט מיט לעבן,
מיט רעדער־געקלאַפּ אויפן שטאָטישן ברוק.

די נעסט ביים געזימס פון מיין פענסטער שטייט אויף,
און צוויטשערט און צוויטשערט אָן סוף און אָן שיער.
און אין ליכט פון מיין פענסטער, מיט זוניגן רוף,
די שד'לעך פון מאָרגן זיי ווינקען צו מיר.
זיי טאַנצן און גלאַנצן אין פריילעכן שטיפן,
זיי קלאַפּן אין שויב פון מיין פענסטער ווי טויבן;
זיי גליטשן זיך, שווינדן אין ליכט אינם טיפן,
וואָס גיסט זיך אויף מיר איצט פון אויבן.

זיי ווינקען און רופן, די פנים'לעך פלאַמען:
„צו אונז קום, דו שטיפער! קום לויכטן צוזאַמען!
אין קינדערשער פרייד, לאָמיר שפּילן און בליצן,
און וואָס מיר געפינען — מיט ליכט אויף דעם שפּריצן:
אין האָר פון די זאַנגען, אין מיידלשע לאָקן,
אין שפּיגל פון וואַסער, אין כוואַליעס וואָס יאָגן,
אין שמייכל פון קינד, אין אַ האַרץ פון אַ מאַמען,
אין טראָפּן פון מאָרגנטוי אַנצינדן פלאַמען;

אין מיידלשער בעקל, אין פויגלשן פליגל,
צעבראָכענע שטיקער פון גלעזערן קריגל;
אין קופּערנעם קנאָפּ און אין ריימען פון לידער —
צו אונז קום, דו שטיפער, און לאָמיר זיין ברידער!"
זיי ווינקען און ציען, מיט אויגן וואָס גלאַנצן,
די קליינינקע פּנימ׳לעך לויכטן און טאַנצן,
די ליכטיגע פליגעלעך שלאָגן און רייצן,
אַ גרויס וואָרעם ליכט טוט מיין פּנים פאַרפּלייצן. —
איך שליס מיינע אויגן, באַהאַלט מיין געזיכט —
אָ גאָט! ס׳האָט פאַרשווענקט מיך דיין ליכט!

צו מיר טוט זיך, ליכטיגע שד׳לעך, אַ טראָג —
און אונטער מיין ליילעך וואָס ווייס איז און קלאָר;
מיר וועלן זיך שפּילן ביז ס׳ווערט גרויסער טאָג, —
טאַנצט אום אויף מיין לייב, אין מיין אויג, אין מיין האָר.
צו מיר אויפן קאָפּ, אויף מיין ברעם, און מיין ליפּ,
צעטאַנצט זיך, צעשטיפט זיך דאָרט לויטער און ליב.
פאַרפּלייצט מיך, און שטראָמט אין מיין הארצן אַריין
און באָדט מיין נשמה אין ליכט און אין שיין!
אַ מידקייט אַ זיסע באַפאַלט מיך, באַפאַלט,
און יעטווידער גליד שטראָמט מיט תענוג און שטראַלט;
דאָס האַרץ גייט אַריבער די ברעגן און קוועלט,
און פלייצט ווי אַ ליכטיגער קוואַל אין דער וועלט.
איך שליס מיינע אויגן, באַהאַלט מיין געזיכט —
אָ גאָט, ס׳האָט פאַרשווענקט מיך דיין ליכט!

אַ טרער

ניט גיך וועט מיין ביטערע טרער נאָך פאַרשווינדן,
די טרער פון דער טיף פון נשמה געצויגן:
כ'האָב יעטווידן טראָפּן מיט פּיין פון געבורטסווי,
מיט קריצן פון ציינער געשעפּט פון די אויגן.

אַליין, ווי אַ שטיין, אין די נעכט אין די שוואַרצע
געוויינטאָגט, געליטן, אין צער און אין צאָרן;
געקריצט מיט די ציין אויף די הערצער די טעמפּע,
געשעפּטשעט: „דו אומגליקלעך פאָלק און פאַרלאָרן!"

און טעג און מאָנאַטן געלייטערט אין האַרצן
די טרער — ביז די טרער איז געוואָרן געשליפן;
אַז ס'האַרץ האָט די לייד ניט געקענט מער פאַרטראָגן —
אָנשטאָט שפּייען בלוט — האָט די טרער געטאָן טריפן.

ביים אָנזען פון אויגן און הערצער פאַרשטאָפּטע,
און פלוך פון פאַרפרעמדטקייט פון אַלע פיר זייטן:
פאַרשאָלטן איז דער וואָס קען העלפן — און וויל ניט,
צו לינדערן פּיין און דעם אומגליק פאַרמיידן.

און גאָט איז מיין עדות, ווי ערלעך מיין טרער איז,
מיין וויטאָג דער גאַנצער אין איר ליגט באַהאַלטן;
מיט יעטווידן טראָפּן אַ שטיק פון נשמה
געפירט צו באַגראָבן אין קבר אין קאַלטן.

נאָר ביטערער, שווערער, ווי די, וואָס געפאַלן —
איז נאָך אַ טרער טיף אין מיין האַרצן פאַראַנען;

איך האַלט זי נאָך אָפּ, נאָר זי רייסט ווי אַ זיפּץ זיך,
אַ פּייַנלעכער זיפּץ : „וואו איז הילף און ביז וואַנען ?"

ווי אויסצערונג נאָגט זי ביי מיר טיף אין האַרצן,
איך טראָג זי אין זיך מיט א ווייטאָג אַ באַנגן ;
דורך טעגלעכער זעאונג און נאַכטיקן חלום,
דורך אַרבעט און רו, טרעט ניט אָפּ פון געדאַנקען.

דאָך גלויב איך, אַ נביא ביי אונז וועט נאָך אויפשטיין,
וואָס וועט פאַר דער וועלט נאָך די טרער אַרויסשעפּן ;
ער וועט מיט זיין קלאָגליד די הימלען צעטרייסלען,
פאַרציטערט וועט ווערן ביז גרונט יעדעס לעבן.

מיין ליד

דו ווייסט ווי ביי מיר האָט דאָס ליד זיך גענומען?

ביים טאַטן אין הויז איז אַ זינגער געקומען,
אַן עלנט־באַשיידענער זינגער, באַהאַלטן
אין ווינקלען פאַררוקטע, אין פינסטערע שפּאַלטן;
בלויז איינעם, אַ ליד, האָט דער זינגער געוואוסט,
אַן איינאיינציג ליד, מיטן זעלביגן גוסט.
און ווען ס׳פלעגט דאָס האַרץ מיר פון ווייטאָגן שטומען,
מיין צונג פלעגט זיך צוקלעפּן שמערצלעך צום גומען,
און ס׳פלעגט דאָס געוויין אין מיין האַלז בלייבן שטעקן —
פלעגט ער אויפן לידיגן מאָגן מיך וועקן.

דער גריל איז געווען דאָס, דער זינגער פון דלות.

אַז דער טאַטע פלעגט מאַכן פון שבת אַ וואָכן,
נישטאָ אויפן טיש, נישט קיין ווין, נישט קיין חלות;
די לייכטער פאַר׳משכנ׳ט, און ס׳רויכן און צאַנקען
צוויי מאָגערע ליכטלעך פאַרשטעקטע אין ליים,
וואָס האָבן אין שאָטנס אין קרומע געבראָכן
די ווענט פון דער עלנטער אָרעמער היים;
עס רינגלען דעם טיש אַרום קינדערלעך זיבן,
טויט־הונגעריג אַלע, די קלענסטע פאַרשלאָפן;
די מאַמע הערט צו זיך צום נגון צום טריבן
פון אונזערע „שלום עליכם” געזאַנגען.
דער טאַטע, ווי איינער פאַר׳משפּט, אַן האָפן,
פאַרלאָרן זיין מוט, שניידט מיט שטומפּיקן מעסער
אין שוואַרצברויט אין גראָבן און עק פון אַ הערינג;

מיר קייען די סעודה — דער עלנט ווערט גרעסער,
און איידער עס עקט זיך ס'געזאַלצן שטיק ברויט,
אַן טעם און אָן ריח, נאָר ביטער ווי טויט,
וואָס מיר טוען שלינגען באַרויבטע, פאַרשעמטע —
פאַרציען מיר זמירות אין כאָר מיטן טאַטן
מיט בייכער פאַרמאַרעטע, הערצער פאַרקלעמטע —
דאַן פלעגט זיך צום כאָר אויך באַהעפטן דער גריל,
און גרילצן זיין זמירות מיט האַרץ און געפיל.

אין האַרבסטיגע טעג און אין נעכט פול מיטליידן
פלעגט פינסטער די שטילקייט די גרויסע זיך שפּרייטן.
דער חלל פון הויז האָט געשוויגן פאַרביטערט,
גע'חלומ'ט אַ חלום אַ וויסטן, פאַרציטערט.
אין דרוק פון דעם מיאוס'ן דלות צעריבן,
ווען ס'מאַנען אַן ווערטער גאָר קינדערלעך זיבן —
ס'איז פּוסט איטלעך ווינקל, שטיקסט טרערן אין זיך,
די קאַץ וויינט און גריבלט אין אַש פון דער קיך,
די מולטער שטייט איבערגעקערט קאָפּ אַראָפּ,
קיין ברויט און קיין קוילן, קיין גרויפּ אינם טאָפּ.
דאַן האָט זיך דער גריל פון זיין שפּעלטל אַנטפּלעקט,
זיין וויסט טרוקן ליד אַלץ געזעגט און געזעגט,
און ס'ליד האָט אין האַרצן געביסן, גענאָגט —
ס'איז בייז ניט געוועזן, ניט געטרייסט, ניט געקלאָגט,
אַפילו פון שעלטן און פלוך נישט געוואוסט —
געוועזן איז דאָס ליד זיינס נאָר חרב און פּוסט,
און וויסט ווי דער טויט, ווי פון לעבן די שטראָף,
אבלות'דיג וויסט, אָן אַן אָנהויב און סוף.

און ווייסטו פון וואַנען עס נעמט זיך מיין קרעכצן?

די מאַמע — זי איז אַן אלמנה געוואָרן,
און מיר זיינען וויסטע יתומים געבליבן;
קיין צייט נאָך צו אויפשטיין פון „שבעה" געלאָזן

און שוין האָט אין האַרצן די זאָרג זיך פאַרקליבן:
ס'איז יעטווידער קוואַל פון פרנסה געשלאָסן.
זי האָט זיך אַרומגעקוקט: וויסט איז איר וועלט,
און עלנט, אלמנה'שאַפט הויכן מיט קעלט.
אפילו דער זייגער קלאַפּט שטילער אַצינד;
עס וויינען די ווענט פונם הויז מיטן ווינט,
און ס'שווייגט איטלעך ווינקל טיף אין זיך פאַרביסן.
„אָך, האַר פון דער וועלט — האָט פון איר זיך געריסן —
„איך בין דאָך אַ וויסטע אַלמנה, נישט מער,
„שפּייז דו מיינע פייגלעך, ווי ווערים אין דר'ערד".
דאַן טראָגט זי אין מאַרקפּלאַץ איר בלוט און איר מאַרך,
קוים לעבעדיג, קומט זי צוריק אין דער נאַכט.
מיט קללות און צער קומט איר אָן יעדער גראָשן,
באַשפּיגן מיט בלוט, און מיט גאַל אָפּגעגאָסן.
דערשלעפּט זיך אַהיים — אַ געשלאָגענע צויג —
פאַרמאַכט זי ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט קיין אויג.
זי צירעוועט זאָקן, זי נייט און זי שטריקט,
און קרעכצט פון איר ווייטאָג, פון האַרצן צעפּליקט.
פון יעטווידן שאָקל פון קאָפּ און פון האַנט
האָט ס'ליכט זיך געצאַפּלט, געוויגט אויף דער וואַנט,
ווי ס'וואָלט זי באַדויערט: אַ שאָד אויף אַ האַרץ,
וואָס גייט אויס פון פּיין, ווערט פאַרשרומפּן פון שמאַרץ,
אַ האַרץ פון אַ מאַמען, וואָס ווערט דאָ צעשפּרונגען,
דער הויך פון דיין מויל, וואָס אין פלוך ווערט פאַרשלונגען.
און ווען זי איז שלאָפן געגאַנגען גאָר שפּעט
האָט לאַנג אונטער איר נאָך געקרעכצט איר בעט,
ווי שווער וואָלט געווען פאַרן בעט צו דערטראָגן
אַזאַ גרויסע משא פון אַנגסטן און פּלאָגן.
דאָס שעפּטשען פון „קריאת שמע" מיט קרעכצן און ברומען
פלעגט לאַנג נאָך ביי מיר צום געלעגער דערקומען;
דאָס ברעכן פון יעטווידן גליד אירס געהערט —
ווי ס'וואָלטן זיך שלענג אויף מיין האַרצן גענערט.

באַגינען, עס שפּראָצט קוים אויף טאָג — זי איז אויף,
פאַרנעמט זיך אַ שטילע מיט אַרבעט פון הויז;
פון פינסטערן קאַמער פון בעטל אַרויס,
פלעג איך דורך דער טיר זען איר מאָגערן גוף.
זי בויגט זיך אַריבער דער מולטער מיט טייג,
די מאָגערע האַנט אירע קנעט אַלץ און קנעט;
עס וויגט זיך דאָס בענקל, אַ וויג און אַ בויג —
מיט יעטווידן קנעט און מיט יעטווידן גלעט
דערגייט איר שטיל שעפּטשען און טרוקענער קרעכץ:
„גיב, גאָטעניו, כחות, היט אָפּ מיך פון שלעכטס,
„איך בין דאָך ניט מער ווי אַן עלנטע פרוי".
און ס'זאָגט מיר דאָס האַרץ, און איך ווייס עס גענוי:
אַ טרער פון איר אויג איז געפאַלן אין טייג.
און ווען זי האָט שפּעטער אונז, קינדער, באַטיילט
מיט וואַרעם געבעקס — מיטן קוכן צוזאַמען
פאַרשלונגען האָב איך אויך אַ טרער פון מיין מאַמען.

דאָס ליד פון ליכט

כ'בין איינזאַם אין פריאיגער קינדהייט געבליבן,
געלעכצט האָב איך תמיד נאָך שטילקייט און שאָטן;
פון חומר פון וועלט צו איר ליכט זיך געריסן,
ווי וויין האָט אין האַרצן געיוירט און געזאָטן.
פלעג אָפּזוכן תמיד באַהאַלטענע ווינקלען —
די וועלט און איר שיין אין דער שטילקייט באַנומען;
דאָרט האָבן צו מיר זיך אַנטפּלעקט מיינע חברים,
און כ'האָב זיי באַהאַלטן אין האַרצן אין שטומען.

און פיל האָב איך חברים געהאָט: יעדער פויגל,
אַ בוים מיט זיין שאָטן, דער הימל דער בלויער;
די בלאַסע לבנה וואָס שיינט אין אַ פענסטער,
די דעמפּקייט פון קעלער, דאָס סקריפּען פון טויער.
דער דאַרנבוש הינטער אַ פּלויט איינגעבויגן,
און יעטווידער שטראַל וואָס גייט אויף פאַר די אויגן
פון זון, פון אַ ליכט, צי פון גלאָזוואַרג צעבראָכן;
דער בוידים, אַ ווינקל מיט שפּינוועבס פאַרצויגן,
ס'געמיש פון אַ שיין וואָס אין חושך טוט טריפן
אַזוי מורא'דיג זיס אין אַ ברונים אַ טיפן —
מיין אָפּשיין און אָפּקלאַנג; פון זייגער דאָס טיקן,
דאָס קריצן פון זעג אין אַ קלאָץ אין אַ דיקן,
ווי אויסגעזעגט וואַלט עס גאָטס נאָמען פון דאָרטן;
די זויערע עפּעלעך, באַרעלעך גרינע
וואָס הענגען אַריבער פון שכנ'ישן גאָרטן;
די קיעלעך „משה רבינו'ס" די רויטע —
זיי זיינען געווען מיינע פריינט די פאַרטרויטע.

נאָר ליבער פון אַלע, און נענטער, און טרייער —
די פריאיגע שד׳לעך פון גלאַנץ און פון פייער.

אין זומערצייט, האָב איך געקענט אַ חבריה
פון ליכטיגע, זוניגע שדימ׳לעך פרייע.
זיי האָבן אין טאָג פּאָר מיין בליק זיך געצונדן
פון שוועבן אין זון איבער וואַסער און קאָרן;
און ס׳האָט זיך מיין נשמה צו זיי צוגעבונדן,
און איך בין געטרייסט און באַפליגלט געוואָרן.
כ׳בין חבר מיט זיי — אַלע סודות געוואוסט,
און כ׳האָב זיי געליבט, און געהאַלזט, און געקושט.

באַגינען, איך שלאָף נאָך אַנטשוויגן און שטום —
זיי איילן צום פענסטער און קלאַפּן זיך: קום.
איך האַלט זיך אין אָנטאָן, און איידער ס׳צערינט
דער נאַכטיגער חלום — זיי ווינקען: געשווינד.
און איידער כ׳געפין די פאַרוואָרפענע שיך —
זיי ווינקען: אַ רגע איז טייער — קום גיך!
איך אייל זיך נאָך צוקומען נענטער צו זיי —
זיי רופן אויס: גיכער! עס גיט מיך אַ ווי,
כ׳ווער גרינג, איך ווער ליכטיג, אַ זונשטראַל פאַרטראָגט מיך —
איך בין אייך אַ ברודער, נעמט, קומט און דעריאָגט מיך!
קומט פליען, קומט שוועבן אין לאָנקע, פאַרטרויטע,
מיר וועלן זיך שפּילן אין גראָזן באַטויטע,
און שיינען אין ליכטיגע פערל וואָס גלאַנצן,
אויף טעפּיכער גרינע זיך קייקלען און טאַנצן.

מיר פאַלן אין טויאיגער לאָנקע אַריין —
די לאָנקע האָט אויפגעשטראַלט פלוצים מיט שיין:
דאָס גראָז האָט צעשפּילט זיך אין טויזנט קאָלירן,
מיט ליכטיקע טראָפּנס טוט אַלץ שעמערירן;
עס ציטערט אַ דימענט אויף יעטווידן דאָרן,
עס ברעכן זיך שטראַלן אָן זייערע שפּיצן,
ווי דיניקע גאָלדענע קווייטן וואָס בליצן.

די מלוכה פון שיין איז צעטרייסלט געוואָרן —
ווי איינער וואָלט זיפּן דימאַנטן, סאַפּירן,
צו ווערן פאַרבלענדט — ס׳האָט געגעבן אַ שפּרונג,
אַ קוליע זיך איבער אַ קעלבל אַ יונגס ;
אַן עדה פון הינער וואָס גראַבלען און פּיקן
צעפּליען, און טוען די קוסטעס צעוויגן,
און ס׳שמייכלט די לאָנקע, און גלימצערט, און שטראַלט — — —
איך ציטער און פלאָטער פון ליכט אָנגעצונדן,
אַזוי ווי אַ פויגל אין גאָלדנעץ פאַרשפּונען,
מיט זיידענע איידעלע פעדים געבונדן —
זיי האָבן מיין האַרץ און נשמה געוואונען.
ס׳האָט ליכטיג אַ קינדהייט אין מיר זיך צעצונדן,
עס לאַכט דאָס מויל פריידיג, אין האַרץ גליען זונען.
פון פרייד און פון גליק און פון שטראַלן געפאַנגען,
אָט גלי איך און שעם זיך, אָט ווער איך צעגאַנגען.

איך בין נאָך פאַר׳שיכור׳ט, פאַרפלאָנטערט אין שיין —
די שדים׳לעך רופן : אין קאָרן אַריין !
און ס׳האָט זיך די חברה אין ליכטיגן שוועבן
אַ שפּרייט זיך אַריבער דעם קאָרן געגעבן ;
און לייכט אויף די האָריגע קעפּלעך פון זאַנגען,
צעשטיפטע, צעבליצטע, אַ טענצל געגאַנגען.
„מיר וועלן אין ליכטיגן ים און אין ברייטן
ביז מיטאָגצייט הוליען אין ליכט און זיך באָדן ;
און לייכטינקע וואָלקענדלעך וועלן זיך שפּרייטן
און קייקלען אַריבער די קעפּ אונז אַ שאָטן".
אָט שווינדן זיי פונקט ווי אין תהום׳ען פאַרזונקען,
אָט טוען זיי ווידער זיך פריידיג אַנטפּלעקן —
צעטרייסלען די פליגל און שפּריצן מיט פונקען,
און איינער דעם צווייטן טוט שפּאַסיג דערשרעקן.

ס׳איז פריילעך אין פעלד איצט : עס טראָגן זיך פויגלען,
און צוויטשערן דורך זייער גרוס און פאַרפליען —

און באַבאָטשקעס לייכט ווי די פעדערלעך ציען
אויף פליגל פון ליכט איבער גאָלדענעם קאָרן.
זיי צאַפּלען זיך שטיל אין געפלאַטער און פליטער —
אָט ווייס, און אָט ראָז, און אָט גאָלדיג געוואָרן,
פאַרשלונגען אין שיין — און אַנטפלעקן זיך ווידער.
ווי ס'וואָלט זיך אַ האַנט אַ פאַרבאָרגענע שפּילן —
באַוואָרפן די שד'לעך די קליינע מיט בלומען
ווען זיי זיינען שטיפערש אין טאַנצן פאַרנומען,
און שליידערן פונקען אום הין און צוריק
צום טאַקט פון אַ גרויסער קאַפּעליע מוזיק —
פון שפּרינגער און קלינגער, פון בינען און גרילן,
וואָס קלאַפּן אַ פריידיג געזאַנג אויס מיט טאַצן;
צערירן די גליאיגע לופט וואָס איז שטיל,
מיט טיף פאַרבאַהאַלטענעם ציטער־געפיל.

דאָס פריילעך געזינטל פון שטראַלן ניט מיד,
רופט אויס: צו דער סאַזשעלקע דאָרט! און פאַרפליט.
ס'איז הייס און ס'איז ליכטיג! — און טוען אַ שוועב
צום וואַסער וואָס ליגט אין אַ גרינגראָז־געוועב.

אין היץ דער בייטאָגיגער רוט זיך דאָס וואַסער
אין שטראַליגער זון און אין שאָטן אין טיפן —
אַ טייל איז אַזוי ווי אַ שפּיגל געשליפן;
עס טוקן זיך הימלען און וואָלקנדלעך שטיפן,
און ווערן ווי פּערל ווי ווייסע אַלץ בלאַסער.
אַ וועלט שפּיגלט אָפּ זיך אַן איבערגעקערטע,
אַ קילבלעכע זון, אַ נאַטור אַ פאַרקלערטע,
פאַרהילט אין אַ שלייער פון רו און פון פרידן,
אין קלאָרן און רואיגן וואַסער פאַרטרונקען —
און אַלץ איז דאָרט שטיל ווי אין חלום פאַרזונקען.

אַ טייל ליגט פאַרשוואומען אין שאָטן אין טיפן
און רואיג און גרין ליגט דאָס וואַסער און קוועלט;

מיט טונקלקייט גיסט זיך אַראָפּ פון די ריפּן
וואָס הילן, פאַרוויקלען די אונטערשע וועלט.
געטאָפּלט און איבערגעקערט דאָ פון אונטן —
דאָס גראָז און דער בוים און די פעלזיגע שפּיצן;
אַ שיפל צום קאָמבל פון בוים צוגעבונדן,
אַ באַרג אין די אָדערן־וואָרצלען פאַרקילטער,
אַ צוויי ווילדע גענז און אַ בושל אַ ווילדער
וואָס שווימען אַרום דאָרט אַנטבלויזט, אַזוי לייכט,
און טוען מיט ליכטיגע פּערעלעך שפּריצן —
און אַלץ אַזוי קיל, אַזוי פריש, אַזוי פייכט.

און איין טייל איז רייגגאָלד, צעשמאָלצן, צעפלאָסן
צעבראָכענע שטיקער פון גלימצער און שטראַלן
גינגאָלדענע שופּן, קרישטאָלענע קייטן —
דאָס ברוך פון צוויי זונען, צעפלאַמט און צעגאָסן,
פון גלאָזוואַרג צעפּיצלט, קרישטאָלן, אָפּאַלן —
אַלץ פינקלט, אַלץ בליצט דאָרט מיט ליכטיגע קווייטן.

צום וואַסער, צום וואַסער — דאָס וואַסער צעוויגט זיך,
די טיפקייט פון גאָלד און פון בלוי איז דערשיטערט;
די שטראָמען פון ליכט האָבן האַסטיג צעקריגט זיך,
געוואָרן אין מיש־מאַש פון פאַרבן דערציטערט.
עס ווערן די הימלען די בלויע צעשפּרונגען,
די זון ווערט אויף זונען אויף זיבן צעשפּליטערט;
אַ זון אויף אַ זון נעמט זיך אימפּעטיג טראָגן
איין זון טוט די צווייטע אויף פּיצלעך צעשלאָגן —
די אונטערשטע וועלט ווערט פאַרשלעפּט און פאַרטרונקען
אין מבול פון שיין, אין אַ תהו־ובוהו
פון פלאַמיגע ימ׳ען און אָפּגרונטן בלויע.

אין פלאַמיגע ימ׳ען און שטראַליגע שטראָמען
האָב איך זיך מיט פלאַם און מיט שטראַל אָנגעזאָפּט —

און ריין און געלייטערט אַרויס פון די תהום׳ען;
אין אויסברוך פון קוואַלן וואָס ברויזן מיט קראַפט
אַ גאַנצער ים פרייד האָט אין האַרצן געשלאָגן;
פאַרשווענקט, ווי פון מעכטיגער זיסער מוזיק,
וואָס טוט זיך פון פידלען פון טויזנטער טראָגן —
זיץ איך אויף דער סאַזשעלקע׳ס גראָזן באַגליקט
און קוק, ווי דאָס וואַסער טוט זיך אַליין צאַמען:
אַ רגע נאָך וויגט זיך דאָס וואַסער און רעגט זיך,
עס צינדן זיך דימענטלעך, לויכטן און גלאַנצן,
און קלייניקע פייערלעך רויטינקע טאַנצן,
און קוילעכלעך בלעזלען און שעפּטשען און פלאַמען —
און שטיל ווערט דער אויפברויז, און שטילער, און עקט זיך.

און איצט רוט דאָס וואַסער פון סאַזשלקע ווידער,
ווי פריער געשליפן און גלאַט, און אַן ציטער;
באַהאַלט אין זיך טיף אַן אַנטשוויגענע וועלט
מיט ווערבעס מיט גרינע און גראָזן פאַרשטעלט.
פון צווייטער זייט סאַזשלקע, מיר פאַר די אויגן,
אַ נעץ שלעפּט פון וואַסער אַ פישער אַן אַלטער —
ער טרייסלט זי אויס — און פון נעץ דער צעשטראַלטער
טוט שפּריצן מיט אַלע קאָלירן פון בויגן,
ווי ער וואָלט פון קעסל מיט שיין געטאָן גיסן
מיט גאָלדענער זופּ אין קרישטאָלענער שיסל.
צום גראָז האָבן טראָפּנס ווי פונקען געשפּריצט,
ווי ליכטיגע טרוימען געפלאַמט און געבליצט.

פּלוצים זע איך, ווי פון וואַסער —
קלאָרע, ליכטיגע און ריינע
זיינען אויפגעקומען מחנות
מאָרגן־שד׳לעך קליינע.

קליינע, שטיפערישע שד׳לעך —
ווי זיי וואָלטן ערשט געוואָרן

אָפּגעטרייסלט פון אַ פליגל
פון אַ מלאך קלאָרן.

אין די אויגן שיין פון שכינה
האָט ביי זיי זיך אויפגעהיט;
אָנגענומען פאַר די הענטלעך
זינגען זיי אַ ליד:

צו אונז קום, שיין אינגל,
צו אונז קום, ליב אינגל,
וואָס גייט אויס נאָך זונליכט
ביז ס'עקט זיך דער טאָג —

מיר וועלן אין שטראַלן
און שיין דיך פאַרטרינקען,
צום ליכט צום פאַרבאָרגן
דיך געבן אַ טראָג.

צו אָפּגרונטן טיפע
מיט גלעזערנע טורעמס,
דימאַנטענע זונען,
פּאַלאַצן קרישטאָל.

מיר וועלן אַ בעכער
פון ליכט פון פאַרבאָרגן
דיר געבן צו טרינקען —
טרינק אויס מיטאַמאָל.

ביז ס'וועט פון דיין פּנים
און בליק זיך צעשפּריצן;
וועט אָנזאַפּן ס'האַרץ דיינס
און מאַרך און געביין —

ווי טויזנטער קושן
פון טויזנטער שטראַלן —
צו זיס צו דערטראָגן,
דערהאַלטן — צו שיין.

עס קלינגט נאָך דאָס כישוף־געזאַנג אין נשמה —
זיי ווערן צום וועלדל צום גרינעם אַנטרונען.
זיי וואַרפן מיר צו נאָך אַ בליק פון נחמה:
„ביז מאָרגן באַגינען" — און ווערן צערונען.

אין איינעם אַ טאָג — איך געדענק שוין ניט ווען,
און ווייס ניט פאַרוואָס — נאָר ווען כ'האָב זיי געזען —
איז האָבן זיי שטיל מיך באַדויערט, פאַרצאָגט,
און ס'האָט מיר דאָס בליק זייערס גאָרנישט געזאָגט.
גאַנץ פרי, האָט דאָס ליכט פון מיין שלאָף מיך צענומען,
געשטאָכן די אויגן און ליפּן מיר שווער.
איך קוק דורכן פענסטער: אַ זון, און ניט מער,
נאָר זיי זיינען מער שוין צו מיר ניט געקומען —
דאָס ליד פון דער שיין איז אויף אייביג אַנטשוויגן.
נאָר טיף אין מיין האַרצן איר אָפּקלאַנג — טוט ליגן,
און כ'האָב אין די אויגן איר ליכט אויפגעהיט;
מיין חלום דער שענסטער און האַרציגסטע ליד,
מיין ליכטיגסטע זעאונג — אַ שפּריץ פון איר שטראַל,
געלייטערט און קלאָר, און געבענשט פון איר קוואַל.

ביים אָפענעם פענסטער

פאַר די לעצטע פּאָר טעג, ווי נאָר ס'הויבט אָן צו טאָגן,
נעמען שטראַלן אין לאָדנס פאַרמאַכטע זיך שלאָגן,
און זיי פאַלן פאַרשעמטע אין יעטווידן שפּאַלט;
דרינגען איין אין דעם שלאָפצימער מיינעם באַשיידן —
עס קלאַפּט אָן זיך אין האַרצן אַ יום־טוב פול פריידן:
שטיי אויף, שלעפער, ס'איז ליכטיג, סע שטראַלט!

ביז צום בעט טוט דער גאָלדיגער שטעג אַזש דערלאַנגען —
אָבער ביז איך שטיי אויף ווערט דער שימער פאַרגאַנגען:
ס'ווערט פאַרשלונגען דאָס ליכט און דער שטראַל איז פאַרוויים.
און ווי פריער, געהילט איז מיין צימער אין שוואַרצן,
ווי אַן אָפּגעלעגט יום־טוב וואַרפט קומער אין האַרצן,
און נעמט אָפּ יעדע האָפנונג און פרייד.

אָבער היינט, ווי איך האָב נאָר צעעפנט די לאָדן,
האָט אַריינגעשטראָמט פלוצים ,געבראַוזט און געזאָדן
אַ ים ליכט אין מיין צימער, געפּלייצט און געשפּריצט —
ס'זיינען בונטן פון שיין אויף מיין פּנים געפאַלן
און געקוואַלן אין אויפגעוואַכט האַרץ האָבן קוואַלן,
און געשלאָגן מיט שיין און געבליצט.

ס'איז מיין גאָרטן געשטאַנען צעשטראַלט און געלייטערט,
עס האָט הויך זיך דער הימל דערהויבן דערווייטערט,
ס'ציט אַ ליב פרילינג־קעלטל אין בלוי —
פון צעוואַרעמטער ערד טוט אַ פייכטקייט זיך טראָגן,
פון צעעפנטעביימער מיט זאַפטן טוט שלאָגן,
און פון ווינטל דעם פרישן און טוי.

אוּן די וואָלקנדלעך ציִען איינס איבער דעם צווייטן,
ציִען שווייגנדיק־שטיל אין דעם הימל דעם ברייטן,
און ווי ווייט ס'אויג קען גרייכן אין ענדלאָזן שטראָם —
טוען קליינינקע וואָלקנדלעך ליכטיק שעמרירן,
ווי געשניטן פון אידעלע פּערל, סאַפּירן,
שטיקער כסא־הכבוד צעוואָרפן אין תהום — —

ס'איז די וועלט ווי באַנייט: אָט די זון קלאָר געוואָרן,
אָט די ליכטיגע ערד ווי אָט אָקאָרשט געבאָרן,
אויך פון ווייסקייט פון וואַנט און צעשטראַלטקייט פון דאַך —
שעפּ איך לעבן און פרייד, אַ באַנייטער, דערפרייטער,
ס'פייערט יום־טוב מיין האַרץ און צעעפנט זיך ברייטער —
עס האָט גאָט היינט אַ יום־טוב געמאַכט!

ס'שטראָמען ליכטער אַריין דורך מיין פענסטער און פליסן,
און דעם דיל און די ווענט און די ווינקלען פאַרגיסן,
גיסן רייגנגאָלד אין איטלעכן שפּעלטל אַריין;
וואָלסטו, גאָט, זונען זיבן אין הימל צעהאַנגען,
וואָלסטו אַלץ נאָך ניט שטילן נאָך ליכט מיין פאַרלאַנגען —
מערער שיין, גרויסער גאָט, מערער שיין!

דער ווינט . . .

דער ווינט האָט פאַרווייט מיינע זיפצן,
אין זאַמד מיינע טרערן פאַרלאָרן —
אָ ווינט, זאָג מיין ברודער, פון מיר איז
אַ רויִקער פאַקעל געוואָרן.

דער ליכטיגער קוואַל פון מיין הארצן
איז טראָפּן נאָך טראָפּן פאַרזונקען;
דאָס פייער דאָס גרויסע פון נשמה
שוין אויסגעברענט האָט זיך אין פונקען.

אַצינד איז מיין קוואַל ווי אַ וואונד נאָר
וואָס טריפט נאָך אין קאַרגע מינוטן;
און ס׳רויִקערט מיין האַרץ זיך פאַרבאָרגן,
פאַרוויקלט אין אַש און אין בלוטן.

עס לויכטן אויף שטערן . . .

עס לויכטן אויף שטערן און טונקלען,
און מענשן פֿאַרגייען אין שוואַרצן —
מיין פריינט, עס איז פינסטער אַרום מיר,
און פינסטער און שוואַרץ איז אין האַרצן.

עס שפּראָצן חלומות און וועלקן,
און ס׳בליען אויף הערצער און שטאַרבן;
מיין פריינט, אַלץ אַרום און אין האַרצן
איז שימל, רואינען און דאַרבן.

און אַלץ טוט זיך ציען צום זונליכט,
און ס׳וויאַנען די ליפּן פאַרביטערט;
ס׳אַן אייביגע אַלטע געשיכטע
וואָס חזר׳ט זיך אָבער און ווידער.

און די נעכט — סאַראַ פוילע זיי זיינען —
די טעמפּע לבנה אין הימל
אפילו זי גענעצט אַ מידע,
און וואַרט אויפן טאָג פון איר דרימל.

ס׳איז געפאַלן די טרער . . .

ס׳איז געפאַלן די טרער — איז געקומען אַ שטראַל
און האָט זי צעשלאָגן;
האָט אַ קעלט פאַרקלעמט ס׳האַרץ: נאָך אַ רגע און אויס,
און די טרער ווערט פאַרטראָגן.

און אין עלנט און נויט גיי איך אויס: מיר איז שווער —
זי איז טרוקן געוואָרן;
און קיין איינציג טעמפּ האַרץ ניט גערירט, און ס׳האָט קיינער
קיין מינדסט ביסל שלאָף ניט פאַרלאָרן.

און וואוהין זאָל איך פירן מיין עלנט, און וואו זאָל איך גיין?
אויף מיין געלעגער דעם האַרטן
וועל איך לאָזן איין טרער נאָך: איין העלפט איז פאַר אייך,
און איין העלפט פאַר מיין האַרצן.

און דאָס ליכט האָט פאַרשפעטיגט צו קומען, און שוואַך איז דאָס ליכט
מיך צו אויפלעבן ווידער;
ס׳גליט איין זון בלויז אין הימל, ס׳זינגט איין ליד אינם האַרצן —
און ניטאָ מער קיין אַנדערע לידער.

ניט פון הפקר . . .

ניט פון הפקר איז ס'ליד מיר געקומען,
ניט פון טאַטן בירושה געקראָגן;
נאָר פון אייגענעם פעלז אים געשפּאָלטן,
פון מיין האַרצן אַרויס אים געשלאָגן.

כ'טראָג אין האַרצן אַ קליינעם פונק פייער,
קליין דער פונק — נאָר איז מיינער אין גאַנצן;
ניט געבאָרגט, ניט גע'גנב'עט ביי קיינעם,
ער איז מיינער, אין מיר טוט ער גלאַנצן.

אונטערן האַמער פון ליידן פון גרויסע,
ווען מיין האַרץ, שטאַרקער פעלז, טוט זיך שפּאַלטן —
פליט דער פונק און שפּריצט אָפּ אין מיין אויג זיך,
טוט פון אויג אין מיין פערז זיך באַהאַלטן.

און פון פערז טיף אין אייערע הערצער,
און פאַרלירט זיך אין אייערע גלוטן —
פאַר דער שרפה וואָס איך האָב פאַרצונדן
טו איך צאָלן מיט מאַרך און מיט בלוטן.

אַ ווינטער־ליד

אַ טאָג האָט אונז גאָט היינט אַרונטערגעלאָזט —
גאָט'ס טאָג איז פון אייז און פון שניי און פון פראָסט.

דער הימלגעוועלב און דער ערדבאַל געשלאָסן,
דאָס ליכט און די לופט ווי פון איין גוס געגאָסן.

ניט אַנדערש, די וועלט האָט געזאָלט זיך צעשיטן —
האָט גאָט אין זיין ווארשטאַט גענומען זי שמידן,

פאַרהויבן זיין האַמער אין ריזיגן שוואונג,
גערופן דעם כח צוהילף — און קלינג־קלונג.

און צווישן קאָוואַדלע און האַמער — אַ נאַכט —
האָט גאָט אויף זיין וועלטל פאַרטאָן גאָר זיין מאַכט.

איז אַרויס מיט פרימאָרגן אַ טאָג ווי געשמידט,
מיט אייביגע כחות פאַרפּראָפּט און פאַרהיט.

און ס'הענגט אין דער לופט נאָך בריליאַנטן אַ קנויל
פון געטלעכן אָטעם, פון הויך פון זיין מויל.

דאָס מאָרגנליכט פלעכט זיך אויף אַלץ ווי אַ קראַנץ,
פאַרקילט איז די היץ, און געבליבן בלויז גלאַנץ.

קיין סוף צו דער ווייסקייט און שיין אין דעם רוים,
פון אונטן ביז אויבן, פון הויז ביז אַ בוים.

דער שניי, ווי דורך זיפּן געזיפּט, ליגט צעשטרעקט,
מיט גלאָז מיט אַ ווייסן אויף אַלצדינג געדעקט.

די דעכער, ווי מאַרמאָרנע היטלען אַזוי —
אַ האַלבער דאַך ווייס און אַ האַלבער דאַך בלוי.

זיי לויכטן און שפּילן דער זון העל אַנטקעגן —
די ראָבן די שוואַרצע — די איינציגע פלעקן.

זיי גליטשן זיך, קראַצן אין גלעזערנער דעק,
און פּיקן און קראַקן — און פליען אַוועק.

ווי בערד פון מכשפים פון אַלטע — דער רויך
פון קוימענס, וואָס קרויזט זיך און פליסט אין דער הויך.

די פלאַמיגע קעלט גיסט זיך איבער און זידט,
גיסט כחות אין אַלץ, און זי ברויזט און זי בריט.

און דאָ ליגט די גבורה פון וועלט, שטייף און ריין:
שוימט איבער מיט קרעפטן און צוימט זיך אַליין.

אין אויפברויז פון כחות וואָס יוירן באַהאַלטן,
די מעכטיגע דעמבעס אין וועלדער זיך שפּאַלטן.

ווי גרונטן פון ערד פאַרשמידט זיינען געוואָרן,
ווען אויפרייסן האָבן געזאָלט זיי אין צאָרן.

זיי רייסן זיך, רייסן פון זייערע שטריק —
אָט־אָט, און די ערד וועט צעשפּרינגען אין שטיק!

*

און אין מענטשן צעבליט זיך די קראַפט און צעשטראַלט —
איז קלאָר אין אַ טאָג אַזאַ, זיכער און קאַלט.

צעשפּילט זיך דער כח צעוואַקסט זיך אין בלוט,
פון שעה ביז צו שעה, פון מינוט צו מינוט.

ביז ענג ווערט אין ברוסט, און עס שפּאַרט ביז צערייסן
די ווענטלעך פון האַרצן, געשמידט ווי פון אייזן.

דאָס פּנים — פלאַמפייער, די מוסקלען ווי דראָט,
און ריזיג און זיכער איז יעטווידער טראָט.

שעפּט אָן פול די ברוסט מיטן אייזיגן גלוט,
צעגיסט זיך דאָס אייזן אין אָרעם און בלוט.

זיין האַנט ווערט געביילט אין אַן אייזערנער פויסט,
אַ תאווה אַ גרויסע דערוועקט זיך און ברויזט:

אַ זעץ מיט דער פויסט, און צושמעטער ביז גרונטן,
דעם הימל פון אויבן און ערד וואָס פון אונטן.

אַז ס'האַרץ קען דעם כח שוין מער ניט דערטראָגן,
און רייסט זיך פון קייט אים צעגיסן, צעשלאָגן —

דאַן וואַרפט זיך דער מענטש אין אַ שליטן: „געשווינט,
נעם טראָג מיך אין ענדלאָזער ווייט ווי אַ ווינט;

אַהין, וואו עס רויטלט די באַק זיך, און גליט,
און ס'שטורעמט אין אויפברויז די יוגנט און זידט;

אויף מיידלשער רויערד וואָס קלאָר איז און ברייט —
זאָל ווערן די מעכטיגע גבורה פאַרזייט!"

אַ ל ײ ן

ס׳האָט דער ווינט זיי פֿאַרוויִט, ס׳האָט דאָס ליכט זיי פֿאַרשוווענקט,
אַ ניי ליד האָט פֿאַרהילכט זייער לעבנס־פֿרימאָרגן;
און בלויז איך, צאַרטע טויב, בין געבליבן אַליין,
אונטער פֿליגל פֿון שכינה פֿאַרבאָרגן.

איך בין עלנט געבליבן — און די שכינה האָט שטיל
איבער מיר מיט צעבראָכענעם פֿליגל געפֿאָכעט;
כ׳האָב פֿאַרשטאַנען: איר האַרץ האָט געציטערט אין שרעק
איבער מיר, איבער מיר, איר בן־יחיד.

שוין פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון לעבן — ס׳איז נאָר
אַ פֿאַרבאָרגן קליין ווינקל איר איבערגעבליבן —
דער בית־מדרש — האָט זי זיך אין שאָטנס געהילט,
איך מיט איר אין דעם טרויער דעם טריבן.

און אַז ס׳האַרץ האָט געריסן צום פֿענסטער, צו זון,
און אַז ענג איז מיר אונטער איר פֿליגל געוואָרן —
האָט זי צוגעפּרעסט זיך צו מיין שולטער, איר טרער
אויפֿן בלאַט פֿון מיין גמרא פֿאַרלאָרן.

שטיל געוויינט איבער מיר, זיך געטוליעט צו מיר,
מיך געפּרופֿט מיט צעבראָכענעם פֿליגל פֿאַרשטעלן:
„ס׳האָט דער ווינט זיי פֿאַרוויִט, און צעזייט און צעשפּרייט,
און כ׳בין איינזאָם געבליבן און עלנט".

און אַ סוף פֿון אַ קלאָגליד, אַ ווייטאָגדיגס, אַלטס
און אַ תּפֿלה וואָס בעט זיך און צער אין שטומען —
אין איר שטילן געוויין און איר זודיגער טרער
האָט מיין אויער פֿאַרנומען.

מ ת י - מ ד ב ר

(פ אָ ע מ ע)

ניט מחנות פון ריזיגע לייבן באַדעקן דעם מדבר דעם ברייטן,
דאָס ליגט ניט דער בשן מיט גאַר זיינע דעמבעס די שווערע געפאַלן —
דאָס ליגן אין זונגלוט, ביי צעלטן פאַרשוואַרצטע, די ריזן,
דאָס ליגן זיי זיכער אין ברוינלעכן זאַמד פונם מדבר, ווי לייבן.
איינגעפרעסט האָט זיך דאָס זאַמד אונטער אייזערנע ביינער,
צוגעשמידט זיינען די ריזן צו דר'ערד, מיט כלי־זיין באַהאַנגען:
די שווערדן די שאַרפע צוקאָפּנס, די שפּיזן אויף שולטערן ברייטע,
אָנגעפילט זיינען מיט פיילן די טאַשן אויף זייערע לענדן.
די קעפּ ליגן שווער אויף דער ערד, אינם זאַמד, ווילד־באַוואַקסן,
און ס'פלעכטן זיך זייערע לאָקן, ווי גריוועס פון אַפריקע־לייבן.
ברוין זיינען זייערע פּנימ'ער, גלאַנצן ווי טונקעלער קופּער —
שפּיגל פאַר בלענדיגע שטראַלן און אָפּקלאַפּ פאַר מדבר'שע ווינטן.
פאַרהאַרטעוועט זיינען די שטערנס, ווי אייזנס, געווענדעט צום הימל,
עס וואַרפן די ברעמען אַ מורא, אַ שרעק קוקט אַרויס פון די אויגן.
עס פלאָנטערן זיך ווי די שלאַנגען די בערד די געדיכטע,
און האַרט, ווי פון שטיינער געהאַקט, הויבן אויף זיך די ברוסטן,
בולט, ווי אייזן־קאָוואַדלעס, געגרייט צו די קלעפּ פונם האַמער.
און פונקט ווי דער האַמער פון צייט וואָלט פאַרשמידט דאָרטן ריזיגע קרעפטן
וואָס זיינען אויף אייביג פאַרבליבן פאַרפרעסט און אַנטשוויגן.
מער נישט, דער איינקריץ אויף פּנימ'ער שוואַרצע און נאַקעטע ברוסטן,
דער איינקריץ פון פיילן און שפּיזן, די שריפט פון די שווערדן,
געגליכן צו שריפט וואָס אויף שטיינער־מצבות, דערציילן דעם אָדלער,
פיל שפּיזן עס זיינען געוואָרן צעבראָכן, און פיילן — צעשפּרונגען,
אין דאָזיגע פעלזיגע ברוסטן, אין דאָזיגע אייזערנע לוחות.

און ס'גייט אויף די זון און גייט אונטער ,און ס'טראָגן זיך דורות נאָך דורות,
און שטיל ווערט דער מדבר און שטורעמט און ווערט ווידער שטיל ווי געוועזן.
שטאָלץ אין דער אייביגער שטילקייט און איינזאַמקייט טוען זיך הויבן
די ריזיגע פעלזן, פאַרטיפטע אין דעם וואָס איז לאַנג שוין פאַרלאָפן,
און הונדערטער מיילן אַרום הערט קיין קלאַנג זיך, קיין שפּור פונם לעבן.
ס'האָט מדבר פאַרשלונגען אויף אייביג דעם יובל פון דור פון די ריזן.
די שטורעמס — פאַרשאָטן די טריט וועלכע האָבן אים שווער אויפגעציטערט,
אַרויסגעשפּראָצט האָבן דאָרט זאַמדבערג, און פעלזן דערהויבן.
פאַרהאַלטן דער מדבר זיין אָטעם, פאַרשלעפערט די ריזן אויף אייביג:
די היץ — זייער קראַפט אויסגעזויגן, די שענקייט געוואָרן פאַרגליווערט;
דאָס זודיגע זאַמד שלייפט די שווערדן פון זייער צוקאָפּנס,
די שטראַלן פון גליאיגער זון שלאָגן אָן זיך אָן זייערע שפּיזן
און ווערן צעברעקלט אין פונקען — און קופּער פון פנים'ער טונקלט.
אַנטבלויזטע אין זונגלוט דאָ טריקענען זיי דורות נאָך דורות
דער ווינט טריקנט אויס זייער גבורה, דער שטורעם פאַרטראָגט זי אין ווייטקייט.
זי ווערט מיטן שטויב צו אַ לאַנד צו אַ ווייטן פאַרטראָגן, און ווערט דאָרט
געטראָטן פון קאַרליקעס־מענטשלעך, און הינט לעקן שטיל די צעפּוילטקייט
פון ריזיגע אייביגע קרעפטן — און ס'איז נישט קיין זכר פאַרבליבן
פון מענטשן, ווי לייבן, וואָס זיינען אין זאַמד פונם מדבר געפאַלן.

נאָר ס'טרעפט, אַז אַ שאָטן שווימט פּלוצים אַריבער דעם מדבר
און קומט ביז צום ברעג פון די מחנות מיט פגרים און טראָגט זיך,
פליט האַסטיג אין לענג און אין ברייט און ער זיגזאַגט אין לופטן —
פּלוצים פאַרהאַלט זיך דער שאָטן אַריבער אַ גוף אַ צעשטרעקטן,
ס'לייגט זיך אַ טונקעלער פלעק אויפן גוף און אַ העלפט פון זיין שכן —
די לופט ווערט צעטרייסלט — אַ פּאַטש פון די פליגל — אַ פאַלן!
אָפּגעקלאַפּט זיך מיט זיין שווערקייט דער גאַנצער, צום רויב צוגעפאַלן
אַן אָדלער מיט שטאָלענע פליגל און שנאָבל, מיט נעגל מיט קרומע.
אַנגעשטעלט האָט ער די נעגל אַנטקעגן דער ברוסט פונם אייזן,
דעם שנאָבל דעם שאַרפן — אַנטקעגן דעם קופּערנעם פּנים —
אָט קלאַפּט זיך דער אָדלער אָן קערפּער, און ס'בריאַזגעט אָן אייזן אָן אייזן.
נאָר פּלוצים רייסט אָפּ זיך דער רויבער, ציט איין זיינע נעגל
אין שרעק פאַר דער שטילקייט אַרום אים און שענקייט פון דרעמלענדער גבורה;

ער שפּרייט אויס די פליגל און טוט זיך אַ הויב קעגן הימל,
ער שלאָגט אין דער לופטן אויס כוואַליעס און שרייט אויס מיט גבורה,
הויבט אויף זיך צום הימל און ווערט אין דעם זונליכט פאַרשוואונדן.
און לאַנג דערנאָך פלאַטערט אין לופטן, הענגט אָן זיך אָן איינס פון די שפּיזן
אַן איינציקע פעדער פון אָדלער וואָס ער האָט פאַרלוירן אין מדבר,
פאַר׳יתומ׳ט דאָרט גלאַנצט זי און ציטערט ביז וואַנען זי פאַלט צו דער ערד צו —
און ווידער איז שטיל ווי געוועזן, און אומגעשטערט ליגן די ריזן.

אויך טרעפט, ווען דער מדבר ליגט שטיל אין בייטאָגיגער היץ שטום פאַר׳חלש׳ט,
באַווייזט זיך אַ ריזיגער שלאַנג פון די מדבר׳שע גיפטיגע שלאַנגען,
אָט צערטלט ער זיך אויף דער זון מיט די רינגען די ווייכע און גלאַטע,
אָט דרייט ער זיך איין אין אַ ראָד אינם זאַמד, אָן באַוועגונג, אָן לעבן,
אָט, דוכט זיך, צעגייט ער פון תענוג, אין היץ פון דעם זוניגן ליכטשטראָם;
און אָט וואַכט ער אויף פון זיין דרימל און ציט זיך און שופּט קעגן זון הויך,
צעעפנט זיין מויל צו דעם זונליכט און גלאַנצט מיט די גאָלדענע שופּן,
אַזוי ווי אַ שטיפעריש ליבלינג, אַ צאַרטער בן־יחיד פון מדבר.
פלוצים דערוואַכט אויף דער שלאַנג און שפּרינגט אויף און קריכט ווייטער,
זיך גליטשנדיק, דרייענדיק, שוועבנדיק איבער דעם זודיגן זאַמד־ים —
ער טרעפט אָן די מחנות מיט פגרים, שטעלט אָפּ זיך, ווערט פלוצים אַנטשוויגן,
שטרעקט אויס זיך אַ דריטל פון קערפּער, געשטרייפט היראָגליפיש —
ער הויבט אויף זיין גאָלדענעם קאָפּ, שטרעקט דאָס האַלז, גלאָצט די אויגן,
באַטראַכט די אַנטדרעמלטע מחנה פון שונא פון אין ברעג צום צווייטן:
און שווער איז די מחנה און גרויס, ס׳איז קיין שיער גאָר נישטאָ וויפיל פגרים,
געזיכטער געווענדעט צום הימל, די ברעמען די שוואַרצע פאַרצאַרנט —
און ס׳צינדט זיך די אוראַלטע שלאַנגישע שנאה אים אָן אין די אויגן,
און ברענט מיט אַ גרינלעכן פייער און פלאַקערט, און גליט דאָרט,
און ס׳גייט שווער אַ צאַרנדיגער שוידער פון קאָפּ פונם שלאַנג ביזן עק דורך.
און אָט בויגט ער נידריג אַראָפּ זיך און ציטערט און צאַרנט,
און אויסגעשטרעקט שטייט ער אַריבער אַ קערפּער אַזוי ווי אַ שטעקן,
דער שלאַנגענקאָפּ בויגט זיך אַרונטער, עס שיפּעט מיט בייזקייט.
ציטערן, צאַרענען, ברענען די שטעכיגע גיפטנאָדלען זיינע.
נאָר פלוצים — דער שלאַנג טרייסלט אָפּ זיך און ציט איין זיין גיפטקאָפּ,

אין אַנזיכט פון לויטערער שטילקייט פון פראַכטיגער דרעמלענדער גבורה —
שפּרינגט אַפּ פולער לענג אַן אַ זייט פון די פגרים; קריכט ווייטער
שיפּענדיג, ציטערדיג, גלאַנציג אין קלאָרער און ליכטיגער ווייטקייט —
און ווידער איז שטיל ווי געוועזן, און אומגעשטערט ליגן די ריזן.

און אַמאָל, אַז עס לייגט זיך אַ ליכטיגע נאַכט אויף די זאַמדן און פעלזן,
פאַרוויקלט אין ווייסן און שוואַרצן דעקט איין און דעקט אַפּ זיך דער מדבר.
ס'ווערן פאַרלוירן אין ליכט אינם בלאַסן די מיילן און מיילן פון זאַמדן
און ס'לייגן זיך פינסטערע שאָטנס פון פעלזן פון הויכע,
ווי עלפאַנטן שווערע, ווי חיות וואָס האָבן געלעבט פאַרן מבול,
וואָס זיינען אַהערצו געקומען באַקלערן אַ סוד אַ פאַרטיפטן —
און איידער עס שפּראַצט אויס דער מאָרגן פאַרשווינדן זיי, גלייך ניט געוועזן.
און איבער דרייפאַכיגן סוד פון דער נאַכט, פון דעם מדבר און אַלטקייט
קוקט שטיל אַ פאַרבענקטע לבנה און גיסט מיט פאַרבאָרגענע ליכטער.
פאַרבענקט ליגט דער מדבר און חלומ'ט דעם חלום פון אייביגער פוסטקייט,
די וויסטעניש קלאָגט און זי וואָיעט דאָ קירצער, דאָ לענגער —
דאַן טרעפט, אַז אַ מעכטיגער לייב שפּרינגט פון ערגעץ אַרויס
ניט איילנדיג שפּאַנט ער און זיכער, קומט נאָנט צו דער מחנה און שטעלט זיך.
ער הויבט אויף זיין שטאָלציגן קאָפּ אויפן האַלז דעם באַקרוינטן
מיט ברענענדע אויגן באַטראַכט ער די דרעמלענדע ריזיגע מחנה:
גרויס איז די מחנה און שווער, און גרויס איז די שטילקייט אין מחנה,
שווייגנדיג ליגן די ריזן, עס רירט זיך קיין גליד נישט ביי קיינעם.
אַזוי ווי זיי וואָלטן געוועזן געבונדן מיט רימענס מיט שוואַרצע
וואָס לייגן זיך אויס פון די שאָטנס פון זייערע שפּיזן;
בלאַס זיינען זייערע פּנימ'ער, שאָטנדיג זייערע ברעמען.
שטייט טיף פאַרוואונדערט דער לייב און באַטראַכט די אַנטדרעמלטע גבורה,
פּלוצים — און סברילט אויף דער לייב מיט אַ פורכטבאַרן דונערן־ברילן —
און הונדערטער מיילן אַרום ווערט פאַרציטערט דער דרעמלענדער מדבר.
עס האָט זיך דער אָפּקלאַנג צעשמעטערט אַן שוויגענדע פעלזן
צעברעקלט אין טויזנטער דונערן ווייט, אַן די ברעגן פון מדבר,
און ס'ענטפערן אַפּ ווילדע פויגלען און ס'בילן און קלאָגן שאַקאַלן,
עס ברעכן אויס ווילדע געשרייען, און פול ווערט מיט אימה דער מדבר —
דאָס טראָגט זיך דער ביטערער קלאָג און געשריי פונם מדבר, דערוואַכנד

אין שווערע יסורים פֿאַרמאַטערט, פֿאַרהונגערט און דורשטיק־פֿאַרטריקנט.
עס שטייט נאָך אַ רגע דער לייב דאָרט, הערט צו זיך צום אָפּקלאַנג פֿון דונער,
און קערט זיך שטום אָפּ פֿון די פּגרים און רואיק און שטאָלץ ווי געוועזן
פֿאַרלאָזט ער זיין אָרט אויפֿן פֿעלזן און וואַרפֿט צו אַ בליק פֿול פֿאַראַכטונג
ער טרייסלט אַ שטאָלצער די לאָקן, און קעניגלעך־שטאָלץ גייט ער ווייטער.
און לאַנג דערנאָך ציטערט דער מדבר און קען זיך קיין רו ניט געפֿינען
ער זיפֿצט און ער קלאָגט און ער וואָיעט, נעמט צו זיינע שמערצן מיט צאָרן.
און קומט דער פֿרימאָרגן, דאַן דרעמלט ער איין, פֿון די זיפֿצן פֿאַרמאַטערט,
און קלאָגט אין זיין דרימל פֿאַמעלעך, ווי ס'וואָלטן אים רוחות געשראָקן.
די לבנה ווערט זאַכט אויסגעלאָשן, און בלאַס ווערט דער ראַנד פֿונם הימל,
עס ווערן צעגאַנגען די שאָטנס וואָס ליגן טיף אונטער די בערגער —
אָפּגעדעקט ווערן די פֿעלזן — זיי שטייען שטום, גרוי און פֿאַרצאַרנט;
און ס'ציטערט דער מדבר אַנטשוויגן אין פֿורכט פֿאַר זייער גרויסקייט,
אַ רגע נאָך ציטערט ער שמערצלעך, ער וויינט אָן אַ קול און באַקלאָגט זיך;
די זון שיינט אויף און ווערט ער אַנטשוויגן, און שטיל איז צוריק ווי געוועזן,
און אומגעשטערט ליגן די ריזן — און ס'טראָגן זיך דורות נאָך דורות . . .

אָבער ס'טרעפֿט, אַז דעם מדבר דערעסט אויך זיין טויטע זיין אייביגע שטילקייט,
ס'פֿאַרגלוסט זיך אים נעמען נקמה פֿון גאָט פֿאַר דער אייביגער פּוסטקייט,
ער וואַרפֿט זיך אַנטקעגן מיט שטורעם, און שליידערט מיט זאַמדיגע זיילן,
איז מורד אַנטקעגן דעם בורא, און וואַרפֿט זיך אין צאָרן
און חוצפּה'דיג שטורעמט ער, ווי ער וואָלט וועלן פֿאַרניכטן
די וועלט און צוריקברענגען תהו־ובהו, ווי פֿאַר דער יצירה.
אויפֿגערעגט ווערט דאַן דער בורא, און ס'ווערן פֿאַרביטן די הימלען
פֿאַרבויגן זיך איבערן מדבר אַזוי ווי אַן אַנגעברענט־אייזערנער קובל,
און ס'גיסט זיך אַ פֿורכטבאַרע רויטקייט, און ס'בלעזלט און צאַרנט
אין חלל פֿון מדבר און ברענט אויף די גלוטיגע שפּיצן פֿון פֿעלזן —
אויפֿגעבראָוזט ווערט דאַן דער מדבר און ברומט מיט רציחה און צאָרן
און מישט אויס די ערד און דעם הימל צוזאַמען אין קאָכיגן קעסל.
מיטגעשלעפּט ווערן אויך לעמפּערטן, לייבן, אין טאַנץ פֿון דעם שטורעם —
צעטומלט, פֿון מורא צעמישט, מיט צעפֿלאַכטענע גריוועס
שפּרינגען זיי, ברילן, און יאָגן, מיט אויגן וואָס שיסן מיט פֿייער
און ס'דוכט זיך, זיי טראָגן אין לופֿט זיך צעמישט און צעטומלט.

אין יענעם מאָמענט —
און ס'דערוואַכן אין אויסברוך פון קרעפטן די פורכטבאַרע ריזן,
ס'דערוואַכט פלוצים אויף פון איר טויטשלאָף די מחנה גבורים
מיט אויגן — מיט בליצן, מיט פּנים'ער — פלאַמען, מיט גלאַנציקע שווערדן,
עס דונערט אַ שטים פון די זעקס הונדערט טויזנטער העלדן
אַ שטים וואָס שטייגט איבער דעם שטורעם פון ברויזנדן מדבר,
אַרום זיי — דער שטורעם, אַרום זיי דער צאָרן.

עס דונערט:

מיר העלדן!
דער דור וואָס איז לעצטער צו קנעכטשאַפט, און ערשטער — צו פרייהייט!
אונזער אייגענע האַנט, אונזער אייגענע מאַכט
האָט צעבראָכן דעם יאָך אונטער וועלכן מיר האָבן געשמאַכט.
די קעפ ביז צום הימל פאַרריסן, און ענג האָט אויך דאָרט אונז געשיינט,
די וויסטעניש איז אונזער מאַמע, דער מדבר — אַ פריינט!
אויף שפּיציקע פעלזן, אין וואָלקנס, צוזאַמען
מיט הימלישע אָדלערס פון קוואַל פון דער פרייהייט געטרונקען —
און ווער קען אונז צאַמען?
אויך איצט — כאָטש דער גאָט פון נקמה דעם מדבר אַרום האָט פאַרמאַכט,
קוים האָט אונז באַרירט נאָר דאָס קריג־ליד אין שטורעם —
און מיר האָבן דערוואַכט!
פאַראייניגט, צום קאַמף גרייט, מיט שווערדן, מיט שפּיזן —
צו להכעיס דעם הימל —
קומט לאָמיר אַריבער
מיט שטורעם!

צום קאַמף און צום שטורעם!
אויב גאָט האָט פאַרבאָרגן זיין פּנים מיט צאָרן,
און ס'וועט אונז אין קאַמף ניט באַגלייטן זיין אָרון —
דאַן וועלן מיר אויסקומען אָן אים!
און אונטער זיין צאָרנדיק אויג, צום בליץ צו דעם שאַרפן,
די אייזערנע בערגוועגט צעברעכן, צעוואָרפן —
פאַרמעסטן זיך כחות מיט אונזערע שונאים!

האָרכט!
עס רייסט זיך דער מדבר אין פורכטבאַרן וואוט:
דאָס שרייט אונז דער שטורעם: פאַרלירט ניט דעם מוט!
צו שווערדן! צו שפּיזן! און זאָלן זיך ברעכן די בערג און די וואַלן,
אָדער — עס זאָלן דאָ מחנות׳ווייז אונזערע פּגרים אויספאַלן!
מיר מוזן אַריבער
דעם באַרג! — — —

און אויפגערעגט, גרויזאַם אין יענעם מאָמענט איז דער מדבר —
ווער קען אים באַזיגן?
און ס׳טראָגן אין שטורעם זיך קולות פון שרעקן און פּיינלעכע זיפצן.
ניט אַנדערש —
דער מדבר באַהאַלט אין זיך שרעקלעכעס עפּעס,
אַ ביטערן גרויזאַמען סוד און אַ שווערן.

פאַרביי איז דער שטורעם. און ריין ווערט דער מדבר און לויטער, באַרואיגט.
עס בלאַנקען און גלאַנצן די הימלען און גרויס איז די שטילקייט.
אַראַבער־קאַראַוואַנען וואָס ס׳האָט זיי דער שטורעם פאַרכאַפּט דאָ
הויבן זיך אויף פון די קני און זיי דאַנקען אַללאַ פאַר זיין חסד —
נאָר דאָ ליגן פּונקט ווי געוועזן די הונדערטער טויזנטער ריזן,
און עפּעס אַ ליכט איז אויף זייערע לייבן־געזיכטער צעגאָסן:
דער טויט האָט זיי שלום־געמאַכט אויך מיט גאָט!
און קיינער נישט ווייס מער דעם פּלאַץ וואו עס זיינען געפאַלן די העלדן —
עס האָט זיי דער שטורעם מיט ריזיגע זאַמדבערג פאַרשלאָסן.
נאָר ס׳טרעפט, אַז אַ רייטער אַ יונגער רייסט אָפּ זיך פון מחנה
צעהיצט זיין הייס־קאָכיגן פערד און ער לאָזט זיך אין זאַמד־ים,
ווי צוגעקלעפּט זיצט ער אין זאָטל און פליט ווי אַ פויגל.
ער שליידערט זיין שפּיז און ער כאַפּט אים צוריק אין זיין פליען,
און, ס׳דוכט זיך, אַזוי ווי אַ בליץ וואָלט פאַר אים זיך געטראָגן.
און ער — אָטאָ כאַפּט ער אים אָן, אָט באַפרייט ער אים ווידער.
אָט ווערט ער פאַרשוואונדן, און ס׳זעצט אויס דאָס פערד און פאַרטראָגט אים
אַרויף אויף אַ שפּיציקן פעלזן, אין וואָלקן — און פּלוצים
הויבט אויף זיך דאָס פערד און עס ציט זיך אין מורא צוריקוועגס.

דער רייטער בלייבט זיצן פֿאַרוואונדערט, פֿאַרשטעלט זיך די אויגן, פֿאַרקוקט זיך,
און קירעווועט פּלוצים זיין פערד אויס און פליט ווי אַ פייל פונם בויגן,
און ס׳ליגט אויף זיין פּנים אַ געטלעכע מורא צעגאָסן.
ער יאָגט אָן זיין מחנה, פֿאַרטרויט זיי, וואָס ער האָט געזען ערשט,
עס הערן אַראַבער און שווייגן און קוקן זיך איבער פֿאַרוואונדערט,
וואַרטן וואָס וועט אויף דעם זאָגן דער זקן פון זייער חבורה.
עס הויבט אָן געלאָסן דער אַלטער: דו גלויביגער, לויב אַללאַ׳ס נאָמען,
איך שווער ביי דער באָרד פונם נביא, דאָס זיינען די טויטע פון מדבר.
געוועזן איז אַ געטלעכע מחנה, אַ דור פון גבורים, אַן אוראַלטער שבט,
און שטאַרק איז געוועזן דער שבט און האַרט ווי די פעלזן פון מדבר.
זיי האָבן דערביטערט זייער נביא, און גאָט בייז־דערצאָרנט —
האָט גאָט אין די בערג זיי פֿאַרשלאָסן, פֿאַרשלעפערט אויף אייביג.
און גאָט האָט דעם מדבר פֿאַרזאָגט זיי צו היטן צום אייביגן זכר,
אַללאַ זאָל די גלויביגע היטן, זיי נישט צו באַרירן!
ס׳האָט איינער אַמאָל בלויז איין פֿאָדים פון זייערס אַ בגד גענומען
און אָפּגעדאַרט האָט אים זיין גוף, ביז ער האָט עס צוריק אָפּגעגעבן.
דאָס זיינען די אבות פון „פאָלק פון דער שריפט״ . . .

אַזוי ענדיגט דער זקן,
און ס׳הערן פֿאַרטראַכט די אַראַבער אין געטלעכער מורא,
טרעטן פּאַמעלעך ביים זייט פון די קעמלען מיט משא באַלאָדן.
עס גלאַנצן נאָך לאַנג פון דער ווייטן די ווייסע טורבאַנען,
און ס׳וויגן זיך לאַנגזאַם די קעמלען און שווינדן אין ליכטיגער ווייטקייט,
פֿאַרטראָגן אויף זייערע הויקערס נאָך איינע, אַן אַלטע לעגענדע.
און ווידער איז שטיל ווי געוועזן, און ווידער בלייבט איינזאַם דער מדבר.

צו אחד-העמ'ען

(געשריבן צו זיין 50 יעריגן יובילײ)

אין מזל וואָס האָט ניט קיין נאָמען, צווישן רואינען פאַרלאָרן —
מיר זיינען בני־זקונים געקומען צום פאָלק אויף די עלטערע יאָרן.
דערצויגן פון יוגנט אויף קברים און שאָטן־געוועבן —
מיט יעטווידן גליד זיך געצאַפּלט, געריסן, צום ליכט פונם לעבן.
און איטלאַכער איינער פון אונז מיט גאָטס ליכט אין זיין האַרצן
געגאַנגען איז זוכן זיין ליכטיגן שטערן אין הימל אין שוואַרצן.
געווען איז פאַרמישט יעדע גרענעץ אין צייט פון דעם תהו־ובהו:
פון עלטער און יוגנט, פון אָנהייב און סוף, פון צעשטערן און בויען.
און מיר, פון דער איבערגאַנגסצייט, אין באַוואוסטזיין צי ניט,
מיר האָבן זיך שטיל פאַר די צווייאיגע כוחות געבוקט און געקניט.
און הענגענדיג צווישן די דאָזיגע שטאַרקע מאַגנעטן
האָט איטלעך געפיל פונם האַרץ זיך אַ נביא געבעטן:
אַ נביא פון אמת זאָל קומען, דאָס האַרץ אונז באַרירן,
און אָנצינדן איבער די קעפּ אונז זיין ליכטיגן שטערן, און פירן.
זיין גייסט זאָל דער קוואַל זיין פאַר אונזערע אַלע פאַרלאַנגען
וואָס זיינען ווי חלומות נישט־קלאָרע געלעגן אין נעבל פאַרהאַנגען.
און ווען אונזער בליק האָט אין פינסטערן וואָלקן פאַרשטעקט זיך,
און מיר, די פאַרצווייפלטע, האָבן געבלאָנדזשעט אָן גלויבן,
געשטאַנען פאַרווירט אויפן שיידוועג: וואו גייט מען? — געפרעגט זיך —
האָט אויפגעלויכט, לערער, דיין שטערן, געוואונקען פון אויבן;
פון נעבל אַרויס אונז גערופן, געצויגן, פאַרנומען —
און מיר זיינען אונטער דיין שטערן צוזאַמען געקומען.

און זינט ס'האָט דיין ליכט איבער אונזערע קעפּ זיך צעגאָסן —
האָבן מיר דיך געזען, ווי דעם מלאך פון אמת, אַנטשלאָסן,
אַ גבור פון גייסט, מיט אַ ריינעם געוויסן, באַשיידן
גלויבט אין זיין אייגענעם אמת, נישט אָפּהענגיג קיינמאָל פון צווייטן.

טרעט אין זיין אייגענעם וועג זיך, קלאָראויגיג און פעסט,
טראָגט אין זיין האַרצן גאָטס פלאַם, אין די איניגסטע ווינקלען,
דער שומר פון גאָטס לעצטן פונק, אין דער טיפקייט פאַרפרעסט.
געזעגן דיך, אַזוי ווי אַ שטערן צענטראַלן, וואָס לויכט און טוט פינקלען,
און ציט צו זיין ליכט צו אַרום זיך פּלאַנעטן-באַגלייטער,
וואָס צווינגט זיי מיט כח פון וויטן און שלעפּט אין זיין קרייז זיי אַריין;
און ס'טרעפט זיך, אַז עמיץ קוקט אין זיך אַריין — דאַן פאַרשטייט ער,
אַז פיל פון זיין ליכט איז פון דיר און דורך דיר — און ס'איז דיין.

נעם צו אונזער ברכה, אַ לערער, נעם צו אונזער ברכה געלייטערט,
פאַר אַלץ וואָס מיר האָבן געלערנט, און וועלן נאָך לערנען זיך ווייטער.
די ברכה — פון יאָרן געוואָרעמט אין האַרץ און געדאַנק,
וואָס קומט איצט אַ קלאָרע פון דאָרטן און זאָגט דיר: „אַ דאַנק!"
נעם צו אונזער ברכה פאַר איטלעכן ליכטיגן קערן,
וואָס דו האָסט אין חרוב'ן האַרצן פאַרזייט כדי אים צו באַלעבן.
מיר האָבן געלערנט אַ סך, און אַ סך וואָס מיר טוען באַגערן
האָסטו עס געפונען פאַר אונז, און אין האַנט אונז געגעבן.
און אויב עס פאַרלויפט זיך אין אונזערע דורות, אַז ס'טוט זיך אַנטדעקן
די שכינה, צו איינעם פון פאָלק, העל צעשטראַלט מיט נחמה —
דאַן האָט זי אין קיינעם אַזוי ניט געלאָזט זיך אַנטפּלעקן
ווי זי האָט אַנטפּלעקט זיך אין דיר, דורך דיין גרויסער נשמה.

ניט גרויס איז דיין חיל, אַ לערער — און דאָך, אונזער כח איז גרויס!
דיין פּנים דיין ליכטיגס וועט פירן אין קאַמף אונז פאַרויס!
אויף וועגן אויף זיבן צעשפּרייט — וועט אונז זאַמלען דיין שטערן,
פון אומעטום וועלן זיך אונזערע הערצער צו דיין האַרץ זיך קערן,
אַזוי ווי צום הייליגן פלאַץ. און מיר האָפן און גלויבן,
אַז דער וואָס האָט איינמאָל „ניט דאָס איז דער וועג", געלאָזט הערן,
וועט געבן אין אונזערע הענט אַריין פייער-פאַקעלן
און האָפערדיג וועלן מיר אַלע צום רוף פון זיין שטים זיך צושטעלן,
און העכער, אַלץ העכער, די ליכטיגע פייערן הויבן:
באַווייזן פאַר אַלע וואָס בלאָנדזשען וועג־איין און וועג־אויס,
דעם וועג וואָס טוט פירן צום מזרח:

פאַרויס!

פאַראַיאָריגע רויזן

דו טוליעסט נאָך אַלץ צו דיין האַרצן מיט בענקשאַפט די שטאַמען
פון פאַראַיאָריגע רויזן ;
מיין טייערע, זע : אויף די בייטן און ביימער פון גאָרטן
אַ פרילינג אַ נייער טוט ברויזן.

און דאָס רידל גייט דורך, גראָבט אַריין זיך אין שוואַרצלעכן באָדן,
און ס׳ווערן געשניטן די בייטן ;
ס׳וועט דער פרילינג ניט זיין נאָך אַריבער — און שוין וועלן אויפגיין,
און קלעטערן בלומען אויף פלויטן.

און פון איין בוים צום אַנדערן טאַנצט איצט די שער פונם גערטנער,
די צווייגן די טויטע שניידט אונטער.
מיין טייערע, זע : צו דער ערד אַראָפּ פאַלן פאַרוועלקטע,
די געזונטע — צעבליען זיך מונטער.

צי הערסטו דעם זאַפטיגן ריח פון וואַקסן און בליען,
וואָס צעגיסט זיך אין פרוכטבאַרן שווייגן ?
דאָס געדייט איצט דער גאָרטן וואָס זויגט און וואָס זעטיגט, און לעבט
מיט גאָר זיינע טויזנטער צווייגן.

און פאַרנאַכטצו וועט קומען דעם גערטנערס שיין טעכטערל —
צענויפשאַרן וועט זי צוזאַמען
דעם אָפּפאַל פון שער — און ביינאַכט וועלן אויפגיין אין פייער
די פאַראַיאָריגע שטאַמען.

הימלען...

הימלען, שטעלט איין זיך פאַר מיר!
אויב גאָט איז פאַראַנען אין אייערע טיפן —
נאָר איך האָב אומזיסט אים גערופן —
טוט איר, הימלען, תפלה פאַר מיר!
מיין האַרץ איז שוין טויט, און פאַרשטומט איז מיין תפלה,
און שוואַך איז די האַנט, ס'איז קיין האָפנונג פאַראַנען —
ביז וואַנען, ווי לאַנג נאָך, ביז וואַנען?

דו תליון, דאָ האָסטו מיין האַלז — קום שעכט!
קעפּ ווי אַ הונט מיך — דו האָסט דאָך אַ האַק און אַן אָרעם!
אַ גאַלגאַן פאַר מיר איז די וועלט שוין פון יאָרן,
און מיר זיינען ווייניג — איז רעכט!
ס'איז הפקר מיין בלוט, ס'וועט דיך קיינער פאַרוואָרן —
הויב די האַק, זעץ אין קאָפּ, און זאָל שפּריצן דאָס בלוט,
בלוט פון יונג און פון אַלט אויף דיין העמד —
און זאָל קיינמאָל ניט אָפּגעווישט ווערן.

איז גערעכטיגקייט דאָ — זאָל זי ווייזן זיך באַלד —
נאָר אויב זי וועט נאָכדעם, ווי איך וועל פאַרשווינדן,
ערשט נעמען זיך צינדן —
צעשמעטערט זאָל ווערן איר טראָן פון געוואַלט!
דער הימל זאָל ווערן צעפּוילט און צענומען —
גייט ווייטער אַן, מערדער, מיט בלוט און רציחה —
און זאָל אייך דאָס בלוט וואויל־באַקומען!

און ווי איז צו יענעם וואָס זוכט גאָר: נקמה!
נקמה פאַר בלוט פון אַן עופה'לע קליין
נישט אויסגעטראַכט האָט נאָך דער טייוול אַליין —
זאָל גראָבן זיך ס'בלוט ביז די תהום'ען!
דאָס בלוט זאָל אין טיפעניש גראָבן זיך, שטראָמען,
און פרעסן אין חושך, און איינוואָרפן אונטן
די צעפּוילטע די ערדישע גרונטן!

מיט זונאויפגאַנג

שטייט אויף, הויבט זיך אויף אין די בערגער באַגינען
דעם לויטערן גאָלד צו געפינען.
זייט ערשטע צום זונליכט, און יעדער זאָל שעפּן
דאָס ליכט מיט נשמה און לעבן.
די פּראַכט פון פרימאָרגן דעם לויטערן, פרישן,
זאָל שטראָמען דורך אייך און זיך גיסן.
זאָל אַלץ וואָס איז אַלט און צעפוילט — זיך באַנייען,
פון שימל און שמוץ זיך באַפרייען!
דער ליכטיגער אוצר זאָל אָפּגעהיט ווערן,
כדי אייער האַרץ צו דערנערן!
אויב אָרים געקומען, מיט חובות באַלאָדן —
צוריק גייט איר רייך, ריין־געבאָדן!
צעפוילטע פון חושך, צעווייקטע פון נאַכט —
טוט תפלה פאַר ליכט און זיין פּראַכט!

און פרישע פון טוי און פון זון, אין דער נידער
קערט אום זיך צו אייערע ברידער;
זאָל ברודער צו ברודער, און פריינט צו דעם צווייטן
די בשורה פון ברייטקייט צעשפּרייטן.
פאַרזייט אַרום אייך אָט די ליכטיגע שטראַלן
זיי זאָלן אין האַרץ אַריין פאַלן;
דעם עלנטן ברודער אין פינסטערן קעלער
באַלייכטן זיין לעבן אים העלער;
וועט ציטערן ס׳ליכט אויף זיין האַרצן און טאַפּן,
און שטיל אויף זיין האַרצן זיך קלאַפּן:

„טו תפלה — עס גייט נישט קיין תפלה פאַרלאָרן,
עס איז נאָך קיין האָפנונג צערונען געוואָרן!"
דיין ברודער פון חושך וועט נעמען זיך וועקן,
צו שיין און צו זונליכט זיך שטרעקן!

נאָר אויב ס'איז אומזיסט אייער זוכן און שטרעבן —
פון גאָרנישט באַשאַפט אים אין לעבן!
האַקט אויס ליכט פון שטיין, פון גראַניט פון דעם שוואַרצן,
שעפּט ליכט פון דער טיפקייט פון האַרצן.
איך שווער, אויב דאָס ליכט וועט זיך איינמאָל אַנטפּלעקן —
דאַן וועט עס זיך קיינמאָל פאַרדעקן!
עס וועלן נאָך ברידער דאַן קומען מיט גלויבן,
די אויגן צו אייך אויפגעהויבן,
און לייגן אויף אייך זייער האָפנונג אַצינדער —
דאָס לאָזן ירושה פאַר קינדער.
איין דור וועט דעם צווייטן דאָס וואָרט איבערגעבן:
„נאָר אַרבעט, נאָר האָפנונג, נאָר לעבן!"
באַפרייט זיך פון נאַכטיגן חושך און שימל —
אַ ליכטיגע זון צינדט אין הימל!

ווינטער-לידער

א

אויפגעוועקט האָט היינט פון שלאָף מיך
פריע קעלט, אַ קרראַ פון ראָב —
און איך וויס נישט, וואָס איז פּלוצים
אַזאַ פרייד אויף מיר אַראָפּ.

ווער האָט דאָס געשענקט מיין האַרצן
אומגעריכט אַ גליק אַ נייס;
וואָרום איז מיין צימער פּלוצים
חנ׳עוודיג און בלוילעך-ווייס.

זע, אַ וועלדל! אויף די שויבן
וואַקסט עס פריש אין ווינטערפראַכט;
אויפגעבליט, ווי דורך אַ כישוף,
האָט מיין פענסטער איבער נאַכט.

סאָסנעס, דעמבעלעך געשניצטע,
און פון פּאַלמען דאָס געשטאַלט.
אַ גוט-מאָרגן, ווינטער בליאונג,
בראַוואָ, קליינער מילדער וואַלד.

און אַ קאַלטער גלאַנץ אַ קלאָרער
האָט מיין צימער פול געמאַכט;
ווי עס וואַלט אַראָפּ אַ מלאך
און עס אויסגעווייסט די נאַכט.

די „ווינטער-לידער" זיינען איבערזעצט געוואָרן צוזאַמען מיט ז. שניאור

ס'האָט דער ווינטער־גלאַנץ דער פרישער
די נשמה מיר באַנייט;
ווי עס וואָלט אַ ווייסער מלאך
זי פון פּיין און זינד באַפרייט.

ב

ס'האָט דאָס אייז באַדעקט מיין פענסטער
האָט די ליבע זון פאַרשטעלט;
נאָר אין מיטן האָט אַ פונק זיך
אָנגעצונדן און געקוועלט.

ס'האָט אַ גאָלדן מאָרגן־שד'ל,
זונענשטראַל און זונענשטויב —
אומגערן זיך דאָ פאַרפלאָנטערט,
אינם וועלדל אויף דער שויב.

און ער פלאַטערט דאָרט, דער שטיפער,
שמעלצט זיך, פלאָנטערט זיך אַלץ מער;
פלוצים גיט ער זיך אַ צאַפּל,
און עס ווערט פון אים אַ טרער.

באַלד — אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן —
ווידער איז די שויב קרישטאָל;
שפרינגט אַריין אַ חיל שטראַלן
און באַפאַלט מיך מיטאַמאָל.

זי, די זון, האָט פאַרט דערטאַפּט מיך,
טוז, אין שטוב — און שפרינג אַריין —
אויסגעשאָסן גלייך אין פנים
אַלע אירע שפּיזן שיין.

ווידער קוקט אַ טאָג אין פענסטער
אַזוי זיכער, קאַלט און העל;

ווידער פרענגט מיין האַרץ פון קרעפטן,
איך בין ווידער יונג — און קוועל.

ס׳ווערט מיין האַנט אַ פּלעצל אייזן,
און מיין אָרעם אָנגעשטאָלט;
כ׳וואָלט אַ לייב, מיר דוכט, צעריסן,
כ׳וואָלט אַ ריז אויף שטויב צעמאָלט.

ג

אויף דער שוועל האָט מיך באַגעגנט,
אָפּגעגאָסן אומגעריכט —
כליופּ אין פּנים — כ׳ווייס אַליין נישט
וויפיל שעפּל קאַלטע ליכט.

און איך ווייס נישט, וויפיל זונען
האָבן גאָלד אויף מיר געשפּריצט —
ווייט האָט זיך אַנטבלויזט גאָטס וועלטל,
און מיט חוצפּה זיך צעבליצט.

וואו נאָר ס׳קען דאָס אויג דערגרייכן
גלאַנצט די וועלט און שעמערירט;
אויסגעשאָטן מיט בריליאַנטן
און מיט דימענטן פּאַרצירט.

ס׳איז דער פראָסט אַליין דער מושל
שטאַרק און קרעפטיג איז דער ריז —
ס׳דינען קעלט און שיין צוזאַמען:
די מיט נאָדל, דער מיט שפּיז.

אַ באַפעל, זעט אויס, אַ שטרענגער
דורכגעגאַנגען איז די נאַכט:
„ווייס זאָל ווערן, זאָל זיין יום־טוב,
צירט אייך אויס אין שענסטער פּראַכט!”

און עס האָט אַ שניי אַ פרישער,
ערשט פון הימל, שפּאָגל־ניי,
גיך פאַרשאָטן וואו אַ גריבל,
וואו אַ פּלויט פאַרדעקט דערביי.

און עס האָבן מירמל־ווייסקייט,
גאָלד און זילבער און קרישטאָל
זיך צעוואָרפן און צעשאָטן
און צעשפּילט זיך מיטאַמאָל.

קלאָרע ליילעכער צעוויקלט —
אויסגעבעט די גאַנצע שטאָט ;
זילבער־קייטלעך אָנגעהאַנגען
אויף דעם טעלעגראַפן־דראָט.

טישטעכער געשפּרייט אויף דעכער
מיט קרישטאָל'נע פרענדז באַצירט —
גאָטס אַ גרויסער ווייסער יום־טוב
איז געקומען — און רעגירט.

און די ווייסקייט בלענדט און צויבערט —
אין דער הויך, פון אויג פאַרשטעלט,
פלעכט אַ האַנט פון גינגאָלד־פעדים
טויזנט קרוינען גאָר דער וועלט.

שטייט אַ דעמב באַזעצט מיט פויגלען,
דורך באַגלאָזט, דורך בליץ און בלאַנק —
טוט פאַרהילכן דעם פרימאָרגן
מיט אַן איידל גלאָז־געקלאַנג.

ד

העי, צעשפּיל דיך, פראָסט, מיט וואוט,
פלאַקער, שטעך און ברען און גלוט !

גיס דיין שטאָל אין האַרץ ביי מיר,
אויף מיין וואָנס דעם הויך באַפּריר !

און באַשמיד מיין ברוסט מיט אייזן —
טאָמער וועט זי זיך צערייסן

פון פיל גבורה און פיל וואוט,
הוליע, פראָסט און ברען און גלוט !

שטרענג די מוסקלען אָן ווי שטריק,
און מיין הויך אין האַלז פאַרשטיק.

פינקל, שטראַל, און שעמעריר —
וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער פריר !

ה

ציט אַ רויך זיך פון די קוימענס
קרויזט זיך רואיג און באַזאָכט ;
אויף דעם ווייסן שניי די ראָבן —
לעבעדיגע שטיקלעך נאַכט.

שריק־שראַק, שריק־שראַק — קריצט דער שניי דאָרט,
און פון אַלע זייטן גאַס
גייט אַ קלאַנג אָן ווי פון מעסערס,
וועלכע שאַרפן זיך מיט כעס.

ווי אַ שווערד־געקלאַנג אין לאַגער
אומעטום נאָר קריצט און קראַכט —
פון דעם שניי וואָס ווערט צעטראָטן
אונטער טריט מיט פעסטער מאַכט.

ס'זיינען מאָרגן־טריט וואָס קריצן
פול מיט לעבן, פריידן פיל.

ס'פליען פערד — די נעזער פאַרן,
ס'קלינגען גלעקלעך: ציל־ציל־ציל.

פורפור־נעצן, בלויע נעצן,
פיס געטאַקט און העלזער — רונד,
וואַרפן, שפּריצן שניי־ראַקעטן
פליען דורך — און זיי געזונט.

ס'וויזן זיך נאָר אין דעם שטורעם
וועלכער טראָגט הין און צוריק —
ראָזע, פלאַמיגע געזיכטער
אָנגעצונדענע פון גליק.

ס'טראָגט זיי, ווי מיט ווילדע רוחות
ווייט אַוועק דאָרט, פּאָר נאָך פּאָר —
ווייט, וואו ס'וואַקסט דער ווייסער פעפער,
העט צו'ן אַלדע ווייסע יאָר.

פונקט ווי ס'וואָלט איין ווילדער חשק
אָנגעכאַפּט זיי: מיט אַמאָל
אין איין אָטעם איבערפליען
שטאָט און פעלד און באַרג און טאָל.

הפקר, הפקר! אַלץ איז הפקר!
העי, דו קוטשער, טראָג געשווינט —
וואַרף אַריין מיך אין דעם וויכער,
און צעבלאָז מיך אויפן ווינט!

טראָג, פאַרטראָג! וואוהין? ניט פרעג מיך.
איינס איז אַלץ מיר! וואו נאָר ס'גליט
בלויז אַ פונק פון פרייד און לעבן,
און אַ טראָפּן בלוט נאָר זידט.

יאָ, איך בין אַ ישיבה־בחור,
ס'איז ווי קרייד מיין פּנים ווייס ;
נאָר אין זיך פאַרבאָרג איך קרעפטן
אונטער דיקן פאַנצער אייז.

און מיין אייז — עס שמעקט מיט פרילינג
וואָס איז פול מיט פּראַכט און לוסט.
אַזאַ נייעם פרישן פרילינג
האָט קיין מענטש נאָך ניט געוואוסט.

וואָס־זשע ברומט איר טעלעגראַף־דראָטן
אַזוי אומעטיג און קאַלט —
ס'רוישט אין האַרץ אַ שטראָם פון לעבן
ס'זינגט דאָס בלוט אין מיר און שאַלט !

העי, אַוועק די מרה־שחורה —
זע, ווי ס'איז די וועלט פאַרצירט.
כ'וויל דעם לעבנס־כוס איצט טרינקען,
איידער ס'האָט אים ווער באַרירט.

ביז צום גרונט וויל איך אויסטרינקען
מיט איין זופּ דעם גאַנצן כוס ;
כ'וויל צעגיסן היץ און יוגנט
אָן אַ חשבון, אָן אַ מאָס.

ווען דאָס האַרץ וועט ווערן ליידיג,
אויסגעטריקנט, פּוסט און קאַלט —
טראָג מיך, ברענג הינטער דער שטאָט ווייט —
דאָרטן וואַרט אַ טיפער וואַלד.

שטייען שטאָלץ דאָרט הויכע סאָסנעס
ווי די זיילן אין אַ שלאָס.

אַלץ איז גרייט און ריין — מען ווייס נישט
צוליב וועמען, צוליב וואָס.

ס׳שטייט דער וואַלד פאַרקלערט, פאַרזונקען
אין אַ טיפן ווייסן סוד.
אויף אַן אומבאַפלעקט מזבח
דעמפט ער ווייסן שניי צו גאָט,

קלאָרן שניי נאָך אומבאַרירטן.
כ׳ווייס אין יענעם וואַלד אַן אָרט,
שטעקט דאָרט ערגעץ אַ קאָוואַדלע,
און אַ האַמער ליגט אויך דאָרט.

רייס איך דאַן פון ברוסט מיין האַרץ אויס,
ווי אַ שווערד באַדעקט מיט ראָסט,
פון איר שייד . . . און לייג אויף שטאָל דאָס
און צעגלי דאָס אויפן פראָסט.

און כ׳וועל שמידן מיטן האַמער:
קלאַפּ און קלאַפּ! זיי שטאַרק און פעסט!
און עס וועט פון וואַלד דער אָפּקלאַנג
ענטפערן: אָמן, שטאַרק און פעסט.

און מיין האַרץ ווערט פול מיט קרעפטן
וואָס ס׳האָט קיינמאָל נישט געוואוסט —
שטאַרקער, מוטיגער ווי פריער
וועט עס קלאַפּן אין מיין ברוסט.

נאָך מיין טויט

נאָך מיין טויט — באַוויינט מיך אַט אַזוי :
ס'איז געווען אַ מענטש — און ניטאָ אים מער,
פאַר דער צייט איז ער, דער מענטש, געשטאָרבן,
און זיין לעבנסבליד איז אָפּגעהאַקט אין מיטן —
און ווי, ער האָט דאָך נאָך אַ ליד געהאַט,
און פאַרלוירן איז דאָס ליד אויף אייביג,
פאַרלוירן אויף אייביג.

און ס'איז אַ שאָד!
דער מענטש האָט דאָך אַ האַרץ געהאַט,
אַ לעבעדיגע רעדעווידיגע נשמה.
ווען דער זינגער פלעגט מיט איר זיך דורכריידן,
פלעגט ער אַלע סודות זיינע אויסדערציילן;
ס'האָט זיין האַנט די סטרונעס אַלע אויפגערירט,
האָט איין סוד אין זיך נאָר באַהאַלטן טיף,
אַרום־אַרום דעם סוד דעם דאָזיגן
האָבן די פינגער זיינע אומגעציטערט;
און איין סטרונע בלויז איז פאַרבליבן שטום,
איז פאַרבליבן שטום ביז אויף היינט־צו־טאָג.

איך דאָס שאָדן גרויס, אוי, זייער גרויס!
ס'האָט איר לעבנלאַנג די סטרונע זיך גערירט,
און געציטערט שטיל, און געפלאַטערט שטיל,
נאָך דעם ליד אירן, נאָך איר אויסלייזער,
אַלץ געגאַרט, געוואַרט, אַלץ געשמאַכט, געבענקט,
ווי עס בענקט אַ האַרץ נאָך באַשערטן האַרץ;
האָט דאָס ליד פאַרזאַמט זיך — האָט זי אַלץ געוואַרט,

מיט אַ שטיל געבּרום אַלץ געוואַרט אויף אים.
און פאַרזאַמט האָט זיך דאָס ליד און נישט געקומען —
נישט געקומען!

אין דער ווייטאָג גרויס, אוי, זייער גרויס!
ס'איז געווען אַ מענטש — און ניטאָ אים מער,
און זיין לעבנסליד איז אָפּגעהאַקט אין מיטן.
און, ווי, ער האָט דאָך נאָך איין ליד געהאַט —
און פאַרלוירן איז דאָס ליד אויף אייביג.
פאַרלוירן אויף אייביג.

אַ וואָרט

די פייערקויל פון דיין מזבח, נעם פאַרוואָרף, דו נביא,
און לאָז זי פאַר די מנובלים איבער:
זיי זאָלן האָבן פייער אויף צו קאָכן און צו בראָטן,
די הענט זייערע צו וואַרעמען;
און וואַרף אַוועק דיין פונק פון האַרצן, אַז זיי זאָלן האָבן
מיט וואָס די ליולקע צו פאַררויכערן,
דאָס גנב'יש שמייכל וואָס באַהאַלט זיך אויף די ליפּן,
דעם ליגן אין די אויגן זייערע באַלייכטן.
אָט גייען זיי די פיינע לייט, אָט קומען זיי אַנטקעגן —
די תפלה וואָס דו האָסט געלערנט זיי אויף זייערע ליפּן,
זיי ווייטאָגן דיין ווייטאָג, האָפן מיט דיין האָפנונג —
און וואַרטן אויף דעם חורבן בלויז פון דיין מזבח;
זיי וועלן זיך אַ לאָז טאָן דאַן, זיך נישטערן אין הויפן אַש,
צעשלעפּן זיינע שטיינער די צעבראָכענע,
פאַרטאָן זיי אין דעם דיל פון הויז, אין פּלויט פון זייער גאָרטן,
מצבות אויפשטעלן אויף טאָטעס קברים —
און וועלן זיי אין אַש געפינען דיין צע'שרפה'ט האַרץ —
דאַן וועלן זיי עס וואַרפן פאַר די הינט.

צעשליידער אין פאַראַכטונג דיין מזבח מיטן פוס —
און זאָל ער אויף זיין רויך און פייער זיך צעשיטן.
וויש אָפּ מיט איין מאַך פון דער האַנט די שפּינוועבספּעדים
וואָס האָבן זיך ווי פידל־סטרונעס אָנגעצויגן אין דיין האַרצן,
און האָסט געוועבט פון זיי אַ ליד פון אויפלעבונג און הילף —
נביאות פאַלשע און באַטרוג בלויז פאַרן אויער —
צעטרייב זיי אויפן ווינט, זיי זאָלן קלאָר, צעריסן, אומשוועבן
אין קלאָרן, אין סוף־זומערדיגן טאָג,

אײַן זילבערפּאַדים זאָל דעם צװײטן נישט געפינען,
און אײַן געװעב דעם אַנדערן,
און זאָלן אין דעם ערשטן װינטערטאָג פאַרלױרן גײן.
און נעם דײַן האַמער אײַזערנעם, װאָס איז צעבראָכן שלאָגנדיק
אױף הערצער שטײנערנע אָן נוצן —
צעברעך אױף שטיק, צעשמעלץ אים אין אַ רידל,
און גראָב מיט אים פאַר אונז אַ קבר.
און װאָס גאָטס צאָרן װעט דיר לײגן אױף דער צונג—דאָס שעלט,
און זאָל דײַן ליפּ נישט ציטערן.
און זאָל דײַן װאָרט זײַן ביטער װי דער טױט, דער טױט אַלײן —
מיר װילן הערן און מיר װילן װיסן.
זע, ס'האָט אונז צוגעדעקט די נאַכט, דער חושך האָט אונז אײַנגעהילט,
און װי די בלינדע טאַפּן מיר.
געשען איז עפּעס װאָס בײַ אונז — און קײנער װײס נישט,
קײן אײנער װײס נישט, און קײן אײנער זאָגט נישט,
צי עס האָט אױפגעשײַנט אַ זון, צי איז זי שױן פאַרגאַנגען —
און צי זי איז פאַרגאַנגען שױן אױף אײביג.
ס'איז גרױס דער חורבן אַרום אונז, און שװידערלעך דער חורבן,
און ס'איז קײן רעטונג נישט פאַראַנען.
און אַז מיר שרײַען אין דער פינסטערניש און בעטן —
איז װעמעס אױער װעט אונז אױסהערן ?
און אַז מיר שעלטן אױס אַ שװערע שװידערלעכע קללה —
אױף װעמעס קאָפּ װעט זי דען פאַלן ?
און אַז מיר קריצן מיט די צײן און בײלן אָן אַ פױסט —
אױף װעמעס קאַרק װעט זי דען נידערן ?
די פּוסטקײט װעט פאַרשלינגען זײ, דער װינט צעטראָגן —
און װי זײ װעלן אונטערגײן — איז רעכט.
ניטאָ קײן שוץ, ס'איז אָפּגעלאָזט די האַנט און אױסגעלאָזט דער װעג,
און אַלע הימלען שװײַגן.
זײ װײסן װאױל, װי שװער זײ האָבן קעגן אונז געזינדיקט,
און טראָגן זײער שולד אין שטילשװײַגן.
דעריבער, עפן דו דײַן מױל, דו נביא פונם סוף,
און אױב דו האָסט אַ װאָרט צו זאָגן — זאָג !

און זאָל דאָס וואָרט זיין ביטער ווי דער טויט, דער טויט אַליין —
זאָג !
צו וואָס זיך שרעקן פאַרן טויט—אַז ס׳זיצט זיין מלאך רייטנדיג אויף אונז
און האַלט זיין צוים אונז אין די מיילער ;
מיט אויפלעבונג־געשרייען אויף די ליפּן און מיט פריילעכן געפילדער
דאָ טאַנצן מיר אין גרוב אַריין.

און אַז דער מלאך וועט פרעגן . . .

און אַז דער מלאך וועט פרעגן:
— מיין קינד, דיין נשמה וואו איז? —
פלי אַרויס אין דער וועלט און געפין זי, מיין מלאך!
אַ דאָרף אין דער וועלט איז פאַראַנען, אין וועלדער פאַרטרונקען,
דאָס דאָרף האָט אַ בלויען און ענדלאָזן הימל,
דער הימל פאַרמאָגט אַן איינאיינציגע טאָכטער:
אַ וואָלקנדל צאַרט, ווייס און קליין.
פלעגט אַ קינד זיך דאָרט שפּילן אין זומער־בייטאָגן,
אַ טרוימענדיק קינד און אַ צאַרטס, און איינאיינציגס —
און איך בין דאָס קינד געווען, מלאך.
איינמאָל האָט גע׳חלש׳ט די וועלט און געבליבן אַנטשוויגן,
און ס׳האָבן די אויגן פון קינד זיך געצויגן צום הימל,
האָט ער זי, דער צאַרטער און קלאָרער, דערזען —
איז זיין נשמה אַרויס, ווי אַ טויב פון איר שלאַג,
צום ליבינקן וואָלקנדל.
— און געוואָרן צעפלאָסן? —

אויך אַ זון אויף דער וועלט איז פאַראַנען, מיין מלאך —
אַ גאָלדיגער שטראַל האָט אויף איר זיך דערבאַרעמט,
האָט זי אויף די פליגל פון שיין אומגעפלאַטערט,
ווי אַ פויגל אַ ווייסער.
איינמאָל, אין פרימאָרגן, האָט זי אויף אַ שטראַל זיך געלאָזן
אַ טראָפּן פון טוי זוכן צווישן די גראָזן,
אַ לויטערע טרער אויף מיין באַק האָט געציטערט —
האָט דער שטראַל זיך אַ צאַפּל געטאָן אונטער איר
און ס׳האָט מיין נשמה אַרונטערגעגליטשט זיך,
און איז אין אַ טרער איינגעזונקען.

— און טרוקן געוואָרן? —

אָ נײן, אויף אַ בלאַט פון אַ הײליקער גמרא געפאַלן.
געהאַט האָט אָן אָפּגעניצט־אַלטע גמרא מײן זײדע —
מיט האָר פון זײן שנײ־װײסער באָרד אין די בלעטער,
מיט פסול'ע פעדים פון ציצית פון זײן ארבע־כנפות,
מיט פלעקן פאַרגעלבטע פון װאַקס און פון חלב —
אין דאָזיקער גמרא צװישן די אותיות די טויטע,
האָט אײנזאַם מײן נשמה געצאַפּלט.

— און געװאָרן דערװאָרגן? —

אָ נײן, האָט געצאַפּלט זיך דאָרט, און געזונגען, מײן מלאך.
אין די אותיות די טויטע האָבן לידער פון לעבן געקװאָלן,
און אין אַלמער פון ספרים דעם זײדנס, דאָרט זײנען
די אײביקע טויטע געקומען צום לעבן.
פאַרשײדענע זײנען די לידער געװען:
װעגן װאָלקנדל קלאָר װאָס שװעבט אום הין־און־הער,
װעגן גאָלדיקן שטראַל און דער לויטערער טרער,
װעגן פסול'ע ציצית און װאַקס־פלעקן טריבע —
בלויז אין ליד נישט געװאוסט, ס'ליד פון יוגנט און ליבע.
און געגאַרט און געװאַרט, און קײן טרײסט נישט געפונען,
געבליבן פאַר'חלש'ט און באַנג אויף צום שטאַרבן.
אײנמאָל, האָב איך אומגעזוכט דאָרט אין דער אַלטער גמרא —
איז מײן נשמה געװען שוין פאַרפלויגן.

און זי װאַנדערט נאָך אַלץ, טראָגט זיך איבער דער װעלט,
און זי בלאָנדזשעט און זוכט, קען קײן טרײסט נישט געפינען.
און אין אָנהויב פון חודש, אין נעכט פול מיט צניעות,
װען ס'טוט די װעלט תפלה, די לבנה זאָל װערן פאַרפולט —
דאַן קלאַפּט זי אָן שטיל אין דעם טויער פון ליבע,
און שלאָגט מיט איר פליגל און װײנט שטילערהײט,
איז מתפלל פאַר ליבע.

געוויס איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט . . .

געוויס איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט און האַרבע תוכחה,
וואָס איר זייט פאַלש צו אייער אייגן האַרצן.
איר זייט אויף יעדן וואָסער אייער טרער די הייליגע
און הענגט זי אָן אויף יעדן פאַלשן שטראַל.
איר גיסט אויס אייער גייסט אין יעדן פרעמדן מירמל,
אין פרעמדן שטיין פאַרזינקט איר אייער זעל.
און ווען עס בלוטיגט אייער ליב אין אייער שונא׳ס ציינער,
דערלאַנגט איר זיי די נשמה אייערע צו שלינגען.
איר בויט פּאַלאַצן, איר בויט שטעט פאַר אייערע האַסער,
און מויערט איין די קינדער אייערע פאַר ציגל;
און ווען עס שרייט אַרויס צו אייך די נשמה זייערע
אַרויס פון פרעמדע שטיינער און פון העלצער —
פאַלט טויב זייער געשריי אויף אייער אויער.
און אַז עס פּיקט זיך אויס אַמאָל פון זיי אַן אָדלער —
פאַרטרייבט איר אים פון אייער נעסט אויף אייביג.
און אַז ער שניידט זיך מעכטיג, זונדורשטיג אין הויכקייט —
איז ניט צו אייך ברענגט ער דאָס ליכט אַרונטער;
און אַז ער שפּאַלט דורך וואָלקנס, לייגט זיין וועג צו זונען —
איז ניט אויף אייך גליטשט זיך דער שטראַל אַרונטער;
וויט־ווייט, אויף פעלזנשפּיצן, הילכט זיין אויסגעשריי —
און ס׳טוט זיין ווידערקלאַנג אייך ניט דערגרייכן.
אַזוי פאַרלירט איר איינציגווייז די בעסטע אייערע,
ביז איר ועט איבערבלייבן עלנט.
און אָפּגעטאָן וועט ווערן פּראַכט פון אייער וואוינונג,
און וויסט און אָרעם וועט פאַרבלייבן אייער צעלט —
גאָט׳ס חסד וועט מער אויף זיין שוועל זיך ניט באַווייזן,

און פרייד וועט אויף זיין פענסטער מער ניט קלאַפּן.
איר'ט קומען צו דער חורבה תפלה טאָן, און וועט נישט קענען,
אַ טרער פון טרייסט זוכן — און נישט געפינען.
דאָס האַרץ איז טרוקן, ווי אַ הענגל אויסגעפּרעסטע טרויבן,
פאַרוואָרפן אין אַ ווינקל פון דעם קעלטער —
פון וועלכן קענסט ניט אויסדריקן דעם מינדסטן טראָפּן
אויף צו דערכאַפּן און דערקוויקן ס'האַרץ.
און טאַפּן וועט איר דאַן די שטיינער פון דער חורבה —
נאָר, וויי, ווי אויסגעלאָשן־קאַלט זיינען די שטיינער,
די קאַץ בלויז גריבלט זיך און קלאָגט אין קאַלטן אַש.
און איר וועט בלייבן וויסטע עלנטע אבלים:
די קעלט די אייביק־גרויזאַמע אין דרויסן,
און אַש און שטויב אין אייער האַרצן איבוויייניג;
מיט אויגן אויף די טויטע פליגן וואָס אין פענסטער,
און אויף די שפּינעץ אין די וויסטע ווינקלען.
דער דלות וועט אויף אייך אין קוימען וויינען,
און ס'וועלן ציטערן פון קעלט די ווענט פון חורבה.

די שלאַנגען רופט . . .

די שלאַנגען רופט, זיי זאָלן אייער צאָרן אין עק וועלט פאַרנעמען.

איר ליגט פאַרוואָרפן אין אַ מדבר, צוגעשמידט צום טויטן פעלזן,
עס שפּרייט זיך וויסטעניש אַרום אייך און גאָט׳ס שטומע קללה ;
און אָפּגעריסן פון דער ערד האָט איר דעם ריח פון דער מאַמע־ערד פאַרגעסן,
פאַרגעסן, ווי זעט אויס דאָס גראָז, זיין ריח נאָכן רעגן,
וואו ליגט די גבורה פון אַ וואַלד, ווי קלינגען שטראָמען־וואַסערן —
דעם שאָטן פונם בוים פון לעבן, וועלכער גרינט און בליט ביז אייביג.
און ווען די לעצטע ברעקלעך, קערלעך פון נשמה זיינען אויסגעגאַנגען —
האָט איר געקייט דעם שטיין, געלעקט דעם פעלז דעם טרוקענעם אין דורשט.
אַ שלאַנגען־צישן אייער תפלה, וויסטער מדבר אייער האָפן.
ביז מיד געוואָרן אייער אויג צו קוקן אין דער נאַקעטקייט פון ערד און הימל,
וואו גאָרנישט איז פאַרבליבן אָפּצופרישן אייער האַרץ און אויגן,
וואו צאָרנדיג איז גאָט׳ס האַנט, זיין אויג איז קאַרג און שלעכט,
צו לאָזן ווען פאַרבלאַנדזשען דאָרט אַ וואַלקן, און אַ ווינטל פעכערן,
און ס׳וועלקט דאָס לעבן אייערס נאַקעט, וויסט און טרוקן, —
איר בעט אויף זיך דעם טויט, און שרייט אין די יסורים פונם לעבן.

די אַדלערס רופט, זיי זאָלן אייער ווייגעשריי פאַרטראָגן אין די וואָלקנס.

דערמאָנט געוואָרן איז דער מדבר אייערער מיט ווינט און וואָלקנס
פון עקן וועלט זיינען געקומען שלוחים מיט דער בשורה : אויפלעבונג !
אַ מחנה פולע פלינקע וואָלקנס — פרייד פאַר לעכצענדיגע אויגן,
זיי טראָגן אויפלעבונג פונוויטן — קוויקונג פאַרן דאָרשטיגן, פאַרשמאַכטן.
דער דונער דרעמלט טיף אין זייער שויס, און פאַרויס טאַנצן בליצן,
זיי טאַנצן, פלעכטן זיך אין זיגזאַגן אויף קעפּ פון פעלזן —
די וואָלקנס גרייכן שוין צו אייך, עס בליצט שוין אין די אויגן אייך,

דער דונער כאַפּט זיך אויף, צעשמעטערט זיך איבער די קעפּ אייך,
און אויפגעציטערט ווערט דער מדבר, אייער פעלז צעוויגט זיך,
איר כאַפּט זיך אויף פאַרטומלטע, דערשראָקענע, פאַרבלענדטע,
פון ליכט אין פינסטערניש געשליידערט, טונקט זיך אַפּ אין בײדע,
איר שטרעקט צום וואָלקן אויס די הענט, נאָך רעגן קוקן־אויס די אויגן —
נאָר די געבענשטע וואָלקנס ציען דורך, פאַרשווימען ווי געקומען,
געלאָזט פאַר אייך דעם דונער־קלאַנג, דעם רעגן פירן זיי וואו אַנדערש.
פאַרשמאַכטע מיט די שטיינער און די מדבר־דערנער בלייבט איר איבער
מיט וועלקנדיגער תפלה און אַ בייזער קללה אויף די ליפּן,
איר בעט אויף זיך דעם טויט און שימלט אין דעם זומפּ פון לעבן.

די וואָלקנס רופט, זיי זאָלן אייער טרויער אין דעם טיפן ים פאַרוואַרפן!

פון צער און צאָרן

איך ווייס, אין אַ נעבלדיגער נאַכט,
וועל איך זיך, ווי אַ שטערן, פּלוצים אויסלעשן —
און ס'וועט פון מיין קבר קיין שטערן ניט וויסן.
נאָר ס'וועט מיין צאָרן לאַנג זיך רויכערן נאָך מיר,
ווי ס'רויכערט זיך דער קראַטער פון וואולקאַן
דערנאָך ווי ס'איז זיין פייער אויסגעלאָשן —
און לעבן צווישן אייך כל־זמן דער דונער דונערט,
און כוואַליעס כוואַליען זיך אין אָקעאַנען.
ווי, וואָלט זיך אייער גרויסער טרויער איינקנעטן
אין שויס פון גאַנצער וועלט,
און אָנזאַפּן מיט זיך דעם הימל און די ערד —
שטערן און גראָזן —
און לעבן אין זיי און זיי רעגן,
זיך עלטערן מיט זיי, און זיך מיט זיי באַנייען,
פאַרוועלקן מיט זיי שטום און ווידער אויפבליען —
און אָן אַ נאָמען, אָן געשטאַלט, אָן היימאַטלאַנד,
אַן עדות זאָל ער זיין אויף אייער לייד ביז לעצטן דור;
און אָן אַ קול, אָן ווערטער, זאָל ער שרייען
צום הימל און צום גיהנום —
און אָפּהאַלטן די גאולה פון דער וועלט.
און אַז אין סוף פון טעג וועט אויפשיינען אַ פאַלשע זון
פון ליגנערשער גערעכטיגקייט,
באַלייכטנדיג די קברים פון הרוגים אייערע —
און, פאַלשע פּאָן, געוויקלט אין אייער בלוט, וועט חוצפה'דיג
אויף די קעפּ פון אייערע רוצחים פלאַטערן;
און גאָט'ס געפעלשטער זיגל אויף דער פּאָן פאַרקריצט
וועט אויסשטעכן די אויגן פון דער זון;

און טאַנץ פון גאווה'דיגע פיס, און יובל פון דעם פאַלשן יום־טוב,
זיי וועלן אויפרירן די ביינער הייליגע אין קברים —
וועט פלוצים ס'ליכט פון הימל נעמען ציטערן,
און ווערן שוואַרץ מיט אייער טרויער;
די זון וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פלעק פון אייער בלוט,
אַ קין־צייכן אויפן פנים פון דער וועלט, און שוואַכקייט־צייכן
פון גאָט'ס אָרעם דעם צעבראָכענעם.
אַ שטערן צו אַ שטערן וועט אַ ציטער טאָן:
דאָס איז דער גרויסער ליגן! ס'איז דער גרויסער טרויער!
און גאָט פון ראָכע, אַ פאַרוואונדעטער אין האַרצן,
ער וועט זיך אויפשטעלן און אַ געשריי טאָן, —
און מיט זיין גרויסן שווערד אַרויסגיין.

די מגילה פון פייער

א

א גאַנצע נאַכט האָבן געזאָדן פייערדיגע ים׳ען, און פייער־צונגען זיך געוואָרפן איבערן הר־הבית. שטערן האָבן געשפריצט פון די צע־ברענטע הימלען און פונקענווייז זיך געשאָטן אויף דער ערד. צי האָט גאָט זיין כסא־הכבוד אומגעוואָרפן און זיין קרוין צעשמעטערט אויף פיצלעך?

און שטיקער צעריסענע וואָלקנס, אַנגעזאַפּט פייער און בלוט, האָבן אין ברייטקייט פון נאַכט אומגעוואַנדערט, און פאַרציילט אין די ווייטע בערג דעם צאָרן פון אל־נקמות, און זיין גרימצאָרן צווישן די שפּיציגע פעלזן פון מדבר פאַרטרויט. צי האָט גאָט זיין פורפור־מאַנטל צעריסן, און זיינע שטיקער אויפן ווינט צעשפּרייט?

און אַ געטלעכע פורכט איז באַפאַלן די ווייטע בערג, און אַן אימה פון גאָט האָט פאַרכאַפּט די ברוגז־פאַרכמאַרעטע פעלזן פון מדבר: אל־נקמות, אל־נקמות! גאָט פון צאָרן און נקמה איז דערשינען!

אָט איז ער, דער גאָט פון נקמה און צאָרן! ער זיצט אויף אַ פייערדיגער שטול אַנטשלאָסן און פורכטבאַר אין האַרצן פון די פלאַמיגע ים׳ען. זיין מאַנטל — אַ פורפורנער העלישער פלאַם, און זיין פוסבענקל — גליאיגע גלוטיגע קוילן. עס האָבן פאַרכאַפּט אים די גרויזאַמע גיהנום׳דיגע פייער־טענץ, און געדרייט זיך אַרום אים. איבער זיין קאָפּ וואַרפט זיך שטורעמ־דיג דאָס פייער, שלינגענדיג דורשטיג דעם חלל פון וועלט. און ער זיצט אַנטשלאָסן און פורכטבאַר, די הענט פעסט פאַרלייגט אויפן האַרצן. מיטן בליק פון זיין אויג מאַכט ער גרעסער דעם פייער, מאַכט טיפער דעם גיהנום׳שן בראַנד מיט אַ צוק פון די פאַרצאָרנטע ברעמען. הוי, זאָל גלוטיגער הוליען דער העלישער פלאַם! זאָל זיך אַלץ ווילדער צעשפּילן דער גרויזאַמער טייוולשער טאַנץ!

אוּן אַז דער פריאיגער מאָרגן האָט אַ שפּראָץ געטאָן אויף די הויכע בערג, און בלאָס־בלוילאַכע נעבלס האָבן איבער די טאָלן זיך אַריבערגעצויגן — זייַנען שטיל געוואָרן די פייערדיגע ים׳ען, און פאַרשטיקט די פלאַמענצונגען פון געטלעכן היכל אויפן הר־הבית.

אוּן אַז די מלאכי־השרת האָבן, ווי זייער שטייגער איז יעדן פרימאָרגן, זיך כתות׳ווייז צונויפגעקליבן זאָגן שירה, האָבן אויפגעעפנט די פענסטער פון הימל און אַרויסגעשטרעקט די קעפּ צום הר־הבית — זען, צי עס זייַנען שוין אָפּן די טויערן פון היכל, און צי עס גייט שוין אויף צום הימל דער רויך פון דעם קטורת?

האָבן זיי דערזען ווי גאָט־צבאות, דער אוראַלטער גאָט־צבאות, זיצט אין מאָרגן־דעמערונג אויף די חורבות. זייַן הילע — וואָלקנס רויך, און זייַן פוסבענקל — שטויב און אַש. זייַן קאָפּ אַראָפּגעוואויגן אונטער בערג פון טרויער צווישן זייַנע אָרעמס. שווייגנדיג זיצט ער און קוקט אויף די חורבות. דער צאָרן און טרויער פון טויזנטער וועלטן האָבן פאַרפינסטערט זייַן פּנים, און אין די אויגן איז פאַרגליווערט געוואָרן די גרויסע, די אייביגע שטילקייט.

אוּן דער הר־הבית האָט זיך נאָך אינגאַנצן געריכערט. בערגלעך אַש, גליענדיגע האָלאָוועשקעס, הויפנס ברענענדיגע קוילן, האָבן געפינקלט און געגלאַנצט ווי דימענט־שטיינער אין דער שטילקייט פון פרימאָרגן.

אוּן דער פייערדיגער לייב, וואָס פלעגט תמיד, טאָג ווי נאַכט, ליגן אויפן מזבח — איז אויך אויסגעלאָשן געוואָרן. נאָר איינאיינציגער פאַר׳יתומ׳טער לאָק פון זייַן גריווע האָט געריכערט נאָך, געציטערט און גע׳גוסס׳ט אויף דעם הויפן צעברענטע שטיינער אין דער שטילקייט פון פרימאָרגן.

אוּן די מלאכי־השרת האָבן פאַרשטאַנען וואָס גאָט האָט געטאָן, און זייַנען פאַרציטערט געוואָרן, און אַלע מאָרגענשטערן האָבן מיט זיי צוזאַמען מיטגעציטערט. און די מלאכים האָבן פאַרשטעלט די פּנים׳ער מיט די פליגלען, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צוצוזען גאָטס צער.

אוּן זייער שירה אין יענעם טאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינה, אין אַ שטילן רחמנות׳דיגן געוויין. שטיל האָבן זיי זיך אָפּגעזונדערט, יעדער מלאך פאַר זיך, און געוויינט. און די גאַנצע וועלט האָט מיט זיי אינאיינעם מיטגעוויינט.

און אַ שטילער זיפץ, אַ ווייטאָגלעכער זיפץ, האָט פון עק וועלט אַרויסגע־בראָכן, פאַרשפּרייט זיך איבער דער וועלט, און אָן שטילן געוויין זיך אָנגע־שלאָגן. און דאָס האַרץ פון דער וועלט איז געוואָרן צעבראָכן, און גאָט האָט זיך מער ניט געקענט באַהערשן. ער האָט דערוואַכט, אַ געשריי געטאָן ווי אַ לייב, און פאַרבראָכן די הענט. און די שכינה האָט זיך באַהאַלטן אין איר פאַרבאָרגעניש.

ג

און דער מאָרגנשטערן האָט געשיינט אין זיין אומשולדיגן טרויער איבערן הר־הבית. פון טיפן בלויען הימל האָט ער אויף די חורבות אַראָפּגעקוקט, און זיינע זילבערנע ברעמען האָבן שטיל געציטערט.

און אַ יונגער מלאך מיט פאַרבענקטע אויגן און קלאָרע פליגל, וואָס היט די פּערל־טרערן פון שטומען טרויערבעכער — האָט פון מאָרגנשטערן דערזען דעם פייערדיגן לאָק פון פייערדיגן לייב, ווי ער רויכערט און ציטערט און גוסס'ט צווישן די צעבראָכענע שטיינער פון הר־הבית.

און אויפגעציטערט האָט דעם מלאכ'ס האַרץ, און באַנג האָט אים געטאָן, אַז גאָטס לעצטע קויל זאָל פאַרלאָשן ווערן, אַז דאָס הייליגע פייער אויף דער ערד זאָל אויסגיין, און די לעצטע האָפנונג פון גאָטס פאָלק זאָל אויף אייביג פאַרלוירן גיין.

און דער מלאך איז אַרונטערגעפלויגן פון מאָרגנשטערן אויף די חורבות פון הר־הבית, האָט פלינק צוגעשוועבט צום הייליגן מזבח, אַרויסגעכאַפּט דעם געטלעכן פלאַם פון דער שׂרפה, און — אַוועקגעפלויגן.

און אַ פּערל־טרער איז אַראָפּגעפאַלן פון מלאכ'ס אויגן, און זידנדיג פאַר־זונקען געוואָרן אין אַש. ס'איז די איינציגע טרער וואָס דער מלאך האָט פאַרלוירן פון שטומען טרויערבעכער, אַ טרער פון דערבאַרמונג און האָפנונג פאַרן לעצטן פלעמל פון געטלעכן פייער.

און דער מלאך איז לאַנג געפלויגן דורך די קלאָרע זילבערוואָלקנס מיטן הייליגן פייער אין האַנט. ער האָט דאָס פייער צוגעדריקט צום האַרצן און עס גע־טראָגן צו די ליפּן. אַנטקעגן אים לויכט און שיינט און טאַנצט דער מאָרגנ־שטערן און אין זיין האַרצן שלאָגט אַ קוואַל פון האָפנונג און טרייסט.

און געבראַכט האָט ער דעם פייער אויף אַ וויסטן פאַרלאָזענעם אינזל, און עס אָוועקגעלייגט אויף אַ הויכן שפּיציקן פעלזן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע פאַרקלעמטע אויגן צום הימל און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט אַ תפלה:
— גאָט פון דערבאַרמונג און רעטונג, פאַרלעש ניט דיין לעצטע קויל אויף אייביק!

און גאָט האָט צוגעהערט די תפלה פון קלאָרפליגלדיקן מלאך און האָט אויפגעלעבט דעם פלאַם. און אַנגעזאָגט האָט גאָט דעם מאָרגנשטערן: גיב אַכטונג, קינד מיינס, אויף מיין קויל, עס זאָל ניט אויסגיין, ווייל טייער איז די קויל מיר ווי דער שוואַרצאַפּל פון אויג. וואַך איבער דעם פלאַם און היט!

און דער מאָרגנשטערן האָט זיך געשטעלט אין מיטן הימל אַנטקעגן פלעמל, און אַראָפּגעקוקט צו אים פון דער הויך מיט שטומער ליבע און צאַרטער בענקשאַפט. ער האָט עס אָפּגעהיט אויפן וויסטן אינזל: אויפוועקן פלעגט ער עס יעדן פרימאָרגן מיט זיין לויטערן גלאַנץ, און עס גלעטן מיט שטראַלן פון גענאַד און טרייסט.

און דער יונגער מלאך מיט די פאַרבענקטע אויגן איז צוריקגעפלויגן צו זיין פלאַץ, אָפּצוהיטן די פאַרבאָרגענע טרערן אין שטומען טרערנבעכער, ווי פריער. נאָר זיינע אויגן זיינען טיפער און פאַרבענקטער געוואָרן ווי פריער, און אין זיין האַרץ און אויף זיינע ליפּן האָט ער אַ פייערבראַנד געטראָגן, ווייל דאָס געטלעכע פייער האָט זיי באַרירט.

ד

און אין יענער צייט, האָט דער שונא אָוועקגעפירט אין שיפן, פון דער געפאַנגענשאַפט פון ירושלים, צוויי הונדערט אינגלעך און צוויי הונדערט מיידלעך. אַלע — ריינע און ליכטיגע, פראַכטיגע גאָזעלן פון יהודה'ס בערג. זייערע לאָקן זיינען נאָך פייכט געווען, באַשפּריצט מיט יוגנט־טוי, און פון זייערע אויגן האָט דאָס ליכט פון ציונ'ס הימלען נאָך געפלאַמט. זייער פאָטער — דער פראַכטיגער הירש פון די וועלדער, און זייער מוטער — די שלאַנקע אינדין פון די פעלדער.

און עס איז ווייניק געווען דעם שונא, וואָס ער האָט דאָס הייליגסטע אין זיי צעטראָטן, און אויף אייביק פאַראומרייניגט און פאַרשמוצט דאָס ליד פון זייער יונג בליענדיק לעבן — און פאַרגלוסט האָט זיך אים זייער נשמה צו פאַר־

מאַטערן, און דורך אַ לאַנגזאַמען טויט, פון דורשט און הונגער, זיי טויטן. האָט ער זיי אויסגעטאָן נאַקעט, און זיי אַראָפּגעלאָזט אויפן וויסטן אינזל: די אינגלעך באַזונדער אויף איין זייט אינזל, און די מיידלעך באַזונדער, אויף דער צווייטער זייט אינזל — און אַזוי זיי איבערגעלאָזט.

ווייל אַזוי האָט געטראַכט דער נידערטרעכטיגער שונא: זאָלן זיי זיין צעטיילט — און טאָפּלט שווער וועט זייער אומגליק ווערן. זאָלן זיי, צע־טיילט, אומוואַנדלען אויפן וויסטן אינזל זוכנדיג איינע די אַנדערע, ביז טרוקן וועט ווערן זייער נשמה, צעגאַנגען זייער האַרץ, און פאַרלאָשן דאָס ליכט פון זייערע אויגן. און ווען איין טריט נאָר וועט צווישן זיי אָפּטיילן, און איינער צו דער אַנדערער וועט די הענט אויסשטרעקן — וועלן פלוצים זייערע פנים׳ער זיך אויסקרימען, זייערע קני וועלן זיך אונטערברעכן, און פאַלן צו ערד און שטאַרבן אַ שוידערלעכן טויט, אויף ערד פון אייזן, אונטער הימלען פון קופּער, אַן נחמה און אַן טרייסט.

זיינען זיי געגאַנגען דריי טעג און דריי נעכט אויף דעם וויסטן אינזל, און נישט געפונען קיין שפּייז און קיין וואַסער. שווייגענדיגע, טרויעריגע זיינען זיי געגאַנגען מיט אויגן פאַרגראָבענע אין הייסן זאַמד, די קעפּ געבויגן אונטער דער גליאיגער זון. די שטיינער האָבן זיי מיט פייערדיגע שפּיזלען גע־שטאָכן, און די שטעכיגע ווילדע דערנער האָבן פון זייערע ליידן זיך אויס־געלאַכט.

ווייל גאָט האָט פאַרשאָלטן יענעם אינזל פון אייביג־אָן, און געווען איז ער וויסט און אומפּרוכטבאַר, באַדעקט מיט שטיינער און שפּיציגע דערנער, און אָן אַ פּיצל גרעזל, אָן דעם קלענסטן שאָטן, אָן דער מינדסטער באַוועג־גונג פון לעבן — אַרום און אַרום האָט געהערשט נאָר אַ פאַרטריקנטע שטיל־קייט, און בראַנד פון די הייסע מדבר׳שע ווינטן. מיד זיינען זייערע אויגן געוואָרן, טרוקן און פאַר׳חלש׳ט זייער האַרץ; שוואַך, צעברענט פון היץ, איז געוואָרן זייער נשמה, און זייערע אָטעמס האָבן זיך ווי פייערדיגע פעדים געצויגן. איינזאַם איז דער קלאַנג פון זייערע טריט אָפּגעשטאָרבן, און זיי־ער שאָטן, — וואו געפאַלן — פאַרברענט געוואָרן.

און אויסגעטריקנט איז דער קוואַל פון זייער גייסט געוואָרן און אַנטשוויגן, און זייער נשמה האָט זיך אין אַ פינסטערן ווינקל פאַרקליבן. און אויסגע־גאַנגען איז יעדער פאַרלאַנג, אַנמאַכטיג איז יעדע האַנט געבליבן, און, פון זיך אַליין, האָבן זיך אַלע אויגן געשלאָסן. און געגאַנגען זיינען זיי נישט־וויסנדיג, נישט־פילנדיג, אַז זיי גייען.

נאָר אַז אַלץ אין זייער נשמה האָט זיך אויסגעלאָשן, און אַלץ אַרום זיי איז אַנטשוויגן געוואָרן — איז פּלוצים אַ קלאַנג פון זיכערע מעסיגע טריט אַרויס־געשוואומען, ווי די טריט פון אַן אַנקומענדיגן גלויבן, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ רו־איג זיכער האַרץ. און נישט געוואוסט האָט קיינער, פון וואַנען די טריט קומען, און וועמעס טריט זיי זיינען. ווייל דערהערט האָבן זיי עס פון אייגענעם האַרצן אַרויס, און פון דער טיפעניש פון זייער אייגענער נשמה איז עס געקומען. דערשפּירט האָבן זיי, אַז איינער, אַ וואונדערבאַרער, געפינט זיך צווישן זיי, אין וועמעס האַרץ אַלע הערצער גיסן זיך צוזאַמען. זיי האָבן זיך געצויגן נאָך די טריט פון וואונדערבאַרן, ווי פריער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און זייער נשמה האָט ציטערדיג די שפּורן פון זיינע טריט געזוכט און נאָכגעפאָלגט.

און עס איז געווען, אַז עמיץ פלעגט צונויפנעמען אַלע זיינע כוחות, און אַ קוק טאָן דורכן שפּעלטל פון די אַראָפּגעלאָזטע אויגנדעקלעך — פלעגט זיין אויג זיך אָפּשטעלן אויף צוויי בחורים. ביידע מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע בחורים, ביידע געהיימניספולע מיט גרויסע ווייט־צעעפנטע אויגן. נאָר איינער — אַ צאַרטער, מיט אויגן קלאָרע, אויפגעהויבענע צום הימל, און גע־דאַכט האָט זיך, אַזוי ווי ער וואָלט דאַרטן זיין שטערן געזוכט. און דער צוויי־טער — אַ פורכטבאַרער מאַן מיט צאָרנדיגע דרינגענדיגע בליקן צו דער ערד צוגעשמידט, גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטן אין אַרומזוכן די אבדה פון זיין לעבן. און דער עמיץ פלעגט נישט וויסן, ווער פון די ביידע איז דער וואונ־דערבאַרער וואָס פירט זייערע טריט: דער צאַרטער בחור מיט די ווייכע טרוימענדיגע אויגן, אָדער דער פורכטבאַרער מאַן מיט די טיפע צאָרנדיגע בליקן?

ה

אויף דער דריטער נאַכט—אַ נאַכט פון לויטער בלוי און שטערן—זיינען די בחורים צוגעקומען צו אַ גרויסן פעד־שוואַרצן טייך, און מיט פרייד אויסגעשריען: וואַסער! וואַסער! — און זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום וואַסער, זיך אָנגעטרונקען, און זיך אויסגעצויגן אויפן ברעג פון טייך.

און צוויי בחורים האָבן פּלוצים אויסגעשריען: גרינס! גרינס! — זיי האָבן זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אויף די גרינסן, זיך אָנגעגעסן, און ווידער זיך צעלייגט אויפן ברעג פון טייך.

אוןנישט געוואוסט האָבן זיי, אַז זיי האָבן פון טייך פון אומקום געטרונקען, און זיך אָנגעגעסן מיט טייוולשע פאַרשאָלטענע קרייטעכער.

נאָראיינער פון זיי, דער צאַרטער בחור מיט די קלאָרע אויגן, האָט פון טייך נישט געטרונקען און פון גרינס נישט געגעסן. אָן איינזאַמער, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ פעלזן, אין הימלשן בלוי זיין בליק פאַרטרונקען, פאַר־טיפט אין איניגסטן ליד פון זיין האַרצן.

אוןפלוצים האָט זיך אויפגעשטעלט דער מאַן מיט די פאַרצאָרנטע ברעמען, איז צוגעגאַנגען צו די בחורים, און געזאָגט:

— ברידער, האָט איר פאַרגעסן דאָס ליד פון שנאה און פאַרניכטונג?

נאָרדי בחורים האָבן געשוויגן, און גאָרנישט ניט געענטפערט, ווייל זיי האָבן זיך געשעמט מודה זיין, אַז זיי האָבן דאָס ליד קיינמאָל נישט געקענט. נאָר אַ אינגל מיט גאָלדענע לאָקן האָט זיך געוואָלט אויסבאַרימען, און זיך אַרויסגעכאַפּט:

— צי דען קען דער לייב פאַרגעסן זיין געבריל, אָדער . . .

אַברענענדיגע פייל פון וואונדערבאַרנס אויגן האָט דעם ליגן אויף דעם אינגלס ליפּן אָפּגעטויט, און געצאָרנט האָט דער וואונדערבאַרער און געזאָגט:

— דער לייב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הונט פון מדבר.

דאָסאינגל איז רויט געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן צו דער ערד, און מיט די פינגער אַ דין שטיינדל אויף זאַמד געמאָלן. און די נאַכט האָט אים אין איר שלייער איינגעהילט, און קיינער האָט אים אין זיין חרפה נישט געזען.

אוןדער וואונדערלעכער מאַן איז געזעסן אויפן ברעג פון טייך, און זיינע גליענדיגע בליקן זיינען אין די שוואַרצע אָפּגרונטן פאַרזונקען און פאַרלוירן גע־גאַנגען. און די בחורים האָבן געשוויגן און פאַרהאַלטן זייער אָטעם, ווייל אַ געטלעכע מורא איז אויף זיי אָנגעפאַלן, און מיט אַ פאַרבאָרגענע שרעק האָט זייער האַרץ געקלאַפּט. און אָנגעשטרענגט האָבן זיי זיך צו דער שטילקייט צוגעהערט, פונקט ווי דער דאָרשטיקער לייגט צו זיין אויער צום טרוקענעם פעלזן אין מדבר, גאָרנדיג דאָס רוישן פון אַ פאַרבאָרגענעם קוואַל צו דער־הערן.

אַרגע שפּעטער האָט זיך אַ שטיל געזאַנג געלאָזט הערן פון דעם וואונדער־לעכן מאַן. שטיל, פאַר זיך אַליין, האָט דער מאַן געזונגען אויף אַ נידעריגן

קול. פינסטער, וואונדערלעך און רוהיג איז דאָס ליד געפאַלן, און פאַרגליווערט די הערצער מיט זיין אייזיגער שטילקייט. מ׳האָט נישט געקענט וויסן, צי דאָס ליד איז ווי אַ שוואַרצע גיפטיגע שלאַנג ארויסגעקראָכן פון אַ ווינקל פון זיין נשמה און צום וואַסער זיך געצויגן — אָדער, זיינע אויגן האָבן עס ארויסגע־שלעפּט פון טייכס אָפּגרונט, און עס האָט זיך געצויגן אין זיין נשמה.

און אַזוי האָט דער מאַן געזונגען:

עס דרעמלען די תהום׳ען פון אונטערגאַנג פינסטערע, טיפע
און ריידן פון אייביגן רעטעניש: טויט.
און ס׳זינקען אין זיי, ווי די שטיינער, די ליידן פון וועלטן,
און אייביגע יאוש־געשרייען.
און וואו איז די גאולה? זי האָט, ווי אַ זונה, פאַרקויפט זיך
צום הימל און צו זיינע געטער;
באַהאַנגען מיט פייקלעך, דאָרט טאַנצט זי איר טאַנץ פאַר די שטערן
אויף שפּיצן פון פעלזן.

שווייגעדיגע, זייערע בליקן אין טייך פאַרטרונקען, זיינען די בחורים געזעסן. דער פינסטערער תהום האָט זייער נשמה אָנגעפילט מיט שרעקן, און גאָלדענע שטערנדלעך האָבן זיך גערייצט מיט זיי פון דער שוואַרצער טיפעניש.

און דאָס פאַרשעמטע אינגל האָט, קינדיש־שפּילנדיג, אויפגעהויבן אַ שטיינדל פון ברעג טייך, און אין וואַסער אַ וואַרף געטאָן. און אַ ציטער געטאָן האָט דאָס האַרץ פון טייך, און צערונצלט איז דער שוואַרצער שפּיגל געוואָרן און צע־קנייטשט. די גאָלדענע שטערנדלעך האָבן זיך צענויפגעפלאָכטן ווי קליינע פייערדיגע שליינגלעך, און האַסטיג, אין ציטערניש, אויף אַלע זייטן זיך פאַ־נאַנדערגעלאָפן. און אויפגעשוידערט האָבן אַלע בחורים, און דערשראָקן זיך, אַליין נישט וויסנדיג, פאַרוואָס. אַ שוואַרץ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין די אויגן פון וואונדערלעכן מאַן, דאָס פייער פון שטן. דאָס קול זיינס האָט זיך געביטן און שטאַרק געוואָרן, און ציטערדיג־צאַרנדיג געקלונגען:

פון תהום׳ען פון אונטערגאַנג ברינגט מיר דאָס ליד פון חורבן
שוואַרץ, ווי אייער קויל־פאַרברענט האַרץ.
און טראָגט אָט דאָס ליד צווישן גאָט׳ס פאַרשאָלטענע פעלקער,
וואַרפט אויף זייערע קעפּ זיינע קוילן.
פאַרזייט דאָרט אויף זייערע פּעטע און פרוכטבאַרע פעלדער

פאַרניכטונג און אומקום;
און וועט אייער שאָטן באַרירן אַ בליענדע ליליע —
פאַרטריקענען זאָל זי און שטאַרבן;
אַז פאַלן וועט אייערס אַ בליק אויף אַ מירמל־סטאַטוע,
זאָל ברעכן עס באַלד ווי אַ שאַרבן.
און נעמט מיט זיך מיט אַ געלעכטער, אַ גרויזאַם געלעכטער,
מיט וועלכן דאָרט טויטן זאָלט איר — — —

און דער בחור מיט די קלאָרע אויגן, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָנ־געשפּאַרט אָן פעלזן, זוכנדיג זיין שטערן אין הימל, איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו די בחורים, און מיט גרויס רחמנות זיי געפרעגט:

— ברידער, און דאָס ליד פון נחמה און צוקונפט ווייסט איר?

נאָר די בחורים האָבן זיין פראַגע נישט געהערט, זיך פון אָרט נישט גערירט, און זייערע אויגן פון פינסטערן טייך נישט אָפּגעריסן — ווייל דאָס ליד פון וואונדערלעכן האָט זייערע נשמות פאַרשלונגען. שווייגעדיגע, שטומע, זיינען זיי אויפן ברעג פון טייך געזעסן, און אויסגעזען האָבן זיי ווי שוואַרצע מצבות אויף זייערע אייגענע קברים.

נאָר דאָס פאַרשעמטע אינגל מיט די גאָלדענע לאָקן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און זיך געשפּילט מיט שטיינדלעך האָט זיך דאָס מאָל אויך אַרויסגעכאַפּט צו ענטפערן, און געזאָגט:

— צי קען די אינדיין פון די פעלזן איר בענקעניש פאַרגעסן, אָדער . . .

אָבער דאָס אינגל האָט נישט פאַרענדיגט. זיין האַרץ האָט אים נישט דער־לאָזט ליגן זאָגן, ווייל עס האָבן זיך אויף אים אָפּגעשטעלט די צוויי קלאָרע אויגן. מיטן פינגער אין מויל, מיט אַ שעמעוודיג שמייכל אויף די צאַרטע בעקלעך, אַ שמייכל פון אַן אומשולדיג קינד, איז ער געזעסן. און דער בחור מיט די קלאָרע אויגן האָט צו אים צוגעשמייכלט פון ווייטן מיט אַ גוטן שמייכל. נאָר מיט אַ טרויעריג געמיט האָט ער זיך ווידער געשטעלט אויף זיין אָרט, מיט אויגן געווענדט צום הימל, ווי פריער.

און דאָס ליד פון וואונדערבאַרן מאַן אויפן ברעג טייך איז געוואָרן שטאַרקער און רוישנדיגער, און איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטורעם־געשריי. און די

כוואַליעס פון ליד האָבן אַלע בחורים מיט זיך פאַרטראָגן, און געברילט האָבן זיי ווי לייבן. און וואָס מער זיי האָבן געזונגען, אַלץ מער האָבן די כוואַליעס פון שנאה, ביטערער פון טויט, אין זייער האַרץ זיך צעוואַקסן, געשלאָגן און זיי פאַר׳שיכור׳ט, אויסגעקרימט זייערע פנים׳ער, און אַ שוואַרץ העליש פייער אין זייערע אויגן אָנגעצונדן. און דער שוואַרצער טייך האָט זיך אַ וויג־געטאָן מיט אַלע זיינע וואַסערן פון איין ברעג צום אַנדערן, אַזוי ווי אַ קינד אין וויגל. און וואָס מער דאָס וואַסער האָט זיך באַוועגט, אַזוי האָבן זיך געמערט און געווימלט די פייערדיגע שלאַנגען פון די גאָלדענע שטערן אין זיין טיפעניש:

דאָס איז דאָס געזאַנג פון צאָרן געבוירן דורך פייער און פלאַמען
אין ביטערער נאַכט;
אין בלוטן פון זקנים און קינדער און ליכטיגע מיידלשע לייבער,
וואָס זיינען, פאַרשוועכטע, געפאַלן.

פלוצים איז דאָס אינגל מיט די גאָלדענע לאָקן אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, זיין האַנט אויפגעהויבן צום שפיץ פון אַ הויכן ריזיגן פעלז אויף דער צווייטער זייט טייך, שרייענדיג: „זעט, זעט!" — און די בחורים האָבן זייערע אויגן אויפגעהויבן, און זייער האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן: אויף יענער זייט טייך, אויף די שפיצן בערג, שוועבט און ציט זיך אַ לאַנגע שורה פון קלאָר־ווייסע מיידלעך, די הענט אויסגעשפּרייט צום הימל, אינגאַנצן באַגאָסן מיט לבנה־שיין, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַזוי ווי נאַכט־וואַנדלערינס. זייערע קעפּ זיינען מיט דערנער־קרענץ באַקרוינט, און אויף זייערע פנים׳ער זיינען די משיח־ליידן פאַרגליווערט געוואָרן. אונטער די געדיכט־אַראָפּגעלאָזענע ברעמען דרעמלט דאָס אייביגע גלויבן, און אויף זייערע ליפּן ליגט אַ שטראַ־ליגער שמייכל אַנטשלאָפן.

און די בחורים האָבן זיי דערקענט, און זייער האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן. זיי האָבן דערזען ווי די מיידלעך קומען צו אַלץ נעענטער מיט פאַרמאַכטע אויגן צום ראַנד פון פעלזן וואָס הענגט אַריבער ווי אַ גלייכע וואַנט איבערן טייך. אָט־אָט — און איין טריט נאָר וועט זיי אָפּטיילן פון אָפּגעגעם אָפּגרונט. זיי זיינען אַלע אויפגעשפרונגען פון די ערטער, געשריען צו זיי מיט אַ גרויס געשריי, און געמאַכט צו זיי מיט די הענט. אָבער די מיידלעך, נישט זעענדיג און נישט הערנדיג, זיינען פאַרויס געגאַנגען מיט לייכטע פלינקע טריט, מיט געשלאָסענע אויגן אין איין שורה. אָט איז שוין דער לעצטער טריט: אַ

לאַנגע פערלשנור פון פלוצים־געעפנטע אויגן האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ רגע, אַזוי ווי שטערן, — און באַלד פאַרלאָשן געוואָרן, אַרונטערפליענדיג ווי אַ מחנה ווייסע בושלען אין דער שוואַרצקייט פון וואַסער.

און די בחורים האָבן זיך אַ ריס געטאָן מיט אַ שרעקלעך געשריי, און זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. זייערע לאָקן האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי לייבנגריוועס, און מיט די הענט האָבן זיי געשפּאָלטן דעם טיפן וואַסער, שווימענדיג אַלץ נענטער צום פעלזן. אַט זיינען זיי שוין אין מיטן טייך. און געצאַרנט האָט דער טייך און געשטורעמט, און געוואָרפן און צעשפּילט האָבן זיך די וואַסערן. אַ גרויסע שוואַרצע כוואַליע האָט זיך פון טיפעניש ווי אַ ריזיגער באַרג אויפגעהויבן און די העזה'דיגע שווימער צוריקגעשליידערט. אָבער זיי, אומדערשראָקענע, זיינען ווידער געשוואומען, און אויפן רוקן פון דער כוואַליע זיך אַרויפגעכאַפּט. אויף אַ רגע איז די כוואַליע אַנטשוויגן געוואָרן און זיך באַרואיגט, געבליבן שטיין פאַרגליווערט, ווי אַ וואַנט — אָבער טיף אין זיך האָט זי אַ טייוולשע מחשבה פאַרבאָרגן. און די בחורים שווימען אַלץ ווייטער און ווייטער, קומען אַלץ נענטער און נענטער. אַט זיינען זיי שוין אויפן שפּיץ פון דער כוואַליע, אַט הערן זיי שוין דאָס געשריי פון די מיידלעך פון צווייטער זייט כוואַליע — און פּלוצים האָט דער באַרג זיך צעשפּאָלטן און זיך ווי דער גיהנום געעפנט. די בחורים האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין דעם צעעפנטן שלונד, און מיט די קעפּ זיך אָנגעשלאָגן אָן די מיידלשע קעפּ, וואָס זיינען זיי אַנטקעגן געשוואומען.

און אַ שווערע שטילקייט, די רו פון אָן איבערזעטיגטער חיה, האָט זיך פלוצים אויפן טייך אויסגעלייגט. פאַרשלונגען האָט דער שטראָם די יעניגע וואָס האָבן געוואָגט זיין רו צו שטערן, און אויפן שוואַרצן שפּיגל פון וואַסער איז ווי אַ גרויסע, שווערע און שוואַרצע זאַך דורכגעשוואומען — און שטיל נאָך די פאַרשווענקטע קערפּערס זיך געטראָגן. איז דאָס געווען אַ שוואַרצע שיף, צי גאָר אַ טויטן־אָרון?

און דער צאַרטער בחור מיט די לויטערע אויגן, וואָס איז איינער אַליין איבערגעבליבן פון אַלע בחורים — האָט זיך פלוצים אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, און באַהאַלטנדיג זיין פּנים אין די הענט — געוויינט, געוויינט.

און אַז דער בחור האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער ערד, און אויפגע־הויבן זיינע אויגן צום הימל, ווי זיין שטייגער איז געווען — האָט ער דער־זען קעגנאיבער אים אויפן שפּיץ פעלזן, ווי אַ מלאך פון צניעות און ליכט, אַ מיידל מיט אַ מירמלקלאָרן גוף, מיט טרויריגע אויגן געווענדט צו אים, — און איבער איר קאָפּ האָט דער מאָרגנשטערן געשימערט.

און האַסטיג האָט געקלאַפּט דעם בחורס האַרץ, און צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער זיינע צניעות׳דיגע אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט; ער האָט פאַרזונקען זיין בליק אין טייך, און אויף דער מיידלס בילד, וואָס האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּיגלט צוזאַמען מיטן מאָרגנשטערן, זיך אָפּגעשטעלט.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל געווען, וואָס דער בחור האָט אין יענער נאַכט אין תהום אַריינגעקוקט.

פּלוצים האָט ער פאַרן געשטאַלט אין וואַסער זיך געשטעלט אויף די קני, די אויגן אין פּיין פון ליבע צום אָפּגרונט צוגעשמידט, און זיינע ליפּן האָבן שטיל מיט אַ ליידנשאַפטלעך־בענקען געמורמלט:

— שוועסטער, דו ביסט עס?

און דער בחור איז אַנטשוויגן געוואָרן, און נישט געקענט מער ריידן — ווייל אַ רוישיגער שטראָם געפילן האָט אים פאַרטומלט, און זיין נשמה האָט זיך אין שטראָם פאַרלוירן.

אַ רגע שפּעטער האָט ער אויפגעוואַכט, ווייט צעעפנט די אויגן, און טיף פאַר׳חלומ׳ט זיינען די אויגן געווען. און אַ פאַרמאַטערטע נשמה, פאַר־וואונדעט פון ליבע און אָפּגייענדיג מיט בלוט, האָט אין זיי זיך געצאַפּלט. ער האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן אין גרויסן טרייען ווייטאָג פון האַרצן, און אַ וואונדערלעך שעפּטשען, דער אויסדרוק פון טיפן פאַרבאָרגענעם צער, ווי דאָס ריזלען פון אַ שטראָמיגן לויטערן קוואַל, אָונטצייט, צווישן גראָזן — האָט אין אַ תפלה זיך אַרויסגעריסן, און געשטראָמט פון זיינע ליפּן:

— ביסטו עס מיין נשמה, דאָס ליכט פון מיין לעבן און דער גוטער מלאך פון מיין האַרצן פון קינדהייט אָן ביז איצט? האָסטו עס אויף דעם דאָזיגן וויסטן אינזל אונטער די פליגל פון אָנקומענדיגן פרימאָרגן און זיין שטערן אַנטפּלעקט זיך צו מיר? און איך — מיט טויזנטער שטימען האָט מיין נשמה

גאָר די טעג פון מיין לעבן צו דיר געדופן, און דורך טויזנטער פאַרהוילענע פאַרפלאָנטערטע שטעגן זיך צו דיר געריסן. נאָך אין פריאיגן מאָרגן פון מיין קינדהייט האָט מיין אויג דיין שיינקייט געזען, און ליידנשאַפטלעך, אין איינזאַמקייט פון פינסטערע נעכט און ראָזע פרימאָרגנס, געלעכצט נאָך דיין פאַרבאָרגן ליכט. אין די בערג פון שומרון, אונטער די ווייַנשטאָקן פון די גערטנער האָט מיך מיין מאַמע געבוירן. מיין וויג איז געפלאָכטן געווען פון גרינע לולבים, און פויגל־געזאַנג איז געווען מיין וויגליד. הויכע, בליענדיקע, פרוכטבאַרע פעלדער תבואה האָבן מיין קינדהייט געבענטשט; געדיכטע, פרישע וועלדער מיט לינדנבוימער און שאָטנדיקע צווייגן פון בוקסן האָבן מיר זייערע סודות פאַרטרויט. און איך האָב ליב באַקומען דעם גאָט פון דער ערד, דעם גאָט פון די בערג און די טאָלן — און מורא געהאַט פאַרן גאָט פון הימל. יעדן פרימאָרגן, מיט זונאויפגאַנג, ווי נאָר עס פלעגט אין שטיל־קייט פון דער וועלט דער ערשטער פאַסטוך־האָרן זיך צעטראָגן אויף די שפּיצן בערג, און אַ פאַרבאָרגענע זיסע מורא פלעגט מיך פאַרכאַפּן — פלעג איך באַלד פון מיין איינזאַם ביידל זיך אַרויסכאַפּן. איך פלעג אויף אַ גרין בערגל אַרויפשטייגן, מיינע פיס אין מאָרגנטוי גע׳טובל׳ט און מיינע אויגן אין דעם טיפן הימלבלוי. און געזען האָב איך דיין גרויסקייט אין מאָרגנשטערן, און אין זיין באַשיידענעם גלאַנץ — דיין הייליגקייט דערשפּירט. און אַראָפּ־געשיינט האָסטו צו מיר מיט שטילער ליבע, און מיטן אויפציטערן פון דיינע ברעמען האָסטו מיין האַרץ אויפגעשטורעמט. און ליב באַקומען האָב איך אויך דעם גאָט פון הימל צוליב דיר —

און דער בחור האָט ווייטער גערעדט פון זיין שטורעמדיק געמיט:

— דערנאָך בין איך אַן עלנטער יתום געבליבן. מיין טאַטע איז מיט אַ גרויזאַמען טויט, פון גאָט פאַרשאָלטן, אין מלחמה געפאַלן, און מיין מאַמע האָט אין אַ פרעמדן לאַנד איר האַרץ פאַרשוועכט פאַר אַ הויפן גערשטן. און איך בין פאַרבליבן עלנט. און געבלאָנדזשעט האָב איך גאַנצע טעג, אַן איינזאַמער, צווישן די בערג, און אין די נעכט, פלעג איך מיך צו אַ פעלז, ווי צו אַ מאַמען, צודריקן. היענעס האָבן אַרום מיר זיך געדרייט אין דער פינסטער, און די סאָווע האָט מיך מיט איר קלאָגן, געשראָקן. און איך בין געווען אַזוי צאַרט, איינזאַם און טרוימעריש; כ׳האָב גאָרנישט ניט פאַרמאָגט, אַ חוץ אַ נשמה אַ ציטערדיקע ווי אַ פויגל, און אויגן, וואָס האָבן אויף אַלץ מיט פאַרוואונ־דערונג געקוקט. און פּלוצים האָסטו זיך צו מיר, דו ליכטיגע און טרויער־

דיגע, באַוויזן פון נאַכטיגן נעבל, און אויף מיין איינזאַמן באַרג,ביים שטיין פון מיין צוקאָפּנס זיך געשטעלט. און אויפגעוועקט האָסטו מיך יעדן פרימאָרגן מיט דיין שטראַל פון חסד, און מיט מוטערלעך רחמנות האָט דיין גאָלדן אויג מיך געגלעט. און אָנגעפילט האָסטו מיין האַרץ מיט פאַרבאָרגענעם טרויער, פאַרשוויגענע ליידן און יסורים פון ליבע. פרי־באַגינען פלעגן מיינע אויגן זיך עפענען דיך צו באַגריסן, און וואַרטן אויף דיר, ווי אַ ציטעריג קינד אויף זיין מאַמען. און אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט אַן אַלטער מאַן פון יהודה מיך געפונען ליגנדיג אין די בערג. דער מאַן איז איינגעהילט געווען אין אַ לאַנגן מאַנטל, אַ פינסטערער, אַ שווייגנדיגער, באַוואַקסן מיט לאַנגע צעשויבערטע האָר. דאָס איז געווען אַ הייליגער געטלעכער נזיר, ווייס ווי די זילבער־וואָלקנדלעך אין הימל, צי ווי דער אייז אַנטקעגן פרי־מאָרגן. און דער זקן האָט אויף מיר רחמנות געהאַט, האָט מיך אין זיין באַהאַלטן געצעלט צוגענומען. און אין שאָטן פון זיין ווייסער ציטערדיגער באָרד מיך פאַרשטעלט. און געלערנט האָט ער מיך זיינע וועגן, זיין גאָט צו דינען, מיין נשמה פון יעדן תענוג אָפּצושיידן, און צום הימל מיינע אויגן ווענדן. און איינציגוויז האָט ער אַלע בלומען פון מיין יוגנט אָפּגעפליקט, אַלע מיינע פאַרלאַנגען הייליג געמאַכט צום הימל — און אַוועק זיינען מיינע טעג אין תעניתים און מיינע נעכט אין תפלות — אַזוי ווי זיינע. און מורא האָב איך געהאַט פאַרן זקן, אַזוי ווי דאָס בלימל האָט מורא פאַר קעלט. מיין פּנים איז אָפּגעצערט געוואָרן און מיין שטערן איז בלאַסער געוואָרן פון טאָג צו טאָג — נאָר מיינע האָר זיינען אויסגעוואַקסן און זיך געקרויזט אין לאָקן, און אין האַרצן האָט אַ פרישער וואַלד פון חלומות געבליט. און איך, אַ צאַרט קינד, האָב זיך אין דעם דאָזיגן וואַלד פאַרלוירן, און בין געווען געגליכן צו אַ פאַרבלאָנדזשעטן הירש צווישן די צעדער פון לבנון. צייטנווייז פלעגט דער וואַלד אין מיין האַרצן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פּראַכטיגן גאָרטן איינגעטונקט אין בלומען און באַגאָסן מיט זונשיין — און דו, געוועבט פון ליכט און שטראַלן, אַ פרוי און גאָט צוזאַמען, דו גייסט אַרום צווישן די בייטן מיט אַ געטלעכן שמייכל אויף די ליפּן, און איך, — אַ פאַרליבטע טויב — ציטער און פלאַטער אויף דיין ווייסן שולטער. און אין יענע טעג בין איך נאָך ריין געווען, שעמעוודיג און באַשיידן. מיין נשמה איז קלאָר געווען און לויטער ווי אַ שפּריץ טוי אויף אַ פרישער ליליע, און מיין האַרץ — אַ טראָפּן שלוח׳ס וואַסער אין אַ קרישטאָלן בעכער. דער אָטעם פון אַ פרוי האָט מיך נאָך נישט באַהויכט, און איר דופט איז מיר נאָך נישט געווען באַקאַנט. נאָר מאַכטיגע לעבנסקוואַלן האָבן אין מיין האַרצן געשטראָמט און

מיין נשמה האָט אַ ים ליבע, א ים ליבע געבעטן. און דיין געשטאַלט האָט אומגעריכט פאַר מיר אויפגעבליט פון מיינע חלומות, און באַוויזן האָסטו זיך צו מיר אַ פרוי און גאָט צוזאַמען, און נישט געוואוסט האָב איך, וועןן און ווי אַזוי, עס איז דאָרט אויסגעוואַקסן. און אַמאָל פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז גאָט האָט פון אייביג אָן דיין בילד אין מיין האַרצן איינגעפלאַנצט, און לאַנג צוריק אויף איינעם פון די שטערן, אָדער אין אַ לאַנג שוין פאַרגעסענעם חלום, בין איך פאַרביי דיר דורכגעגאַנגען, און דו האָסט מיך ביי מיין נאָמען גע־רופן. און דיין געדעכעניש האָט תמיד געברענט פאַר מיר מיט אַ ווייסן פייער, און געפילט האָב איך דיין זיסן דופט פון די רעטענישן פון מיין ווייטער קינד־הייט, און פון אירע אומפאַרשטענדלעכע חלומות דיין בת־קול געהערט. ביי־טאָג, גייענדיג מיט אויגן אויפגעהויבענע צום הימל, האָב איך ווי אַ בלינדער דיין שאָטן געטאַפּט, און אין שלאָפלאָזע נעכט אויף מיין געלעגער דיך געזוכט. און אַמאָל, אַז דער זקן פלעגט אין מיטן נאַכט אויפשטיין, און ביים אָפענעם פענסטער צום מזרח זיך שטעלן — זיינע אויגן געווענדט צום הימל, זיינע ליפּן זינגען צוזאַמען מיט די שטערן אַ הייליגע תפלה צום גאָט פון זיין לעבן — פלעג איך אַנטקעגן אים ליגן אין דער פינסטער, ברענענדיג פון קאָפּ ביז צו די פיס, זיך וואַרפנדיג אין שווערע יסורים פון זינד. און מיין נשמה ציטערט און צאַפּלט זיך, ווי אַ קליין שעפעלע אין די ציין פון אַ הונגעריגן לייב. און די אויגן וויינען, און די ציין קריצן, און מיינע ליפּן שעפּטשען ליידנשאַפטלעך, ציטערנדיג, אַ זינדיגע תפלה צום גאָט פון מיין לעבן. און אַריינגיסן זיך אין מיר פלעגט דאָס געזאַנג פון זקן, ווי אַ ריינער קוואַל וואָס פאַלט אַריין אין אַן אויפגעברויזטן שטורעמדיגן ים. און קליין בין איך אין מיינע אייגענע אויגן געוואָרן, און געפייניגט האָב איך זיך, און האָב זיך צו־געזאָגט נדרים אין דער פינסטערניש פון מיין נשמה. און פאַרן זקן האָב איך מורא געהאָט, טאָמער וועט ער מיין נשמה זינדיג דערזוויסן, וועט ער זי פאַרברענען מיטן פלאַם פון זיינע אויגן. און איך האָב מער נישט געוואָגט אויפצוהויבן מיינע אויגן צום הימל, נאָר איך האָב זיי איינגעגראָבן אין תהום פון מיין פינסטערער נשמה, און אַזוי ווי אַ וואָרים אין האַרבסטיגן טאָג זיך איינגעקאָרטשעט. נאָר דו, אומשולדיגע, צניעותדיגע, דערבאַרימדיגע, האָסט אויף מיר רחמנות געהאַט, און מיך פון זיך ניט פאַרשויסן. פון דער הויך האָסטו שטראַלנדיג צו מיר אַראָפּגעקוקט, ווי אין אַמאָליגע טעג צו מיר געוואונקען, און פון זינד מיך געריייניגט. און דיין ליכט האָט מיין האַרץ רייניגעוואַשן, און ליכטיגער פון שניי איז עס געוואָרן. איך בין אַוועק צום

טייך זיך טובל'ען, און מיין נשמה הייליגן צו גאָט. אַ פרישן שטראָם קדושה האָבן די באַרגיגע ווינטן אויף מיר געבלאָזן, און געגאַנגען בין איך, ווי איינער וואָס גייט אַ הייליגן סוד אַנטקעגן. און אַ געטלעכע גבורה איז אויף מיר אַרונטער, מיין האַרץ איז באַנייט געוואָרן, מיין גייסט קלאָר און ליכטיג, און מיין נשמה האָט געזונגען — און איך האָב זיך אַליין נישט דערקענט. און ברייט צעעפנט האָב איך מיינע אויגן, הויך האָב איך מיין קאָפּ אויפגעהויבן, און טיף אין טייך זיך אונטערגעטונקט. פּלוצים האָט דער וואַסערקלאַנג, ווי אַ קרישטאָלענער שטראָם דורך מיך דורכגעפלייצט, און ווי אַ האַרפנכאָר האָט ער אין מיינע אויערן געקלונגען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט — און בין געבליבן צעטומלט: אַנטקעגן מיר אין טייך, האָב איך דערזען אַ מיידל, איר צאַרט קלאָר לייב האָט צו מיר פון האַלבער טונקלקייט אַרויסגעבלאַנקט — און מיך פאַר'שיכור'ט. און געוואָלט האָב איך אַ וואָרף טאָן זיך צו איר, ווי אַ לייב, — נאָר דאָס בילד פון דעם גרייז דעם נזיר איז פאַר מיר אַרויס־געשוואומען, און מיין תאוה האָב איך מיט אַ געבריל פון לייב אין זיך דער־וואָרגן. איך האָב זיך אין אַ פעלזנשפּאַלט באַהאַלטן, און פון דאָרטן אויף דעם קלאָרן גוף געקוקט. מיט מיינע אויגן האָב איך איר צאַרט קלאָר לייב גע־שלונגען, אין מיין נשמה האָט זיך דער ציטער פון איר יונגער מיידלשער ברוסט געצאַפּלט. און מיט די ציין האָב איך געקריצט, מיין פּויסט געביילט אַנטקעגן הימל — נישט וויסנדיג אַנטקעגן וועמען, צי אַנטקעגן גאָט, וואָס שטעלט מיך אין אַזאַ נסיון, אָדער אַנטקעגן שטן, וואָס טוט זיך מיט מיר רייצן און מיך פּייניגן. און אַראָפּגעלאָזט האָט זיך מיין פּויסט, ווי אַ האַמער, אויפן פעלז, און צעברעקלט איז דער פעלז געוואָרן, און מיינע פיס האָבן די שטיינד־לעך אין שטויב געמאָלן. און אַז די שיכרות איז פון מיר אַוועק — האָט מיך אַן אימהדיגע פינסטערניש פאַרנומען, און איך האָב פאַר זיך אַליין, פאַר מיין אייגענעם תהו־ובהו מורא געקראָגן. ווייל דערזען האָב איך מיין נשמה דורך און דורך, און געווען איז זי שוואַרץ און ווייס אינאיינעם, אַ געמיש פון ליכט און שאָטן; און אין מיין האַרצן האָב איך אַריינגעקוקט — און גע־ווען איז עס אַ שלאַנגען־הייל און אָדלער־נעסט צוזאַמען. צי אפשר דערפאַר האָט תמיד מיין נשמה נאָכן פרימאָרגן געדאַרשט, און אין דער אייגענער צייט נאָכן פינסטערן אָוונט געבענקט? אַ דערשלאָגענער בין איך אויפן ברעג פון טייך געזעסן, די אויגן צום וואַסער צוגעשמידט, און מיין קאָפּ אונטער אַ שווערער משא פון שוואַרצע זינדיגע מחשבות געבויגן — און געדוכט האָט מיר, ווי איך וואָלט אויפן קרייצוועג פון פלוך און בענטשונג געזעסן. פּלו־

צים האָב איך מיינע האָר אין וואַסער דערזען, ווילד און לאַנג אָפּגעוואַקסן, פאַרהענגען מיין פּנים, ווי מיט אַ שווערן פאָרהאַנג פון שלאַנגען שוואַרצע, וואָס ווילן מיין נשמה כאַפּן אין זייער נעץ. איך בין אויפגעשפּרונגען פון מיין אָרט, און מיינע לאָקן הייליג געמאַכט צום הימל — און מיין גורל איז געוואָרפן געוואָרן. מיט האַרצקלאַפּעניש האָב איך מיין סוד דעם זקן אַנטפּלעקט, און ער האָט מיט אַ בליק פון זיינע אויגן מיך געבענטשט, און באַגינען, מיט זונאויפגאַנג, מיך קיין ירושלים אַרויסגעלאָזט. און אַריינגעקומען בין איך אין די טויערן פון מקדש מיט אַ קרבן און מתנות. און געזען האָב איך דעם געטלעכן היכל, די פּראַכט און רום פון די כהנים און באַדינער, די רייכקייט און די שענקייט האָב איך געזען, און האָב מיך אינגאַנצן פאַרלוירן. און אָפּגעשניטן האָב איך מיינע לאָקן איבערן בלוט פון מיין קרבן, און אויפן מזבח, פאַרן פייערדיגן לייב, זיי אַרויפגעוואָרפן — און אין איין רגע זיינען זיי מיטן פלאַם פון מיין קרבן צום הימל אויפגעגאַנגען, און די צירונג פון מיין יוגנט איז אין אַש — אַ מתנה צו גאָט — פאַרוואַנדלט געוואָרן. אַ שוואַרצע כוואַליע רויך, ווי דער רויך פון מזבח, האָט זיך פלוצים פון מיין נשמה אַרויסגעריסן, דאָס ליכט פון מיינע אויגן פאַרשטעלט — און געוואָלט האָב איך זיך צעברילן ווי אַ לייב פאַר ווייטאָג — נאָר אין דער מינוט האָט דער כאָר לוויים אויף מיר אַ גאַס געטאָן אַ ים געזאַנג, און מיין נשמה פאַרשוועכט. די קלאַנגען פון טרומפּייטן און האַרפן האָבן מיין יוגנטגעשריי פאַרטויבט, און אין גערויש פון פויקן און טאַצן איז מיין האַרץ פאַרלוירן געגאַנגען. אָנמאַכטיק בין איך צו די פיס פון גרייז-גרויען, ווייסגעקליידטן, כהן, צוגעפאַלן, מיין קאָפּ אין די פאָלעס פון זיין ווייסן מאַנטל איינגעגראָבן, און לאַנג האָב איך געוויינט, זיך מתודה געווען און געוויינט — — —

— און אַרויסגייענדיג פון בית המקדש — האָב איך אַ קליינעם לאָק, אַן אַנטרונענעם פון פייער, דערזען ליגנדיג אין אַ ווינקל פון מזבח, האָב איך צוגענומען דעם לאָק וואָס האָט געהערט צו גאָט, אים באַהאַלטן אין שויס און מיט זיך אָוועקגעטראָגן. איך האָב אים לאַנג, אויפן האַרצן געטראָגן, ווי אַ קמיע אויף מיין האַלז אָנגעהאַנגען. און אַז מיינע לאָקן האָבן ווידער אָנגעהויבן אָפּוואַקסן — האָב איך אים פון מיין האַלז אַראָפּגענומען, אַ קוש געטאָן, און מיטן ווינט אים אַוועקגעלאָזט — מיין גנבה צו גאָט אומגעקערט.

— און איצטער, זע, ווי דער הימל האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט, און ווי גרויזאַם ער האָט מיך אָפּגענאַרט. מיין קינדהייט, מיין יוגנט — אַלץ, אַלץ,

האָט ער פון מיר צוגענומען, און מיט קיין זאַך מיך נישט באַלוינט דערפאַר. אונטערטעניג, ווי אַ קנעכט, האָב איך תמיד מיינע אויגן צום הימל געהאַלטן אויפגעהויבן, און שטיל, ווי אַ הונט, זיך נישט באַקלאָגנדיג, האָב איך גע־וואַרט אויף מיין גורל. נאָר שטאָלץ האָט דער הימל איבער מיר געשוויגן, און מיט פאַלשקייט מיין יוגנט צוגענומען. און אָט בין איך ווידער איינזאַם אין מדבר געבליבן, און מיין באַרויבטער פרילינג האָט שוין אָנגעהויבן אַ בייזער, אַ פאַרצאָרנטער, זיך אָפּטאָן פון מיר, אָן איין ליבלעכן קוש, אָן איין פריינטלעך וואָרט. און איך יאָג מיך נאָך אים, האַלטנדיג אים ביים זוים פון זיין קלייד; איך צאַפּל זיך און בעט: פאַרלאָז מיך נישט! — און פּלוצים האָסטו זיך צו מיר באַוויזן, דו הערשנדע מלכה פון מיין האַרצן, און אָט שטייסטו פאַר מיר אין דיין פולער פּראַכט אויף דער ערד, דאָס צעפּטער פון גליק אין דיין האַנט, און די קרוין פון הילף און רעטונג אויף דיין שטערן. און איך — קוים האָב איך דיך דערזעען — און אַלע מיינע אונטער־דריקטע געפילן האָבן פּלוצים, ווי די פאַרמאַרעטע שלאַנגען, אַרויסגעקראָכן פון זייערע לעכער מיט זייערע האַלבע גופן, און ציען זיך און ציטערן, הונגע־ריגע, דאָרשטיגע, צו דיר, צו דיר, — און אַ ווילד פייער, אַ פייער פון מרידה, פלאַקערט און גליט אין זייערע אויגן. און זע, מיין גאַנצן הימל זילבערנע און גאָלדענע שטערן וועל איך דיר פאַר איין הויפן ליבע, פאַר איין איינציגן באַריר פון דיין גאָלדן צעפּטער, אַוועקגעבן. ווייל וואָס נאָך האָב איך פון הימל צו דערוואַרטן, נאָכדעם ווי דו האָסט אים צוליב מיך פאַרלאָזן, און דיין ליכט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן? שוואַך און דערשי־טערט זיינען געוואָרן די זיילן פון הימל, און חרב איז געוואָרן גאָט'ס היכל, זיין כסא־הכבוד צעבראָכן, און די געטלעכע טוירן אין אַש צעברענט. — און איך בין אויסגעוואַקסן שטאַרק און שיין, מיט אַן אומגעבראָכענעם שטאָלץ אין נשמה, מיט אַ לייבנגעשריי אין מיין ברוסט, און דו ביסט מיט מיר — באַפייל, און איך וועל מיינע לאַקן אַ טרייסל טאָן, און, ווי אַ שטרוי, וועל איך די צעשיטערטע הימלען פון מיין קאָפּ אַראָפּוואַרפן; גיב דיין וואָרט — און פאַרזינקען וועל איך אין גיהנום'שן תהום מיין לעבן, און ווי איך האָב מיינע אויגן אין אים אַראָפּגעלאָזט קוקנדיג אויף דיין בילד, וועל איך זיי שוין אויף אייביג צום הימל ניט אויפהויבן. שוועסטער, דערבאַרעם זיך אויף מיר, נעם מיך צו זיך, אין דיין האַנט גיב איך זיך איבער. דריק מיך צו, ווי אַ ברודער, צו דיין האַרצן — אָדער, לאָז מיך זיין דאָס בענקל פאַר דיינע פיס. ווי אַ הונט וועל איך ביים זוים פון דיין קלייד ליגן, און דעם קלענסטן צוק פון דיינע ברעמען היטן; דעם מינדסטן פאַרלאַנג דיינעם אויספירן, אָדער,

אַזוי ווי לייב, צו דיר אַ שפּרונג טאָן, און אין אַ פעלזנשפּאַלט דיך פאַר־שלעפּן . . .

און דער בחור האָט זיך פּלוצים באַהערשט, און אויף אַ בעטנדיק קול ווײַ־טער גערעדט:

אָדער, נײַע הימלען וועל איך פאַר דיר באַשאַפן, און מיט אַ נײַער בלויקייט און נײַעם ליכט וועל איך דיך אײַנהילן. און אײַנפּאַסן וועל איך דיך, ווי אַ זון, אין מײַן לעבנס־ספער, און אין ליד פון מײַן נשמה וועל איך דײַן אָנ־דענק אַרײַנוועבן. פון מײַנע תפילות וועל איך קרוינען פאַר דײַן קאָפּ פלעכטן, און מיט מײַנע ווײַסע בלומען וועל איך די ערד פאַר דײַנע פיס אויסבעטן. ווי אַ פײַערדיגער אָדלער וועל איך אַרום דײַן טראָן אומשוועבן, און פלאַמען אָנ־ווייען אויף דיר מיט מײַנע פליגל. מיט דײַנס אַ וואָרט — וועל איך אין אומ־באַגרענעצטער הויך זיך אויפהויבן, און ביז די ווײַטסטע זונען וועט מײַן גליקסגעשריי דערגרייכן.

און צעעפנט האָבן זיך דעם בחור׳ס אויגן, אין וועלכע ליכט און פײַער האָבן זיך געראַנגלט. ציטערדיג און ברענענדיג אינגאַנצן, האָט ער זײַן בליק מיט גרויסער ליבע צו דער מיידל אויפגעהויבן — און אַ קוק־טועודיג, איז ער פאַרשטיינערט געוואָרן. דאָס מיידל איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון שפּיץ פעלזן, נאָר איר געשטאַלט האָט זיך נאָך אין טײַך אָפּגעשפּיגלט, און צוזאַמען מיטן מאָרגנשטערן האָט זי צו אים פון שוואַרצער טיפעניש אַרויסגעקוקט.

און אַ העליש פײַער האָט דעם בחור׳ס האַרץ אַרומגעכאַפּט, און געברענט און געפלאַקערט. דראָענדיג מיט די פויסטן — האָט ער אין די גרויסע ליידן פון זײַן נשמה אויסגעשריען: „פײַער, פײַער, פײַער!" — און פון צווייטער זײַט טײַך, פון שפּיץ פעלזן, האָט דער ווידערקלאַנג אָפּגעענטפערט: „פײַ־ער, פײַער!" — און דער טײַך האָט געציטערט, און מיט פלאַם זיך אָנגעצונדן, און איבערן גאַנצן אינזל האָט זיך אַ פלאַם־פײַער געשריי געטראָגן.

און נאָכן געשריי, האָט זיך די גרויסע שטילקייט, די פרימאָרגן־שטילקייט זיך צעלייגט. אָנמאַכטיג איז דעם בחור׳ס קאָפּ אויף זײַן ברוסט צוגעפאַלן, און זײַנע אויגן האָבן צו דער שוואַרצער טיפעניש פון טײַך זיך צוגעשמידט. טרויעריג־שטיל איז אין דער פינסטערניש אַרום אים געווען, און אַנטשוויגן און שטום איז געווען אין דער פינסטערניש פון זײַן האַרצן. אַ שוואַרצער טרויער־פליגל האָט איבער אים געפאָכעט, און פינסטער, ווי דער תהום, זײַנען זײַנע מחשבות געווען.

נאָר הויך, אין מיטן הימל, איבער דעם בחור׳ס קאָפּ, האָט איין אויג, אַ גרויס, ליכטיג, גאָלדן אויג מיט ליבע אויף אים אַראָפּגעקוקט — געווען איז עס דאָס אויג פון מאָרגנשטערן.

און דער מאָרגנשטערן האָט אין הימל זיך געשטעלט, און פון דער ווייט הימלישע ברכות אויף דעם בחור׳ס קאָפּ געשעפּטשעט, און געגלעט און גע־וואונקען צו אים — נאָר דער בחור האָט עס נישט באַמערקט.

און פלוצים האָט דער בחור דערוואַכט. זיינע אויגן פון גיהנום׳שן אָפּגרונט אָפּגעריסן, און זיי אין ליכט פון הימל פאַרטרונקען, און געדוכט האָט זיך, ווי ער וואָלט מיט זיינע אויגן געוואָלט דערפאָרשן: הימל, אָדער גיהנום?

און דער הימלשער בלוי האָט זיינע אויגן קלאָר געמאַכט, און זיי האָבן צוריק זייער פריערדיגן אומשולדיגן גלאַנץ באַקומען, און ס׳איז נישט גע־ווען צו דערקענען, אַז אַ העליש־פייער האָט ניט לאַנג צוריק אין זיי געברענט.

און אַ פרימאָרגן־שטילקייט האָט זיך אין זיין האַרץ צעגאָסן, ווי מיט באַלזאַם אויף זיינע וואונדן געטריפט, און באַרואיגט, אונטערטעניג איז זיין האַרץ געוואָרן.

ער האָט אויפגעהויבן צוריק זיינע אויגן צו דעם שפּיץ פעלזן און דערזען, ווי הויך איבער זיין קאָפּ הענגט אַן איינציג קלאָר וואָלקענדל, און ווי אַ האַנט וואָלט זיך פון געפליגלטן וואָלקנדל אַרויסגעשטרעקט. איז עס געווען דאָס געשטאַלט פון מיידל, אָדער אַ ליכטיגער מלאך?

און זיין בליק האָט זיך צוריקגעצויגן צום מאָרגנשטערן, און זיין נשמה האָט זיך אין זיינע שטראַלן אַריינגעפלאָכטן. טרויערדיג, לויכטנדיג און שיי־נענדיג, איז ער נאָך אַלץ אַזוי ריין און אומבאַפלעקט ווי אין ערשטן טאָג פון וועלטבאַשאַף. דאָס ליכט זיינס ווערט ניט פאַרלאָשן, און זיין פונק נישט פאַרטונקלט. און יעדן פרימאָרגן ווען די וואונדערבאַרע מענער, די גרויסע יחידים, איינזאַמע יתומים אויף דער ערד, בלאָנדזשען דורך די נעבלען פון די סטעפּעס, און לייגן אויס מיט זייערע טריט די ערשטע שטעגלעך צו די שפּיצן בערג — דאַן גייט ער, דער וואונדערלעכער און איינזאַמער ווי זיי, אַרויס — באַגריסט זיי מיט קלאָרן ליכט, מיט זיין שטענדיגער ברכה, און ווינקט צו זיי מיט זיין גאָלדן אויג: זייט ריין, זייט ריין, זייט ריין! — און גיסט צונויף אַלע זייערע גרויסע נשמות, פון אַלע עקן פון דער וועלט, אין איין ליכטיגן פונקט, אין מאָרגשטערן.

און אַ גרויסע אומגעהויערע בענקשאַפט האָט דעם בחור אָנגענומען, און אַ ליבע צו גאָט, שטאַרקער פון טויט, האָט, ווי אַ שטראָם, זיין האַרץ דורכ־געשווענקט. ער האָט געטרונקען דעם הימלשן בלוי מיט די אויגן, און איז פאַר'שיכור'ט געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, די הענט צום הימל אויפ־געהויבן, און אויסגעשריען:

— גאָט, אויך דעם פייער פון האַרצן בין איך מקריב צו דיר!

און אַ גרויס ליכט האָט נאָך דער הייליגער שבועה אין זיינע אויגן אויפגע־לויכטן; ער האָט דערזען, ווי דער מאָרגנשטערן שיינט און ווינקט צו אים מיט שמחה און בענטשט אים מיט אַ געטלעכער ברכה. און איינגעטרויט האָט ער זיך אין זיין שטערן און געגלויבט אין אים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט גאָט אים גערופן, און זיין געטלעך פייער אים איינגעטיילט. און געשפּירט האָט ער, אַז עפּעס גרויסעס האָט גאָט באַשטימט פאַר אים אויפן וויסטן אינזל — און נישט געוואוסט וואָס.

ער האָט זיך אויפגעמונטערט, זיך פון אָרט גערירט, און מיט אַ זיכער רואיק האַרץ איז ער מיטן ברעג טייך געגאַנגען צו זיין גורל. דאָס געשריי פון פייער האָט נאָך געקלונגען אין זיינע אויערן, און זונאויפגאַנג האָט נאָך געשפּילט אין זיינע אויגן.

און ס'בילד פון מיידל אין וואַסער און קלאָר וואָלקנדל אין הימל, האָבן אויך פון זייער אָרט זיך גערירט, און אים פאַרויס־געגאַנגען.

נאָר דער בחור האָט זיך שוין מער ניט געוואונדערט, ווייל אַ פיל גרעסע־רער וואונדער איז אין זיין האַרצן אַריין — איז ער שטיל און שווייגנדיג גע־גאַנגען אַנטקעגן מאָרגנשטערן.

ז

און אַז דער בחור איז ווייט אָפּגעגאַנגען — האָט ער באַמערקט, אַז דער ברעג פון טייך מיט וועלכן ער גייט, דערהויבט זיך אַלץ העכער און העכער, ביז ער גלייכט זיך אויס מיטן פעלזן אויף דער צווייטער זייט. אוןביידע פעלזן קומען זיך צונויף, דערנענטערן זיך, און בויגן זיך אַריבערן טייך וואָס ליגט אונטער זיי איינגעשלאָסן. און געדוכט האָט זיך, אַז די צוויי ריזן האָבן געשלאָסן אַ בונד צווישן זיך: דעם תהום אין זייער טיפעניש צו פאַרנאַרן, און אין דער פינסטער אים דערשטיקן.

רואיג, אומדערשראָקן, האָט דער בחור אין טיפעניש פון תהום אַראָפּגעקוקט, און זיך געפרעגט:

— צי קען אַ מענטש, זיך וואַרפנדיג אין דאָזיגן תהום, נאָך בלייבן לעבן?

נאָר ער האָט זיך אויף אַ רגע ניט אָפּגעשטעלט, און איז ווייטער געגאַנגען — אַלץ העכער און העכער צום שפּיץ פון פעלזן. דאָס וואָלקנדל פון הימל און דער מיידלס בילד אין וואָסער זיינען אים פאָראויס געגאַנגען.

און פּלוצים האָט דאָס קלאָרע וואָלקנדל זיך אָפּגעשטעלט, און גערוט איבער דעם שפּיץ פעלזן. און דער בחור האָט אַ קוק געטאָן און דערזען, ווי אַ גרויסער שוואַרצער שטיין הויבט זיך אַרויס פון די פרימאָרגן־נעבלען, און דער שטיין איז הויך און שפּיציג, און זיצט אויף די פּלייצעס פון פעלזן.
אונטן וואַרפט זיך דער טייך פון אונטערגאַנג, און אויבן — ברענט אַ קליין פייערל.

און דעם בחור׳ס האַרץ האָט פון ווייטנס דערשפּירט דעם הייליגן פייער, און איז געוואָרן פאַרציטערט. אָט איז עס גאָט׳ס באַהאַלטענע ליכט, ציטערט דורך מדבר׳שע נעבלען און ווינקט פון די שפּיצן פעלזן. עס צאַפּלט דאָס ליכט און ציטערט, און ווינקט מיט וואונקען פון דער גאולה. ווער האָט אויפן שפּיץ פעלזן דאָס דאָזיגע ליכט אָנגעצונדן, און וואו איז יענער ריינער און לויטערער וואָס זאָל צום ליכט זוכה זיין? איז עס נישט צומאָל זיין גורל וואָס גאָט האָט אים אויפן ווייסטן אינזל באַשערט?

און אַ שטאַרקע געטלעכע פרייד, אַ נישט־באַגרענעצטע פרייד, איז ווי אַ מאַכטיגער שטראָם אין זיין האַרצן אַריין, און זיין האַרץ האָט זיך געפרייט און געשראָקן, און געקלאַפּט מיטן ציטער פון האָפנונג און גלויבן. זיינע פיס זיינען לייכט געוואָרן, און זיינע טריט — אויסגעברייטערט, און ער איז געגאַנגען און געשוועבט אַנטקעגן הייליגן ליכט. אין זיינע אויערן האָט נאָך געקלונגען דאָס געשריי פון פייער, און אין זיין האַרצן האָט די ברכה פון מאָרגנשטערן געזונגען.

און דער פונק פייער איז פאַר זיינע אויגן אַלץ געוואָקסן. אָט איז עס ווי אַ קליין פייערדיג צינגל וואָס טאַנצט מיט ליבע אַנטקעגן זיין שוועסטער, דער זון. און אָט איז עס ווי דער פייערדיגער לאָק, ווי דאָס פייער פון מזבח, וואָס ער האָט געזען אין דעם טאָג פון זיין נזירות.

און דער בחור האָט דעם געטלעכן פֿייער דערקענט, און דער אָדלער אין נעסט פֿון זיין האַרצן האָט דערוואַכט, און האָט מיט אַ דערהויבן געשריי דורך זיין מויל זיך אַרויסגעריסן: „גאָט׳ס פֿייער! גאָט׳ס פֿייער!״ — און דער בחור האָט פֿאַרגעסן אָן טיפֿן תהום, אויפֿן שפּיץ פֿעלזן אַרויפֿגע־קלעטערט, דאָס הייליגע פֿייער אָנגענומען, און עס אויפֿגעהויבן אַנטקעגן הימל. אין פּראַכט פֿון יוגנט און שיינקייט איז ער אין דער הויך געשטאַנען. הויך זיין באַקרוינטן קאָפּ אויפֿגעהויבן, און דער פֿאַקל פֿון הילף האָט אין זיין האַנט געברענט. דאָס קלאָר־ווייסע וואָלקנדל האָט געשוועבט איבער זיין קאָפּ ווי אַ מלאך, און דער מאָרגנשטערן האָט זיין מוטיקייט באַגריסט.

און אַ מאַכטיגע פֿרייד־געשריי איז געווען גרייט זיך אַרויסצורייסן פֿון בחור׳ס ליפּן — נאָר אין דער מינוט האָט זיך ווידער פּאָר אים, פֿון פֿינסטערן תהום אַרויס, דער מיידלס בילד באַוויזן. וואונדערלעך, אין איר שיינקייט און יוגנט, איז זי פֿאַר אים דערשינען, און זונאויפֿגאַנג האָט אין אירע אויגן געלויכטן. אירע בליקן זיינען גלייך אויף אים געפֿאַלן, גלייך ווי זי וואָלט אַ נעץ אין זיין נשמה פֿאַרוואָרפֿן, כדי אים צו פֿאַנגען. שטיל ציט זי זיך צו אים אין דערהויך, און שטיל ציט זי אים צו זיך אין אָפּגרונט. אירע הענט זיינען צו אים אויסגעשפּרייט אים אויפֿצונעמען, און זיך אים אָפּצוגעבן גע־גרייט. איר בליק — טויטלעכע ליבע, וואָס מעסט מינוטן דורך אייביקייטן.

און דער בחור האָט פֿעסט דעם הייליגן פֿייער צום האַרצן צוגעדריקט, האָט צוגעמאַכט אין ציטערניש די אויגן, אויסגעשריען: הימל — גיהנום — דו . . . און זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון שפּיץ פֿעלזן אין די אָפֿענע אָרעמס פֿון טיפֿן אָפּגרונט.

און גאָט׳ס ליכטלעך פֿון הימל זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן, און דער הימל איז בלאַס געוואָרן און נאַקעט, ווי גאָט׳ס פֿעלד נאָכן שניידן. און דאָרט, אָן אַ זייט פֿעלד, איז געלעגן אַוועקגעוואָרפֿן, ווי אַ נוצלאָזע כּלי, דער סערפּ פֿון דער לבנה.

און דאָס ווייסע וואָלקנדל האָט אַ ציטער געטאָן און צעגאַנגען געוואָרן, און דער מאָרגנשטערן האָט אַ צאַפּל געטאָן — און פֿאַרשוואונדן געוואָרן. די זון האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין איר קעניגלעכער שטאָלץ, און איז אויפֿן הימל אַרויסגעטראָטן, אַ טרייסל געטאָן מיט אירע גאָלדענע לאָקן, און איר שיין האָט זיך אויף די ווייטסטע בערג צעגאָסן.

ח

און די וואַסערן האָבן דעם בחור אויסגעשפּיגן אין זייער אַ וויטן לאַנד, אין אַ פרעמדן לאַנד, אין גלות־לאַנד.

און ער האָט אומגעוואַנדערט אין אַלע לענדער צווישן די גלות־קינדער, און איז געגאַנגען צווישן זיי ווי אַ לעגענדע פון פאַרצייטן, ווי אַ וויזיע פון דער צוקונפט, און פרעמד און סודותדיג איז ער זיי פאָרגעקומען.

און פרעמד זיינען אים הימל און ערד געוואָרן. ער האָט אויסגעלערנט זיינע אויגן גראַד, אַנטקעגן אים, ביז עקן וועלט, צו קוקן — ווי עס האָט געקוקט אויף אים גראַד דער מיידל׳ס בליק אין יענעם פרימאָרגן.

ווען האָט ער יענעם פרימאָרגן געזען?

און דער בחור האָט געבלאַנדזשעט אויף דער ערד, אַזוי ווי אַ געפאַלענער שטערן בלאַנדזשעט אין חלל פון הימל, און ער האָט גאָרנישט ניט פאַרמאָגט אַ חוץ דאָס גרויסע פייער אין הארצן, און אַ חוץ דעם זונאויפגאַנג אין זיינע אויגן.

ווען איז דאָס פייער אין זיין האַרץ אַריין?

דען אין אַ דרייפאַכיגן שמעלצפורעם איז זיין האַרץ געלייטערט געוואָרן, און אַ דרייפאַכיגער פלאַם האָט אין אים געברענט: דאָס פייער פון גאָט, און דאָס פייער פון שטן, — און דאָס שטאַרקסטע פון זיי ביידע — דאָס פייער פון ליבע.

האָט ער געטראָגן דעמדאָזיגן פייער אין אַלע פיר ווינקלען פון דער ערד; מיטן הויך פון זיין מויל האָט ער הערצער אויפגעפלאַמט, און אין פאַרלאָשענע אויגן האָט ער ליכט אַנגעצונדן.

און צו זיינע פאַרוואָגלטע ברידער איז ער אַרויס, און זיי געזען אין זייער דערנידערונג און פּיין — האָט ער מיט זייער פּיין געוויינט, און מיט זייער זיפץ געזיפצט. און הימלשע געשרייען, גיהנום־ליידן, גאָט׳ס נקמה און זיין שטורעמדיגער צאָרן האָבן זיך געהערט אין זיין זיפץ; דאָס געשריי פון אַ נשמה וואָס גייט־אויס אין יסורים פון אַן אומזיסטער נישט־געענטפערטער ליבע, און דאָס זיפצן פון דער וועלט אין נאַכט פון חורבן.

און אַמאָל — אַז דער בחור פלעגט אַנטשוויגן ווערן אין זיינע גרויסע ליידן, און זיין געשריי פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין שטילקייט — איז קיין גרעסערער טרויער נישט געווען פון זיין טרויער, און קיין טיפערער צער פון זיין צער נישט געווען.

און קיין איינציגער מענטש האָט זיין גראָדן בליק נישט געקענט אויסהאַלטן. מענטשן פלעגן פון אים זייערע אויגן אָפּווענדן: ווער עס פלעגט זיי צום הימל אויפהויבן, און ווער צו דער ערד אַראָפּלאָזן. און דער בחור פלעגט נאָכקוקן דעם יעניגן ביז ער פלעגט פאַרשווינדן, און ער האָט אויף יענעם גרויס רחמנות געלייגט.

און ער האָט אויך אויף זיין וועג געטראָפן מענטשן פון שנאה און האַס — און זיי פלעגן פון זיין בליק פאַרציטערט ווערן און איילנדיג פון אים זיך אָפּקערן; דער שטערן זייערער פלעגט זיך קנייטשן, מיט די געדיכטע ברעמען פלעגן זיי די אויגן צודעקן און אויף דער ערד אַראָפּקוקן; זייער האַנט לייגן זיי אויף זייער האַרץ — און געדוכט האָט זיך, ווי זיי וואָלטן וועלן באַהאַלטן אַ גנבה פון די אויגן פון סודות׳דיגן מאַן.

אָבער דורך און דורך האָט ער זייער האַרץ געזען, און אין זייער נשמה, ווי אין די טויערן פון אַ געפאַלענער פעסטונג, אַריינגעדרונגען. און געזען האָט ער אַלע זייערע ווייטאָגן, צוזאַמען מיט זיי האָט זיך זיין האַרץ געצאַפּלט און געווייטאָגט, און מיט זייער פיין — מער פון זיי זיך געפּייניגט.

און אַמאָל — אַז ער פלעגט טרעפן אַ זאַטן צופרידענעם מענטשן, פלעגט זיין קוק אין יענעמס האַרץ זיך אַריינשטעכן, און ביז צום טויט אים קראַנק מאַכן; די רו פלעגט שוין פון יענעם מענטשן אַנטלויפן, און ביינאַכט אויף זיין געלעגער פלעגט דער שלאָף פון אים וויכן.

און מענטשן פלעגן צו אים קומען און שטיל זייער קאָפּ פאַרבויגן אונטער זיין ברכה און קללה. שטראָף און טרייסט פון זיינע ליפּן געזוכט, תפלה און רחמים פון זיינע אויגן געבעטן. אַ ים רחמנות פלעגט זיך איבערגיסן אין זיין האַרצן, און זיין טרייסטוואָרט פלעגט פאַלן ווי מאַרגנטוי אויף די צע-

בראָכענע הערצער. מיט גרויס רחמנות פלעגט ער אויף זיי קוקן, און אין זיין בליק האָט דער פרימאָרגן געלויכטן.

ווייל געטראָגן האָט ער אין זיין האַרצן דאָס גרויסע ליכט פון דער ליכטיגער זון צוזאַמען מיט דער פינסטערניש פון נאַכט און אירע סודות — נאָר זיינע אויגן האָבן תמיד נאָך זונאויפגאַנג געדאָרשט. אין זיין נשמה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זונשיין און זונאויפגאַנג איז געווען זיין לעבנסליד.

*

און אַז דאָס האַרץ פלעגט אים פאַרקלעמען — ווען זיינע גרויסע חלומות און אומבאַגרענעצטע ליידן פלעגן רוישן אין אים ווי כוואַליעס אין צעבראָזטן ים — פלעגט ער מיט זונאויפגאַנג, אויסער שטאָט, ביים ברעג טייך, אַרויסגיין, און אָן אַן איינזאַמען בוים זיך אָנשפּאַרן. זיינע אויגן פלעגט ער צום מאָרגנשטערן אויפהויבן, און אין וואַסער פון טייך האָט ער זיין אָפּשפּיגלונג געזוכט. דערנאָך פלעגט ער די אויגן צומאַכן און אין תהום פון זיין נשמה אַריינקוקן. און לאַנג פלעגט ער אַזוי שטיין, און שווייגן מיט דער גאַנצער וועלט אין זיין גרויסן טרויער, דער טרויער פון דעם יחיד.

און דער יונגער מלאך אויפן מאָרגנשטערן, מיט די קלאָרע פליגל און בענקענדיגע אויגן — האָט זאַכט דעם שטומן טרויערבעכער איינגעבויגן, און שטיל, טרער נאָך טרער, געגאָסן אין דער שטילקייט פון פרימאָרגן.

דו גייסט פון מיר אַוועק . . .

דו גייסט פון מיר אַוועק — איז גיי מיט פרידן,
און זאָל דייך ווילן זיין דאָס ליכט פאַר דיינע טריט —
זאָלסט רו געפינען וואו נאָר דו וועסט קומען.
און איך — זאָל דיך ניט אַרן, כ׳בין ניט איינזאַם נאָך:
כל זמן עס שיינט די זון ביים אויפגיין און ביים אונטערגיין,
און ס׳זיינען נאָך גאָטס שטערן מיד ניט מיר צו ווינקען —
בין איך נאָך ניט קיין יורד גאָר אין גאַנצן,
און קוואַל פון טרייסט איז נאָך נישט אויסגעטריקנט.
ס׳איז וואָר, דו פעלסט מיר אויס, דאָך זע: ס׳איז נאָך
פאַרבליבן מיר געגנוג: ס׳איז מיינס די גאַנצע וועלט;
איז פראַכטיג ווי זי איז: מיט אירע גרינע פרילינגס,
מיט איר סוף־זומערדיגן גאָלד און ווינטער־ווייסקייט.
און כ׳האָב נאָך אויך אַ האַרץ — אַ נעסט פאַר מיינע טרוימען
וואו ס׳האַלט זיך אויף מיין טרויער דאָרט דער הייליגער;
איך טראָג מיט זיך אַ ריינעם מלאך מיט — דיין ליכטיג בילד,
וואָס שוועבט איבער מיין קאָפּ ווי גאָט׳ס אַ חסד
און בענטשט מיך שטילערהייט אַ ציטעריגס, אַ צאַרטס,
ווי ס׳איז דער מאַמע׳ס טרער אַריבער שבת־ליכט;
ווי יענער ציטערדיגער שטערן אינם הימל
וואָס קוקט אויף מיר אַראָפּ מיט טרייסט און ליבע
און שטרעקט מיר אין דער פינסטער אויס זיין גאָלדן צעפּטער.

איך ווייס נאָך וואויל —
עס וועלן זיך נאָך אויף דער ערד צעשפּרייטן
אויף בלויע טעפּיכער מיט גאָלד געהאָפטן,
ווי שוואַרצע נעגער־שיינקייטן — די זומער־נעכט,
די זיסע ברענענדיגע שווייגנדיגע נעכט,

געהילט אין שוואַרצן און באַצירט מיט שטערן —
און יעדער שטערן, ווי אַ מילגרוים, ווי פון גאָלד אַ מילגרוים;
און אַ פאַר׳שיכור׳טע פון תאווה, מיד פון לוסט —
די וועלט זי ליגט פאַרטייעט אין דעם שויס פון נאַכט.
און פּלוצים לאָזט אַרונטער זיך די גרויסע שטילקייט
און ס׳לויפט אַדורך דער וועלט אַ תאווה׳דיגער ציטער;
עס ווערן שטערן אין דער הויך צעוויגט, צעטרייסלט,
און גיסן זיך, און פאַלן צו דער ערד אַראָפּ אין שטראָמען,
ווי ס׳פאַלן בלעטער גאָלדענע אין וואַלד אין בלעטערפאַל.
און דורכגעברענט פון תאווה, און פאַרצערט פון לוסט,
שלייכט יעדער איינער מיט זיין דורשט און הונגער זיך אַרויס
און טאַפּט די ווענט ווי בלינד, און האַלזט דעם האַרטן שטיין,
און קלאַפּט זיך אָן דער ערד, קריכט ווי אַ וואָרים אום,
איין גאָלדיג טראָפּן אויפצוקלייבן, בלויז איין ברעקל
דערפון וואָס ס׳האָט זיין שטערן אים אַראָפּגעוואָרפן —
איין טראָפּן ליבע אויסצוזוכן, בלויז איין פּיצל גליק.

אין יענער שעה — אויס ס׳וועט דיין בענקשאַפט דיך באַהערשן,
און מיד און דורשטיג אויב דיין אויג וועט וואַנדערן
און האָפנונגסלאָז אַרויסקוקן אין נעבל —
און אויסגיין וועט דיין האַרץ נאָך גאָט און ליבע —
זאָלסטו, אַזוי ווי איך, די אויגן אויפהויבן
און לערנען זיך פון הימל רואיגקייט און שטילקייט.
דו זעסט, וויפיל אַזוינע און אַזעלכע שטערן
זיי גייען יעדע נאַכט פאַרלוירן פאַרן הימל —
און ער, דער הימל, שפרייט זיך אַלץ נאָך רייך און רואיג
און שפירט ניט זיין אבדה, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל גאָר
פון אים קיין פּיצל גאָלד ניט זיין געמינערט.

ראָמאַנס

דו האָסט, ווי אַ שטורעם, געטאָן זיך אַ ריס,
און פּלוצים דיין תּפיסה צעשאָטן;
און האָסט דאָרט אַרום דאָס געצעלט מיינס פאַרווישט
דעם שפּור פון דיין טריט און דיין שאָטן.
דו האָסט מיט אַן אימפּעט געלאָזט זיך אין וועג,
פאַרנומען צוזאַמען מיט דיינע געפּעק,
דיין גלעקל דיין גאָלדנס, דיין קלינגענדיק לאַכן,
דיין פייער פון האַרצן און פלאַמיגע פריידן.
נאָר איינס: האָסט פאַרגעסן מיט מיר זיך צו שיידן,
אין איילעניש האָסטו געלאָזט אַ פּאָר זאַכן:
אַ זיידענעם שיכל אין ווינקל פאַרוואָרפן,
און דאָרט אויפן פענסטער געלאָזט מיינע רויזן,
דעם בינטל פון מיינע חלומות וואָס ברויזן,
און מיך. — — —

וואו נאָר דו וועסט זיין — זיי געבענטשט, זיי געגריסט!
אין שטורעם מיט דיר בין איך וואו נאָר דו ביסט!
אויב דו ביסט אין מעכטיגן שטורעם געבאָדן,
און איך בין מיט טרוימען באַשווערט און באַלאָדן —
ביז העכסטע שפּיץ בערג און ביז פינסטערע תּהומען
וועט טרויער פון טאָג און מיין נאַכט דיך באַגלייטן.
ביי דיר אויף די פליגל — און גאָר אַן דיין וויסן —
וועל איך ווי אַן איינזאַמער וואָלקן זיך שפּרייטן;
און וואו איך וועל שטראָמען,
און וואו איך וועל פליסן,
אַ שאָטן פון שרעק און פון שווערן געמיט —
וועל שפּאַלטן די וועלט מיט מיין דונער און בליץ,
און וועל זי דערפרישן מיט רעגן־געשפּריץ,
און מיין ליד.

די סאַזשעלקע

איך קען אַ וואַלד, און אין דעם וואַלד
איז מיר באַקאַנט אַ צנועה'דיגע סאַזשעלקע;
אין דער געדיכטעניש, ווייט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט,
אין שאָטן פון אַ הויכן דעמב,
פון זון געבענטשט, פון שטורעם אויסגעפּרופט —
דאָרט חלומ'ט זי דעם חלום פון אַן אומגעקערטער וועלט,
טוט פּישן שטיל די גאָלדענע פּישלעך אירע —
און קיינער ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך אין איר האַרצן.

פרימאָרגנס —
ווען ס'וואַשט די זון די צעפּ פון שטאָלצן וואַלד
און גיסט אַ ים מיט שיין אויף זיינע לאָקן —
און ער, דער גבור, שטייט אין נעצן גאָלדענע פאַרשפּונען,
ווי שמשון אין די הענט ביי דלילה'ן,
ער גיט זיך ווילig איבער מיט אַ לייכטן שמייכל
אין שיין פון ליבהאָבער וואָס שפּירט די כחות אייגענע,
אין נעץ דער גאָלדענער, נעמט זיין געפאַנגנשאַפט מיט ליבע אָן;
ער הויבט זיין קרוין אויף צו דער גבורה פון דער זון,
ווי ער וואָלט זאָגן איר: פאַרפּלייץ מיך, צערטל מיך, צי בינד מיך,
און טו מיט מיר וואָס נאָר דיין האַרץ באַגערט.
די סאַזשעלקע, אין יענער שעה —
צי זי איז יאָ זוכה, צי ניט זוכה: איין שטראַל
איין גאָלדענעם צו קריגן פון דער הויך —
פאַרטייעט זיך אין שאָטן פון איר שיצער, דעם פּילצווייגנדיגן,
טרינקט אָן די וואָרצלען זיינע, און איר וואַסער רוט;
ווי זי וואָלט שטילערהייט געפרייט זיך מיט איר חלק

וואָס זי איז זוכה, זיין אַ שפּיגל פאַרן מעכטיגן פון וואַלד.
און ווער קען וויסן, אפשר חלומ'ט זי אין זיך פאַרבאָרגן,
ניט בלויז זיין אָפּשפּיגלונג און וואָרצלען זיינען טיף אין איר,
נאָר ער אין גאַנצן וואַקסט אין איר.

און אין אַ לבנה־נאַכט —
ווען ס'ליגט אַ שווערער סוד איבערן וואַלד צעלעגט,
און ס'פּליסט אַ סודות'דיגע ליכט צווישן צווייגן,
וואָס גנבֿ'עט זיך אַרונטער איבער קאַמבלען,
און וועבט אין זילבער און אין בלוי
געוועבן וואונדערלעכע —
און שטיל איז יעדער צווייג, און שטיל איז יעדער בוים.
שטייט איטלעך איינציגער פאַרשאַטנט מיט זיין בלעטערקאָפּ
און טראַכט אין שטילקייט זיינע טראַכטונגען.
און ס'איז דער וואַלד געלאַדן מיט געדאַנק,
און היט אַ מלכות'דיגן סוד, אַ פּראַכטיגן און אַלטן,
אַז דאָרט אין טיפסטער טיפעניש, אין זיין באַהעלטעניש, —
אין גאָלדן בעט, פאַרהוילט פון יעדן לעבעדיגן, שלאָפט
אין אומשולד און אין פּראַכט, אין יוגנט אייביגער,
אַ יונגע בת־מלכה וואָס ליגט פון לאַנג פאַר'כשופ'ט —
און ער, דער וואַלד, דאַרף ציילן יעדן אָטעמצוג,
און היילִיג אָפּהיטן איר יונגפרוישאַפט —
ביז קומען וועט דער בן־מלך, איר ליבהאָבער, איר אויסלייזער,
און וועט זי אויסלייזן —
די סאַזשעלקע אין יענער שעה ;
צי איז זי יאָ זוכה, צי ניט זוכה,
אין שוואַכן לבנה־שטראַל צו קריגן פון דער הויך —
פאַרטייעט זיך אין שאָטן פון איר שיצער, דעם ברייטצווייגנדיגן,
און דאָפּלט טיפער איז איר שוויגן,
ווי גאָר די שטילקייט פון דעם וואַלד און גאָר זיין סוד,
געלעגן וואָלטן דאָ צענויפגעקנוילט
ביי איר, אין דרעמלענדיגן וואַסער־שפּיגל.
און ווער קען וויסן, אפשר חלומ'ט זי דאָ שטילערהייט,

אַז בלויז אומזיסט לויפט אום און בלאָנדזשעט אום דער בן־מלך
און זוכט אין וועלדער אייביגע, מדבריות זאַמדיגע, אויפן דעק פון ים'ען
דער בת־מלכה דער לאַנג פאַרלוירענער —
אַז ס'איז דער אוצר אָט דער דאָזיגער אין גאַנצער שיין
פאַרבאָרגן דאָך ביי איר אין אירע טיפקייטן —
אין האַרצן פון דער דרעמלענדיגער סאַזשעלקע.

און אין אַ שטורעם־טאָג:
אַ מחנה וואָלקנס האָט זיך איבערן קאָפּ פון וואַלד
פאַרזאַמלט קריגעריש:
זיי האַלטן זיך נאָך אָפּ און צוימען זייער צאָרן,
און ס'ציטערט זייער לייב מיט ברום פון דונער.
איין וואָלקן צו דעם אַנדערן, ווי אַנזאָגער פון וויסטע בשורות
שיקט בליץ־סיגנאַלן פלינקערהייט:
„זיי גרייט!"
און איידער ס'איז באַקאַנט, ווער ס'איז דער שונא,
און אויך פון וואַנען ס'וועט דער שונא קומען —
דער וואַלד ער שטייט אַ פינסטערער, געגרייט
צו אַלע צרות אויף דער וועלט.
און פּלוצים — בליצט דער בליץ! פלים־פלאַם! דער וואַלד ווערט בלאַס,
די וועלט — זי בלינצלט!
טראַך־טראַך! ס'האָט אויסגעפּלאַצט דער דונער, זיך צעשאָטן,
דער וואַלד האָט זיך צערירט און אויפגעזאָטן.
און זעכציג רבוא ווילדע ווינטן
— וואָס זעען אַלץ און ווערן נישט אַליין געזען —
זיי האָבן מיט געפּייף און ווילדן ברומען
אַ לאָז געטאָן זיך אויף די בוימער זיינע,
זיי אָנגענומען פּלוצים פאַר די גריוועס,
און זיי געוואָרפן וואַרפנדיג, געשלאָגן אין די קעפּ —
און דונער פּלאַצט נאָך דונער!
פון שטורעם רייסט זיך דאָס געברום פון וואַלד
ברייט־רוישנדיג, שווער־ברויזנדיג,
ווי כוואַליעס וואַסער אָנגעגאָסענע —

און ס'שרייט דער וואַלד מיט שטורעם, שטורעם, שטורעם . . .
אין יענער ברויזנדיגער שעה, די סאַזשעלקע
אַרומגערינגלט מיט אַ פעסטונג פון די ריטער־בוימער
באַהאַלט נאָך טיפער אין איר טיפקייט אירע פיש די גאָלדענע,
ווי אַ דערשראָקן קינד באַהאַלט זיך אין אַ נאַכט פון גרוילן
מיט אויגן מיט פאַרמאַכטע אונטער מאַמעס פליגל,
און שליסט מיט יעדן בליק די ברעמן שטייפער —
אַזוי, קרום־פּנים'דיג, שוואַרץ־וואַסערדיג און פינסטער
פאַרקנוילט זי זיך אין שאָטן פון איר שיצער דעם פילצווייגנדיגן —
און ציטערט, ציטערט . . .

און ווער קען וויסן —
צי האָט זי מורא פאַרן גורל פונם שטאָלצן וואַלד,
און פאַר דער שטאַרקייט פון די קעפּ זיינע צעפלאַכטענע,
צי ס'טוט איר באַנג די שיינקייט פון איר צנועה'דיגער וועלט,
קלאָר־טרוימענדיגער בילדער־רייכער וועלט,
וואָס ס'איז דער שטורעם זי אַדורך, און זי באַטריבט.
אויף וואונדער־זעהונגען, ביי איר אין הארצן אויפגעגאַנגענע
אין טאָגיגע און נאַכטיגע חלומות,
וואָס ער האָט אין איין צאָרנדיגער שעה צעשטערט.

באַגינען —
עס שוויגט דער וואַלד נאָך. ברוגזע און ציטערדיגע
פאַרקנוילן זיך די לעצטע שאָטנס אין באַהעלטעניש.
נאָר מילכיג־ווייסע נעפּלען, פּויזנדיג אויף דער'ערד
זיי הויבן אָן שוין רויכערן אין וואַלד, זיי בלאָנדזשען,
און היינגען אָן זיך שטיקערווייז אויף זיינע גריוועס.
און קליינע, זיסע, ווארעמלעכע צינגלעך פון דעם ווינט,
ווי ס'צינגל פון אַ צערטלעך קינד אויף מאַמעס באַקן,
זיי לעקן אָפּ דעם מילכשוים פון די ווייסע נעפּלען,
זיי פאַלן אין אַ נעסט אריין, צערירן דאָרט ניט־וויסנדיג,
די פעדערלעך פון פויגל־עופה'לע וואָס שלאָפט. — — —
אַריבער הויכקייטן פון וואַלד האָט אָפּרוען געשטעלט זיך

אַ הימלישע חבריה — קלאָרע מחנות וואָלקנס
וואָס זעען אויס ווי מזרח־פירשטן, ווייסע שליחים
וואָס טראָגן פאַרבאַהאַלטענע מגלות אין די הענט,
באַפעלן שטרענגע פון אַ גרויסן מלך,
פון איין וועלט צו אַ צווייטער וועלט.
עס שטייט דער וואַלד אַ וואַכעדיגער און ער שווייגט,
פאַרשטיקט מיט ציטער און מיט אָטעם איינגעהאַלטענעם
דעם מינדסטן רויש, דעם קלענסטן פּיפּס פון פויגל —
און שטייט אין שרעק און ערנפורכט — — —
אין יענער שעה — די דרעמלענדיגע סאָזשעלקע
פאַרוויקלט זיך אַ רואיגע, אַ וואַרעמע, אַ גלאַטע
אין לייכטן ווייסן ליילעך — אין אַ בלאַסן נעפּל,
און דרימלט איר באַגינען־שלאָף.
און ווער קען וויסן, אויב זי חלומ'ט ניט אַצינד
אַז בלויז אומזיסט טוען די הויכע פירשטן פונם הימל,
אַרומוואַגלען אין ווייט אַן אַנדער וועלט צו זוכן
אין ווייטע ימ'ען און אויף ווייטע האָריזאָנטן —
און ס'איז די אַנדער וועלט דאָך נאָענט, אַזויפיל נאָענט,
זי ליגט דאָך דאָ פון אונטן, דאָ פון אונטן,
אין האַרצן פון דער סאָזשעלקע באַהאַלטענער.

און איך, אין יוגנטצייט, אין מיינע שענסטע טעג,
ווען ס'האָט צוערשט די שכינה איבער מיר געפלאַטערט,
ווען ס'האָט מיין האַרץ געוואוסט פון בייבקען און פון שטילן וואונדער,
און האָט געזוכט נאָך פאַר זיין תּפילה אַ באַהעלטעניש —
פלעג מיך אַוועקנעמען אין היץ פון זומער־טאָג
אין קעניגרייך פון רואיגקייט פון פּראַכטיגער —
אין טיפעניש פון וואַלד.
און דאָרטן, צווישן בוימער־זקנים וועלכע האָבן
דעם אָפּהילך פון דער האַק נאָך קיינמאָל נישט געהערט,
און אויף אַ שטעג וואָס בלויז דער וואָלף און יעגער קענען אים,
דאָרט פלעג איך גאַנצע שעה'ן אומבלאָנדזשען אַליין,
פלעג מיך מתיחד זיין מיט גאָט און מיט מיין האַרצן,

ביז כ'פלעג דורך שטרויכלונגען פון נעצן גאָלדענע
אַריינקומען אין קדשי־קדשים פון דעם וואַלד —
צו זיין שוואַרצאַפּל:

דאָרט אינווייניג, אַהינטער בלעטערנעם פּרוכת
איז דאָ אַ אינזל קליין, מיט גראָזן אויסגעבעט,
אַן איינזאַם אינזל, ווי אַ קליינע וועלט פאַר זיך,
אַ שטילער היכל, אויסבאַהאַלטענער אין שאָטנס,
פון וואַלד־זקנים, ברייט־צווייגעדיג, מיט וואָל באַוואַקסן.
דער באַלקן זיינער — איז אַ בלויער קליינער הימעל
וואָס בויגט זיך רונד, ליגט ממש אויף די בוימער.
זיין דיל פון גלאָז: אַ סאַזשעלקע מיט קלאָרן וואַסער
אַ זילבער־שפּיגל אין אַ ראַם פון פייכטן גראָז.
און דאָרט איז נאָך אַ קליינע וועלט פאַראַן, אַ צווייטע וועלט,
און אין דעם הימל אין דעם דאָזיגן, אין מיטן פון דער סאַזשעלקע,
איינס קעגן אַנדערן ,צוויי דימענטן דאָרט זיינען איינגעפאַסט,
צוויי גרויסע שטראַלנדיגע דימענטן —
צוויי זונען.

און זיצנדיג ביים ראַנד פון סאַזשעלקע, און קוקנדיג אַריין
אין רעטעניש פון וועלטן צוויי, פון צווילינג וועלטן,
נישט ווּיסנדיג אַוועלכע פון די צוויי קומט פריער,
מיין קאָפּ געבויגן אונטער ברכה פון די זקנים־בוימער
וואָס טריפן ליכט און שאָטן, ליד און זאַפט אינאיינעם —
פלעג איך בחוש דערפילן, ווי עס פליסט אַריין
אַ נייער פרישער שטראָם אין מיין נשמה,
און סהאַרץ מיינס דאָרשטיג נאָכן סוד דעם גרויסן
ווערט אָנגעפילט מיט גרויסער שטילקייט פון אַ האָפנונג,
ווי עס וואָלט מאָנען נאָך און נאָך, און וואַרט און גאַרט
אויף דער אַנטפּלעקונג פון דער שכינה,
צי אויף דעם נביא אליהו'ס קומען.
און אַז מיין האַרץ פלעגט בענקען, אויסגיין אין אַ הייליגן פאַרלאַנג
און אַז דאָס ווידערקול פון גאָט וואָס פאַרבאַהאַלט זיך

פלעגט פלוצים פון דער שטילקייט אָפּקלינגען:
„וואו ביסטו?"
פלעגט פול ווערן דער וואַלד מיט גרויסן וואונדער,
און בוקסנבוימער, אַלטע בירגער איינגעוואָרצלטע,
זיי פלעגן מיך מיט גדלות אָנקוקן, און שטיל זיך וואונדערן:
„ווי קומט דער דאָזיגער צווישן אונז?"

ס׳איז דאָ אַ שטילע געטער־שפּראַך, אַ שטילער לשון,
וואָס האָט קיין קול און קלאַנגען ניט, בלויז פאַרבן און קאָלירן;
די שפּראַך האָט כּישוף, פּראַכטבילדער און זעאונגען —
אויף דער שפּראַך טראַכט דער האַר פון וועלטן זיינע טראַכטונגען,
אין איר פאַרקערפּערט יעדער קינסטלער זיינע זעאונגען,
געפינט באַשייד אין איר פאַר זיינע חלומות;
דאָס איז די שפּראַך פון זעאונג, וואָס אַנטפּלעקט זיך
אין פאַס פון בלויען הימל, און אין זיינע ברייטקייטן,
אין קלאָרקייט פון די זילבער וואָלקנדלעך, און אין די שוואַרצע כמאַרעס,
אין ציטער פון די תבואות גאָלדענע אויף פעלדער,
און אין דער שטאָלציגקייט פון שטאַרקן צעדער;
אין פלאַטער פון דעם ווייסן פליגל פון אַ טויב,
און אין די מעכטיג־אויסגעשפּרייטע אָדלער־פליגל;
אין שיינקייט פון דעם מענטשנס קערפּער, אינם ליכט פון אויג,
אין צאָרן פון דעם ים, אין ברויז פון כוואַליעס און אין זייער שפּילן,
אין פינסטערניש פון נאַכט, אין שטילשווייגן פון פאַלנדיגע שטערן,
אין רעש פון פייערן, אין ברען פון פלאַמענדיגע ים׳ען,
פון זונען־אויפגאַנגען און זונען־אונטערגאַנגען —
אין שפּראַך דערדאָזיגער, דער שפּראַך פון שפּראַכן, האָט די סאַזשעלקע
איר רעטעניש די אייביגע געפּרעגט מיך.
באַהאַלטן אינם שאָטן, דורכזיכטיג און שווייגנדיג,
וואָס קוקט אויף אַלץ, און אַלץ טוט שפּיגלען זיך אין איר,
און האַלט זיך אין איין ענדערן מיט אַלץ —
האָט זי מיר אויסגעזען ווי ס׳אויג דאָס אָפענע
פון האַר פון וואַלד דעם גרויס־סודות׳דיגן
און לאַנג־צווייגנדיגן.

זעער, אַנטלויף

(עמוס ז, י״ב).

„אַנטלויף?״—עס קען דאָך ניט אַ מענטש ווי איך אַנטלויפן—
פֿאַמעלעך גיין, געלערנט האָבן מיך די רינדער;
אויך ריידן שיין האָט זיך מיין צונג ניט אויסגעלערנט,
און ווי אַ האַק אַ שווערע פֿאַלט מיין וואָרט אַצינדער.

און אויב אומזיסט צערונען איז מיין קראַפֿט — בין איך ניט שולדיג
ס'איז אייער שולד, און איר וועט מוזן די זינד טראָגן:
מיין האַמער האָט קיין אייזן אונטער זיך געפֿונען,
מיין האַק האָט אין צעפּוילטן האָלץ זיך אָנגעשלאָגן.

איז גאָרנישט! איך וועל מיט מיין גורל מאַכן שלום,
פֿאַרשטעקט אין גאַרטל מיינע ווערקצייג און פֿאַרנומען
און טאָג־געדונגענער ווי כ'בין, אָן לוין פֿאַר מיין טאָג אַרבעט
וועל איך מיך שטיל צוריקקערן, ווי כ'בין געקומען.

איך וועל מיך אומקערן צו מיין געצעלט און זיינע טאָלן,
און מיט די וואַלד־בוימער זיך ברידערן, פֿאַרבינדן;
און איר — איר אַלע זייט צעפּוילט און ווערעמדיג צעפֿרעסן,
און מאָרגן וועלן אייך פֿאַרטראָגן שטורעם־ווינטן.

פאַרן ספרים־אַלמער

נעמט צו מיין גרוס, פאַרגעלבטע אַלטע בלעטער,
נעמט אָן מיין קוש פאַר ליב, איר שלאָפעדיגע אינם שטויב.
פון ווייטע אינזלען האָט זיך מיין נשמה אומגעקערט —
און ווי אַ וואַנדערטויב, מיט פליגל מיד און ציטערדיג,
קלאַפּט אָן זיך ווידער אויף איר יוגנט־נעסט.
דערקענט איר מיך? — איך בין דאָך אייך אַן אייגענער.
איך שטאַם פון אייך אַרויס, אַ נזיר אויף דער וועלט.
פון אַלע גאָטס מתנות אויף דער גרויסער ערד —
האָט דאָך מיין יוגנט אייך, בלויז אייך, געקענט.
אַ גאָרטן זייט איר מיר געווען אין זומערהיצן,
אַ קישן פאַר מיין קאָפּ אין קאַלטע ווינטערנעכט;
כ'האָב אויסגעלערנט זיך, מיין גייסט ביי אייך באַהאַלטן
און מיינע טרוימען אין די שורות אייערע פאַרפלעכטן.
געדיינקט איר מיך? — איך האָב אייך ניט פאַרגעסן —
אין בוידעם־שטיבל פון אַן אַלטן בית־המדרש,
בין איך דער לעצטער פון די לעצטע דאָרט פאַרבליבן.
אויף מיינע פרישע ליפּן האָט געצאַפּלט זיך
און אָפּגעשטאָרבן שטיל די תפלה פון די אבות
און ס'האָט אין טיפן ווינקל ביי דעם ארון־קודש,
פאַר מיינע אויגן, דער נר־תמיד זיך געלאָשן.
אין יענער צייט בין איך נאָך יונג געווען —
קיין סימן נאָך פון באָרד אויף מיינע פרישע באַקן —
האָט מיך די בייזע ווינטערנאַכט געטראָפן,
פאַרטיפט, געבויגן איבער אַלטע ספרים
מיט אָפּגעריסענע פאַרפלעקטע בלעטער —
אַן איינזאַמען, מיט מיינע טרוימען און מיין צער.

ס'האָט אויפֿן טיש פֿאַר מיר געצאַנקט דאָס לאָמפּ
מיט זײַן פֿאַרקוילטן קנייט אין לעצטן נאָפט,
און ס'האָט אַ מויז געגריבלט זיך אין שמות.
אַ לעצטע קויל האָט נאָך געגליט אין אויוון —
און איך — געציטערט האָט מײַן לײַב פֿאַר מורא,
אין טויטשרעק האָט געקלאַפּט מיר צאָן פֿאַר צאָן.
דאָס איז געווען אַ נאַכט פֿון גרויל, אַ גאַטס פֿאַרשאָלטענע,
אין דרויסן, הינטער פֿענסטער דעם בלינדאויגיגן,
האָט בייז געריסן זיך דער שטורעם און געוויטערט;
די לאָדנס זײַנען אויפֿגעפּראַלט געוואָרן,
די אייזערנע פֿאַררוקערס אָפּגעשפּרונגען,
און שדים העלישע האָבן די ווענט געלעכערט.
איך האָב דערזען: מײַן פֿעסטונג איז געפֿאַלן —
געזען, ווי עס פֿאַרלאָזט איר פּלאַץ די שכינה,
פֿון אונטער דעם פּרוכת זיך ארויסגעשלײַכט.
און דאָס געשטאַלט פֿון זיידן מײַנעם, מײַן באַשיצער,
מײַן שטרייגנער עדות און מײַן שטומער שופֿט —
איז אויך פֿון מײַנע אויגן דאָן פֿאַרשוואונדן.
ס'האָט נאָר דער פֿלאַם פֿון לאָמפּ נאָך אַלץ גע'גוסס'ט,
זיך אומגעוואָרפֿן הין און הער אין טאַנץ פֿון טויט —
און פּלוצים האָט דאָס פֿענסטער זיך צובראָכן,
פֿאַרלאָשן איז דאָס לאָמפּ — און איך, אַ צאַרטער פֿויגל,
איך בין אַרויסגעשטויסן פֿון מײַן נעסט געוואָרן
אין הערשאַפֿט פֿון דער נאַכט און אירע פֿינסטערנישן. — — —

און איצטער, נאָכן גאַנג גאַנג פֿון לאַנגע יאָרן —
מיט טיפֿע קנייטשן אויפֿן שטערן און נשמה,
האָט מיך דאָס ראָד פֿון לעבן ווידער אומגעקערט
און מיך אָוועקגעשטעלט פֿאַר אײַך, באַהאַלטענע אין אַלמער,
פֿון וואַנען איר שטאַמט אָפּ דאָרט: פֿון סלאַוויטע,
פֿון פֿראַנקפֿורט, אַמשטערדאַם, און לעמבערג.
און ווידער מישט מײַן האַנט די בלעטער אײַערע,
און ס'טאַפּט מײַן אויג, אַ מידע, צווישן שורות

און פלעכט זיך אין די שטריכן פון די אותיות,
ווייל אָנכאַפּן די שפּורן פון מיין נשמה,
דעם שטעג געפינען פון די ערשטע צאַפּלענישן אירע,
אין איר געבורטספּלאַץ, אין איר קוואַל פון לעבן.
און זעט, איר יוגנט־וועגווייזער, עס שווייגט מיין האַרץ
און ס׳ציטערט נישט קיין טרער אויף מיינע ברעמען.
איך קוק, איך זע — און טו איך ניט דערקענען, זקנים,
עס קוקן ניט אַרויס מער פון די אותיות אייערע
קיין אויגן אָפענע אין תהום פון מיין נשמה —
די טרויעריגע אויגן פון די אַלטע זקנים;
איך הער ניט מער דאָס שעפּטשן פון די ליפּן זייערע
אַרויס פון אַלטע קברים לאַנג־פאַרגעסענע.
ווי שנורן שוואַרצע פּערל, וועמעס פּאַדים
עס איז צעריסן — זיינען איצט די שורות אייערע;
די בלעטער זיינען טרויריגע אַלמנות,
און יעדער אות באַזונדער איז אַ יתום —
איז דען מיין אויג שוין בלינד, מיין אויער — טויב?
צי, אפשר, מתים אייביגע, איר זייט צעפּוילט
און ס׳איז פון אייך קיין שריד און קיין פּליט נישט געבליבן —
און כ׳האָב אומזיסט נאַר, ווי אַ גנב אין זיין אונטערגרוב,
אָן ליכט און אָן לאַמטערן, מיט מיין ברוכאייזן,
געטאַפּט אין היילן ערד, קאַנאַלן פינסטערע,
און טאָג ווי נאַכט געגראָבן זיך אין קברים;
געגאַנגען אויסגראָבן די סודות פונם לעבן,
געגראָבן אָן אַ זייט און אונטער זייער וואָרצל —
ווען זיי, די סודות, האָבן העכער איבער מיר געשטעקט,
און איבער שטאָט און מענטש און באַרג געפלאַטערט,
און אויף דער זון האָט זייער פּרוכט געלויכטן, —
געהאַלטן אַלץ אין טאַנצן זייער טאַנץ,
און מיר צום אויער איז דער ווידערקלאַנג
אפילו נישט דערגאַנגען.
און ווער קען וויסן,
אַז איך וועל ווידער אין רשות פון נאַכט אַרויס

פון גראָבן זיך אין קברים, חורבות גייסטיגע,
און גאָרנישט אויפבריגגען, און גאָרנישט ראַטעווען,
אַ חוץ דאָס צוגעוואָקסן ברוכאייזן צום האַנט,
און חוץ דעם אַלטן שטויב אויף מיינע פינגער —
אויב איך וועל ניט נאָך אָרימער און ליידיגער
פאַרבלייבן ווי געוועזן — אויב כ'וועל ניט צו דער נאַכט
די שטומע הענט מיינע אין תפלה אויסשטרעקן,
אַ וועג אין איר פאַרהוילעניש צו זוכן,
אַ צודעק אין איר וויכן שוואַרצן מאַנטל
אויף טויט פאַרמאַטערט, בעטן: קום שוין, נאַכט,
נעם צו מיך, גרויסע נאַכט, און דעק מיך איין,
און זיי ניט פרעמד צו מיר: כ'בין דער אַנטרונענער פון קברים
און רו באַגערט מיין האַרץ, און שטילקייט אייביגע.

און איר, גאָט'ס שטערן, די באַגלויבטע פון מיין נשמה,
און אויסטייטשער פון האַרצן מיינעם —
וואָס שווייגט איר אַלע, וואָס באַטייט דאָס שווייגן?
איז וואָר, אַז אייער גאָלדן אויג האָט גאָרנישט ניט,
אפילו ניט דעם קלענסטן וואונק צו געבן מיר?
צי אפשר, יאָ — איר האָט אַ סך צו זאָגן,
נאָר איך האָב אייער שפּראַך שוין לאַנג פאַרגעסן,
פאַרשטיי ניט אייער לשון מער, מיט זיינע סודות? —
גאָטס שטערן, ענטפערט מיר — ווייל מיר איז אומעטיג.

און אַז איר וועט געפינען . . .

און אַז איר וועט געפינען אין בלאַטע פאַרוואַלגערט
מיין האַרצנס מגלה, די לידער —
זייט וויסן: געלעבט האָט אַן ערלעכער פשוט'ער מענטש,
אַ שוואַכער, אַ מידער.

האָט דער מענטש זיך געלעבט און געאַרבעט באַשיידן
אין ווינקל אין שטומען;
און שטיל צוגענומען, אַן ברכות, אַן קללות,
וואָס אים איז געקומען.

נישט געיאָגט, נישט געקרימט, איז דער מענש זיך אַ גראַדער
זיין וועג אַלץ געגאַנגען:
פון קליינס נישט געוויכט, און נאָך גרויס נישט געלאָפן —
נישט דאָס זיין פאַרלאַנגען.

און אויב ס'איז צום סוף, אויף זיין וועג, אומגעבעטן,
דאָס גרויסע געקומען —
זיך אָפּגעשטעלט האָט ער, געקוקט, זיך פאַר'חדוש'ט —
און ווייטער אין וועג זיך פאַרנומען.

און אַז אַנגעקלאַפּט האָט זיך דאָס גרויסע — האָט ער עס
צו זיך נישט געלאָזן;
האָט ביידע געהאַסט: אי די הינטישע חוצפה,
אי די צדקות פון האָזן.

און דער מענטש האָט אַ קליין אויבערשטיבל געהאַט זיך,
אַ פענסטער מיט ליכט און מיט שאָטן —

אַהין האָט קיינמאָל ניט פאַבלאָנדזעט קיין מלאך,
און ס'האָט נישט געוועלטיגט קיין שטן.

און דער מענטש האָט איין תפלה געהאַט — פלעגט אין נויטן
אַהינצו זיך לאָזן;
ער קניט ביי דער פענסטער, און ברענט און ער ציטערט —
זיין האַרץ אויסגעגאָסן.

און אַ לעבנלאַנג האָט זיך די תפלה געצויגן —
נאָר ס'האָט גאָט נישט פאַרגונען;
געקראָגן נישט דאָס וואָס געוואָלט, און וואָס ער האָט געזוכט
האָט ער קיינמאָל געפונען.

און ביז לעצטן טאָג האָט דער מענטש ניט פאַרצווייפלט,
זיין זעל האָט געהאָפט אַלץ אַ שטילע —
און זיין האַרץ האָט געבעטן, געבעטן — און געשטאָרבן
אין מיטן דער תפלה.

ווער און וואָס בין איך . . .

ווער און וואָס בין איך, אַז אַ גאָלדיגער שטראַל זאָל מיך גריסן?
אַ ווינטל, צאַרט-פליגלדיג, ווייך, זאָל מיין פּנים מיר גלעטן?
ווי זאָל די פּעלדבלום אַרום מיר זיך פלעכטן,
און ווי זאָל ס׳פרישע גראָז די טריט מיר קושן?
פאַרשפּעטיגט האָט גאָט׳ס ברכה, זיין חסד האָט פאַרזאַמט צו קומען,
און קענען שוין ביי מיר קיין רו געפינען.
איז זאָלן זיי שוין גיין וואוהין זיי זאָלן, און איך איינער
וועל אין מיין שטילקייט, ווי איך בין געווען, שוין בלייבן.
איך וועל ניט בעטן, ניט פּרובירן מער, קיין זאַך ניט זוכן,
ווי בלויז איין שטיין אייננאיינציגן פאַר מיין צוקאָפּנס —
אַ שטיין אַ חרוב׳ן, אַ טויטן שטיין, נישט מער צו נוצן,
אין וועלכן ס׳איז דער לעצטער פונק פאַרלאָשן.
איך וועל זיך צודריקן צו אים, וועל זיך מיט אים באַהעפטן
די אויגן מיינע צושליסן און גליווערן —
און מיין האַרץ וועט ווי זיין האַרץ שווייגן.
קיין חלום און קיין זעאונג זאָל צו מיר ניט גרייכן,
קיין האָפנונג, קיין געדעכעניש ניט, קיין נעכטן און קיין מאָרגן.
זאָל אַלצדינג גליווערן אַרום, זאָל מיך די שטילקייט אייביגע פאַרשלינגען,
קיין שאָרך, קיין קלאַנג זאָל זי ניט דורכברעכן;
אַ בוים זאָל איבער מיר זיין בלאַט נישט מאַכן ציטערן,
קיין גרעזל זאָל מיך ניט באַדויערן,
קיין שטעג זאָל אין מיין גבול ניט צוקומען.
אַ זונשטראַל וועט אַריבער איבער מיר, און מיך נישט זען,
אַ פויגל-צוויטשער — זאָל עס פאַלן טויט ביי מיר צופוסנס —
בלויז איין קליין וואָלקנדל אין הימל וועט אַ פלאַטער טאָן,
זיך צוקוקן — און שווייגנדיג אַוועקשווימען זיין וועג.

זאָל זיין . . .

זאָל זיין, דער מאַן וואָס וועט נאָך מיר קומען
וועט זיין אַ פרייער מענטש, אַן אויסגעגלייכטער מער פון מיר ;
זאָל זיין, אַז שענער וועט זיין לעבן זיין פון מיינעם —
און וועט ער יאָ פאַרשטיין, צי ניט פאַרשטיין, מיין גאַנצן מיין,
איינס בין איך זיכער דאָך און שרעק זיך ניט : ער וועט
די ליידן פון מיין האַרצן נישט פאַראַכטן,
פון ווייטאָג פון נשמה מיינער זיך נישט אויסלאַכן.
אַליין, וואו ער וועט זיין —
וועט ער זיך מיט מיין לעבנס־בוך מיחד זיין —
זיין קאָפּ פאַרזינקען אין די שמות, מיינע בלעטער,
און וועט זיך אָנטרינקען מיט אַלע ביטערנישן מיינע
וואָס וועלן זיך צעגיסן, ווי אַ ברענענדיגער פעך,
אין זיינע ביינער ; ס'האַרץ מיט משוגעת צו שלאָגן,
און פון זיין טיפעניש אַרויסצוברענגען דעם געשריי
פון איינעם, וואָס ווערט לעבעדיגערהייט
געבראָטן אויף זיין אייגענעם פלאַמפייער.
און ס'וועט זיין —
אַז ער וועט מיד ווערן צו שלעפּן זיין נשמה דורך די שורות,
דעם וועג פון פייער און פון שניי מיט בלוט באַשפּריצטן,
און אַז ער וועט פאַרציטערט ווערן פון די שלאַנגען־ווערטער,
וואָס בייסן זייער אייגן לייב פון בייזקייט,
און שטעכן, גיפטן ביז דערשטיקט צו ווערן —
פון שוואַכקייט און פון טראַציקייט צוזאַמען ;
אַזו אַז ער וועט זיך אָנטרינקען ביז שיכרות מיט דער גאַל,
און ביז צו שפּייען אויפן פיין פון טאַטע־מאַמען,
און ביז צו לעסטערן דעם נאָמען פון זיין גאָט —
וועט ער אַ וואָרף־טאָן זיינע אויגן אָן אַ זייט,

צום טיר פון זיין געצעלט, וועט ער דערזען:
די נשמה מיינע שטייט אַ שווייגנדיגע דאָרטן,
אַ נאַקעטע מיט אַלע אירע פלאָגן שטייט זי,
מיט אַלע אירע ווייטאָגן די בייזע,
און מיט איר גאַנצער שוואַכקייט און געפאַלנקייט:
„זע, אַט שטיי איך דאָ פאַר דיר,
„זע, וואָס אַזוינס מיין לעבן איז געווען,
„און וואו מיין כח איז געלעגן, און מיין גלויבן, און מיין ווידערשטאַנד."
ער וועט פאַרשטיין — דער פונק פאַראַכטונג אין זיין בליק,
וואָס האָט זיך אָנגעצונדן — וועט זיך אויסלעשן,
די שטראָפרייד אויף די ליפּן וועלן אָפּשטאַרבן.
און קומען וועט די טרער, אַן אויסקויף פאַר מיין לעבנס־חרפה,
פאַרגעבונג פאַר דער שאַנד פון מיין געפאַלנקייט.

אַ צווייג . . .

אַ צווייג האָט אַראָפּגעגליטשט זיך אויף אַ פּלויט
און שלאָפט — אַזוי שלאָף איך אויך;
אַרונטערגעפאַלען די פרוכט — און וואָס גייט מיך אָן שטאָם,
וואָס גייט מיך אָן צווייג אין דער הויך?

אַרונטערגעפאַלען די פרוכט, ס׳איז פאַרגעסן די בליט,
די בלעטער נאָר פלאַמען נאָך רויט;
ס׳וועט פלוצים דער שטורעם אַ יאָג טאָן, און זיי —
זיי פאַלן צו דר׳ערד אַראָפּ טויט.

דערנאָך וועלן שלעפן זיך גרויליג די נעכט,
אָן אָנהויב, אָן סוף;
כ׳וועל אומלויפן, קלאַפּן זיך קאָפּ אָן דער וואַנט,
אָן רו און אָן שלאָף.

און ווידער וועט קומען אַ פרילינג — און איך אויף מיין שטאָם
וועל זיך אָנהעננגען שטום;
אַ נאַקעטער צווייג, אָן אַ בלעטל, אָן קנאָספּ,
אָן פרוכט און אָן בלום.

זאָל זיין ווי אייערער מיין גורל . . .

זאָל זיין ווי אייערער מיין גורל, מענטשן שטילע און באַשיידענע,
וואָס וועבן זייער לעבן אין פאַרבאָרגעניש, באַשיידן אין געדאַנק און מעשים.
איר אומבאַקאַנטע טרוימער, קאַרג אין וואָרט און רייך אין שענקייט,
באַהאַלטן איז דער פיינער גייסט, ווי פערל אויפן דעק פון ים׳ען,
און אייער שענקייט בליט און פרוכפערט זיך, ווי וואַלד־קאַרלעך אין שאָטנס.
ס׳איז אייער האַרץ אַ היכל, און די ליפּן טויערן פאַרשלאָסענע,
פירשטן זייט איר — און איר ווייסט נישט, פרינצן גייסטיגע—און
קיינער זאָגט ניט.
די קינסטלער פונם פיינעם שווייגן, און די פּריסטער פון גאָטס שטילקייט.
עס פאַלט ניט קיין פרעמד אויג אויף אייער יום־טוב און אויף אייער טרויער.
עס לויכט דאָס זעלבע שמייכל אויפן מויל, פאַרשטענדיג און פאַרגעביג,
מיט וועלכן איר באַגריסט אַ יעדן איינעם וואָס קומט אָן אַנטקעגן,
דאָס גרויסע ווי דאָס קליינע, דאָס געזעצטע, ווי דאָס אומגעזעצטע;
פּאַמעלעך, ווי אויף שפּיצן פינגער, גייט איר דורך דעם וועג פון לעבן;
דאָס האַרץ איז אויף, דאָס אויער האָרכט, און אייער אויג טוט וואַכן,
און די נשמה ציטערט אויף פון מינדסטן ריר און גלעט פון שענקייט.
איר גייט אַדורך, און זייט אַרום אָן האַנט און אָן כוונות,
דעם גלויבן און דער ריינלעכקייט וואָס טריפט פון אייער וועזן,
ווי ס׳פּליסט מיט בלוי דער הימל, און דער וואַלד — מיט שאָטנס.

פאַרוואָר, איר זייט געוואוינט צום שווייגן, אָן אַ קול, אָן ווערטער,
עס רעדט נישט הויכע רייד דאָס מויל, און אייער האַנט באַשאַפט ניט גרויסעס,
די וואונטשן און די בענקענישן גייען אויס אייך אין די הערצער,
איר האָט קיין אָרט ניט צווישן קינסטלער, פּלאַץ אין די מוזעאומס,
עס שטאַרבט אָפּ איינזאַם אייער טריט אָן אָפּקלאַנג און אָן רושם,
נאָר אייער לעבן איז די בעסטע שאַפונג, אייער וועזן העכסטע קונסטווערק.
איר היטער איר געטרייע פון גאָט׳ס אויסזען אויף דער וועלט!

טאָג־טעגלעך, טראַפּנסווייז, אין ליכט פון אייער בליק און פּנים־שטריכן
אַריינגעגאָסן ווערט די שענקייט פון דעם לעבן אייערן
אין חלל פון דער וועלט — ווי ס׳גיסט אַ קוואַל זיך אַ פאַרשלאָסענער
אין שטראָם פון טייך אַריין, אים אויפצולעבן, און ער ווייס נישט!
ווי גאָט איז וואָר—אויב ס׳וועט פאַרלוירן גיין איין בליק פון אייער אויג,
און אויב די קלענסטע רעגונג אייערע וועט גיין לאיבוד.
זיי וועלן אייביג ציטערן אין רוים פון וועלט, ווי דאָס געזאַנג פון שטערן,
און ביזן לעצטן דור, אַז ס׳וועט שוין לאַנג ניט זיין קיין זכר
פון הימן און ידותונ׳ס לידער—אַז ס׳וועט קיין שפור ניט מער פאַרבלייבן
פון גאָר דער חכמה פון די מאָרגנלענדער—וועלן זיי אַלץ לעבן
אין ליכט פון איינעם דאָרט אַ מענטשן — אין די שטריכן פון זיין פּנים.

איינציגווייז, פון קיינעם נישט באַמערקט . . .

איינציגווייז, פון קיינעם נישט באַמערקט, ווי שטערן אין פרימאָרגן,
געלאָשן האָבן זיך די וואונטשן מיינע, און אין טרויער אויסגעגאַנגען.
נאָר ס׳לעבט דער לעצטער וואונטש אין מיר, מיין וואונטש פון גאַנצן לעבן,
דער רויש פון טאָג קאָן אים ניט אָפּטויטן, קיין טייוול קען אים ניט פּאַרווישן,
אַז איך זאָל ווערט זיין נאָך ביי גאָט, און איידער ס׳שלאָגט מיין לעצטע שעה,
צי אויף דער וואָר, צי אין מיין חלום, זאָל מיר איינמאָל נאָר,
זאָל זיין איינמאָל, זאָל זיין בלויז אויף אַ קורצער רגע,
די ערשטע זעאונג פון מיין קינדהייט זיך צו מיר אַנטפּלעקן,
און ס׳זאָל מיין לעבנסמאָרגן דורכציען דורך מיר מיט גאָר זיין פרישקייט.

ס׳איז וואָר, מיין לעבן איז פּאַרשמוצט, מיין קרוין מיט אייגן האַנט פּאַרשוועכט,
דעם וועג צו גאָט פּאַרגעסן, קלאַפּ נישט מער אין טויערן פון רחמים;
פּאַרשטאָפּט מיין אויער פאַר זיין רוף, און פאַר זיין וואונק מיין אויג געשלאָסן,
דערווייטערט בין איך פון זיין הימל, פון זיין שטערנליכט פּאַרשטויסן,
די פעלדבלום קען מיך נישט שוין מער, די זאַנג טוט מיך ניט בענטשן;
מיין זעאונג אָפּגעטאָן פון מיר, מיין גייסט איז אָפּגעפרעמדט.
נאָר ערגעץ אין אַ פּלאַץ, אין שויס און אוצר פון דער וועלט,
וואו קיין זאַך גייט פּאַרלוירן, וואו עס ווערן נישט פּאַרווישט קיין שפּורן,
איז אויפגעהיט ביז היינט צו טאָג, און אין זיין פולער גאַנצקייט,
ווי ס׳איז גאָט׳ס זיגל אויף זיין האַנט, דאָס בילד פון קינדהייט מיינער,
שטייט אויסער גאַנג פון צייט, אַ נישטבאַרירטע, נישטבאַפלעקטע,
און שטראַלט צו מיר אַרונטער ווי דער מאָרגנשטערן,
היט אָפּ די וועגן מיינע, ציילט און מעסט די טריט מיר,
און ציטערט איבער מיר, און שיקט מיר זיין געצערטלט ליכט.

און מיין געבורטספּלאַץ, ראָם וואָס האָט מיין קינדהייט איינגעפאַסט,
די גרונטן פאַר מיין וואָרצל, קוואַל פון גייסט, מיין בענקשאַפט און מיין חלום,

דאָס בעסטע ווינקל אויף דער וועלט, און ערד — געהויבנסטע ;
ס׳איז גרינערס נישט פאַראַנען פון זיין גראָז, און בלויערס פון זיין הימל.
זיין אָנדענק וועפּט ניט אויס, ווי גוטער ווייַן, פון מיינע בלוטן,
און אין מיין האַרצן בלאַנקט די קלאָרקייט פון זיין ערשטן שניי —
דאָס פלאַץ פון מיין געבורט, וואו כ׳האָב מיין ערשטן בליק געוואָרפן,
אַן איינזאַם רויִק פלאַץ, באַשיידן אין זיין יוגנט־שיינקייט,
אין בערג און וואַלד פאַרשטעקט, דער אינגסטגעבוירענער פון ערד און הימל,
שטרעקט אויס זיך און וועגן אין די טאָלן, שטעגן אין דעם קאָרן —
ריימט שטילערהייט די טעג און נעכט, די אָוונטס און פרימאָרגנס,
עס איז דאָך נאָך, וואו עס געפינט זיך אויף דער גרויסער ערד
מיט יעדן איינקריץ זיינעם, מיט זיין פולער ערשטער פראַכט,
ווי ס׳האָט גאָט׳ס פינגער אים אַמאָל אריינגעקריצט אין מיין נשמה,
און ווי איך טראָג אים ביז מיין לעצטן טאָג, ביז עקן וועלט,
צאַרטפרילינגדיק, קלאָרזומערדיק, האַרבסטטרויערדיק, פראָסטווינטערדיק.
ס׳איז נאָך אין גאַנצן ווי געווען, און גליווערט אין זיין שטילקייט,
איז זיכער מיט זיין ליכט בייטאָג, און זיינע סודות אין די נעכט —
היט אָפּ מיין ריינעם אָטעם, וואַכט איבער מיין ציטער היילִיקן,
אין שויס פון יעדן שטומען שטיין, אין שאָטנדיקן ווינקל,
אין פלאַטער פון אַ בלאַט, אין שאָטן פון דעם מינדסטן וואָלקן ;
עס שטייען נאָך די וועלדער אויף דער וואָך, און פלעכטן זיינע שאָטנס,
געמינערט נישט קיין צווייַג, קיין נעץ איז נישט צעריסן,
ס׳איז פול זייער באַהעלטעניש מיט מיינע זיסע שרעקן,
און מיינע טרוימען ליגן אונטער ביימלעך נאָך פאַרוואָרפן.
עס שטייען נאָך די בערג אויף זייער ערשטן שטאַנד, פונקט ווי געשטאַנען,
אין ליכטיק קלייד, פאַרוועבט אין גראָזן און באַשפריצט מיט טויען,
מיט אָפּדרוקן פון מיינע טריט, מיט אַלע מיינע שפּורן.
דאָס ערשטע ליכט פון לעבן מיינעם ליגט אויף זיי צעגאָסן,
מיט עכאָס פון מיין פריידגעשריי אין שפּאַלטן זייערע,
און ס׳בלאָנדזשעט אום מיין גייסט דאָרט אין פאַרוואונדערונג, מיט שטומער צונג.

און אָרעם־נעסט פון טאַטע־מאַמע, דאָס געצעלט פון פרידן,
מיין מאַמע׳ס היים, וואו ס׳האָט איר ליכט זיך אויפגעהאַלטן,
באַהעלטעניש פון פליגל אירען און איר שוץ, און אירע קושן —
די שטוב איז אויך דאָך, ווי געווען אַמאָל, אין ווייטן דאָרף :

עס שטייט נאָך אויפֿן בערגל אונטערן קאַשטאַנענבוים,
און זעט אויס ווי געווען: אַ קליינטשיקס, ווייס און טייערס,
מיט נידריג־צוגעפּלעטשטן דאַך און קליינע פענסטערלעך.
די קלעצער־אויסגעבעט מיט מאָך, און גראָז וואַקסט פון די שפּאַלטן,
מיט גערטנער אומגערינגלט, און מיט לאַנקעס ווילד־פאַרוואַקסן.
שטיל, מיט די וואָלקן־קאַראַוואַנען, ציט זיך צייט פאַר איר פאַרביי,
און זי שטייט אויפן בערגל, טאָג ווי נאַכט אָוועקגעשטעלט,
און היט דעם גאַנג פון וועלט, און חלומ'ט וועגן מיר פון ווייטן,
טראַכט תמיד וועגן מיר, און ס'בענקען אירע ווענט נאָך מיר, —
אין אַלע שפּאַלטן אירע איז באַהאַלטן טיף מיין אָנדענק,
און שאָטן פון מיין לעבן אין די ווענט אירע פאַרזיגלט.

איך ווייס, אַז איינמאָל טרינקט דער מענטש פון גאָלדענעם בעכער,
די זונפאַרפלייצטע זעאונג הזר'ט זיך שוין מער ניט איבער;
דער הימל איז קאָלירט אין בלוי, דאָס גראָז אין גרין געפאַרבן,
די וועלט האָט איר פאַרהוילן ליכט, גאָטס יעדע אַרבעט טראָגט איר שיין,
וואָס זוכה איז דאָס קינד דערצו איינמאָל — און קיינמאָל מערער.
נאָר גאָט האָט אויך אַן אומגעריכטע ברכה פאַר זיין ליבן:
עס זעט קיין אויג איר שטראָם, ס'ווייס קיינער נישט ווען זי וועט קומען,
כ'וואַרט אויף איר קומען שטיל, און טאָג ווי נאַכט באַגער איך זי,
און ווי אַ האַרף מיט סטרונעס אָנגעצויגענע בין איך געגרייט.
איך ווייס נישט וואו און ווען, מיט וועלכן וועג זי וועט נאָך קומען,
און ווער — דער מלאך וואָס וועט מיר די ברכה ברענגען?
נאָר איינס זאָגט מיר מיין האַרץ, און מיין נשמה ווייס אויף זיכער,
די זעאונג וועט זיך אָנקלאַפּן צו מיר, מיין וואונטש וועט קומען.
און אַז די גרויסע רגע וועט זיך אָנקלאַפּן צו מיר,
וועט זי אַרונטער ווי אַן אויגנבליק פון גרויסער אייביקייט,
אַ קוק אויף מיר דורך פענסטער אויפגעריסענעם פון הימל —
די אויגן מיינע וועלן, ווי די אויגן פון אַ קינד, זיך עפענען
און אַלע בילדער פון מיין קינדהייט, אין אַ שווינדיגן געלאַף,
מיט דער נאַטור אַרום, זיי וועלן דורכציען דורך מיין נשמה,
און דורכשווּעבן ווי קלאָרע און פרימאָרגנדיגע טרוימען.
און פּלוצים וועט דאָס ווייטע ווערן נאָנט, און טויטע שטימען אויפלעבן,

קאָליר און ריח — טויטע, וועלן אויפקומען צום לעבן.
אַ רגע בלויז וועט אָנהאַלטן די זעאונג, און וועט מיך פֿאַרפּלייצן,
מיין גאַנצע לעבנסזאַפּט, צום לעצטן טראָפּ, מיך מאַכן טרינקען.
און ווידער וועל איך שטיין פֿאַרבליפּט, פֿאַר וואונדערלעכער ריינער וועלט,
אַ פרישן גאָרטן אַ פֿאַר׳חתמ׳עטן, אַן אָפּגעשלאָסענעם,
פֿאַרזייט מיט רעטענישן און מיט וואונדערלעכע זאַכן —
נאָך נישט באַרירט פון הענט, נאָך נישט באַהויכט פון ליפּן.
מיין האַרץ וועט אויפברויזן צעשפּילט, גאָט׳ס וואונדער אויפן פּנים,
אין אויג אַ טרער, און אין נשמה קלינגט מיט שטומען שאַלן.

דיין אָטעם, גאָט . . .

דיין אָטעם, גאָט, איז מיר פאַרביי, האָט מיך באַהויכט און מיך פאַרפלאַמט,
און ס'האָט דיין פינגערשפּיץ מיין האַרץ באַרירט איין קליינע רגע —
און כ'האָב מיך איינגעקאַרטשעט שטיל, פאַרהאַלטן דאָס געברום פון האַרצן;
מיין האַרץ אין מיר האָט זיך צונויפגעפרעסט, און מיין געזאַנג
האָט ניט אַראָפּגעפּלייצט פון מיינע ליפּן: מיט וואָס זאָל איך
אין הייליגקייט אַריין, און ווי זאָל ריין זיין גאָר מיין תפלה?
אַז ס'איז מיין שפּראַך געוואָרן אומווירדיק, אַ טרפה שפּראַך געוואָרן,
קיין וואָרט ניטאָ אין איר וואָס איז ניט טמא ביזן וואָרצל,
קיין שפּרוך ניטאָ וואָס ליפּן שמוציגע האָבן ניט פאַראומריייניגט,
קיין אויסדרוק דאָ וואָס איז אין שאַנדהויז ניט געשלעפּט געוואָרן.
די ווייסע טויבן וואָס איך האָב פרימאָרגנצייט געשיקט צום הימל
זיי זיינען אָוונטצייט צוריקגעקומען — שוואַרצע ראָבן,
מיט מיאוסן געשריי אין קעל און מיט נבלה אין די שנאָבלען.
עס זיינען מיך באַפאַלן גראַגערדיגע ווערטער, ווי אַ טשאַטע זונות,
פאַרשלייערטע אין פאַלשן ציר מיט שווינדלערישע חנדלעך,
די אויגן אָנגעפאַרבן, און די ביינער דורכגעפוילט פון זנות,
מיט טרפה קינדער אין די פליגל, די ממזרים פון גענאַנק און פעדער.
זיי זיינען חוצפה'דיג און פאַלש, די הערצער — פּוסט, די צינגער — גאוה'דיג,
ווי ווילדגראָז פּרוכפּערן זיי זיך — און ניטאָ וואוהין אַנטלויפן.
טאָג־טעגלעך, מיטן אויסגיסן פון טמא־וואַסער אין די רינוועס
דערגרייכט זייער געשטאַנק צום יעניגן וואָס שליסט זיך אָפּ, באַהאַלטן,
זיין האַרץ אין ריינער תפלה אויסצוגיסן — זיין אָטעם מאַכן אומריין,
און ריינקייט פון זיין גייסט צו מאַכן טמא.
וואו זאָל איך פון געשטאַנק אַוועק? וואו זאָל איך מיך פון זיי באַהאַלטן?
וואו איז דער מלאך וואָס זאָל כשר'ן מיין מויל מיט פייערדיגער קויל?
איך וועל אַרויסגיין צו די פויגל אין פעלד, וואָס צוויטשערן מיט זונאויפגאַנג,
און אפשר, צו די קינדער אין די גאַסן גיין, וואָס שפּילן אומשולדיג —
איך וועל זיך אויסמישן מיט זיי, זייער גערייד און פּלאַפּל לערנען,
פון זייער אָטעם ריין ווערן, מיין מויל מיט זייער ריינקייט אָפּוואַשן.

מיין מאַמע, זכרונה לברכה . . .

(פון וולעדניקער רביינס מעשות)

מיין מאַמע, זכרונה לברכה, געווען איז אַ גרויסע צדקת,
אַ וויסטע אלמנה געזעסן.
איין פרייטאָג פאַרנאַכט — ס׳גליט די שקיעה אין שפּיצן פון ביימער —
און אין שטוב — נישט קיין ליכט, נישט קיין עסן.

זי זוכט — און מיט נסים פון הימל — געפונען צוויי פּרוטות —
„ברויט אָדער ליכט?" — מיט דער דעה געשלאָגן.
זי לויפט, קומט צוריק — אין איר מאָגערער האַנט אַ מתנה:
צוויי ליכט אויף צום בענטשן געטראָגן.

דער הימל פאַרמאַגט זיבן שטערן, דער שבת דער מאַמעס
האָט אויך זיבן ליכט, זיבן שטראַמען;
וועט גאָט דען פאַרשטערן זיין שבת? — און וואָס קען זי העלפן?
געליבט פאַר די צוויי איז זיין נאָמען!

וועט בענטשן די ליכט אויף אַ ליידיגן טישטעך, אָן חלה —
פאַרפּוצט זיך אין הויב אין דער ברייטער;
געביטן איר קלייד און זיך מכין געווען פאַר גאָט.
פאַרן הייליגן שבת אַ גרייטע.

געצונדן די ליכט — האָט זי מער ניט געקענט זיך באַהערשן,
ווייל ס׳האַרץ האָט מיט בלוט זיך באַגאָסן;
אַרויס מיט געוויין, און אַ טרער איז אַרונטערגעפאַלן —
איין ליכט איז געוואָרן פאַרלאָשן.

פאַרשעמט, איז דער שבת, אויף איין אויג אַ בלינדער, געשטאַנען —
די פרוי איז פאַרציטערט געבליבן:
„פאַרשעמסט אַן אלמנה'ס אַ גאָב? אויב דיין דינסט האָט געזינדיגט,
צו וואָס נאָך דעם שבת באַטריבן?

וואָס האָסטו זיין אויג אויסגעשטאָכן?" — מיט אויגן פאַרמאַכטע,
פאַרדעקט מיט די הענט און פאַרביטערט,
אין פאַרקלעמטן געוויין, און אין פלאַמיגער תפלה
האָבן פלייצעס און הויב אומגעציטערט.

אין האַרץ האָבן תהומ'ען געברויזט, די אמהות און כרובים
זיי האָבן פון האַלז זיך געריסן —
ס'האָט די שכינה נאָך קיינמאָל געהערט און געזען,
ווי אַ מענטש טוט אַזוי זיך צעגיסן.

און דאַן איז נאָך איינע אַ טרער פון צדקת געפאַלן,
אַ זודיגער פלאַם פון די גרונטן —
און טאָפּלט איז ליכטיג געוואָרן: ס'פאַרלאָשענע ליכטל
האָט נאָכאַמאָל זיך אָנגעצונדן.

און ווען ס'האָט די מאַמע געעפנט די אויגן, האָט ליכט פון בראשית
פון זיי זיך געגאָסן אין שטראָמען —
ווייל ס'האָט זיי די שכינה געקושט. — דער זכות פון צדקת זאָל ביישטיין
אונז און אַלע אידן. אָמן.

דער לייב

אפילו ווען ער טוט זיך שוין ביז טיפסטער טיפעניש אָנטפלעקן—
ניט יובל׳ט, און ניט נעמט זיך איבער:
דאָס האָט ער אומ׳רחמנות׳דיג אייך אויסגעלאַכט,
און שפּאָט געמאַכט פון אייך, ביז צום באַדויערן.
צו נישטיג זייט איר, אַז ער זאָל איין טויזנט־חלק אייך אָנטפּלעקן
פון וואָס ער טראַכט פון אייך ביי זיך אין האַרצן.
דערפאַר אָנטפלעקט ער זיך — כדי זיך נאָך מער צו פאַרדעקן,
און כדי אייך נאָך מער צו פאַרנאַרן.
אומזיסט נאָר זוכט איר אים אין דער באַהעלטעניש פון זיינע ריימען —
זיי זיינען בלויז אַ קלייד פאַר זיין פאַרבאָרגעניש.
פון צווישן שורות, ווי דורך גראַטעס פון אַ לייבנשטייג —
קוקט דורך אַ לויערדיגער פלאַמעדיגער לייב.
איז רואיג, דוכט זיך, אויפן אויסזען, איז געצאַמט, ברומט אונטער,
נאָר ס׳גליט אַ פייערדיג געשריי אין זיינע ביינער.
ס׳וועט קומען ווען עס איז אַ נאַכט פון נעכט,
און אין דער מיט פון אייער זיסן שלומער,
וועט אייך זיין דונערדיגער קנאַל צעטרייסלען;
פון אומגעריכטער וויט, פון וויסטן מדבר, וועט ער אייך דערגרייכן —
און איר וועט נישט באַנעמען.
צעבראָכן איז דער שטייג, צעשפּליטערט זיינע ריגלען —
דער לייב האָט זיך אַרויסגעכאַפּט צו זיך אַהיים.
גאַנץ פרי, מיט זון־אויסברוך, אַ מעכטיגער און פּרעכטיגער,
וועט ער דערשיינען אויפן שפּיץ פון פעלזן:
ער גליט אין גאָלד פון לאָקן און מיט לייבנקרוין,
און ס׳רעדט זיין גאַנצער אויסזען: קיניג.
עס פייערן די אויגן זיינע מיט פאַראַכטונג,
און זיינע נאָזלעכער דערשמעקן רויב —
און ס׳ציטערן פון זיין געבריל פון בערג די גרונטן!

ווידער האָב איך אייך דערזען . . .

ווידער האָב איך אייך דערזען אין אייער געפאַלנקייט,
און מיין האַרץ איז אַ שאָל טרערן —
ווי אָרים איר זייט געבליבן פּלוצים, ווי הילפלאָז איר זייט געוואָרן!
ווי עלנט פאַרלאָזן איר זייט, אָן אַ וועג, אָן אַן עצה אין לעבן!
און קיינער ניטאָ וואָס זאָל גנעדיגן טרייסטן, און אָפּהיטן אייערע טריט אייך.
ווער האָט די פרייד פון דער גאולה פון אייער אויג פאַרווישט,
ווער האָט איר פּייער פאַרלאָשן?
פאַרוואָס איז פאַרוועלקט אייער ליפּ, און וואָס איז אייער קול היינט געפאַלן?
און נעכטן נאָך האָט איר פאַרקלונגען דאָס אויער,
און באַלקנס האָבן אָפּגעהילכט פון אייער שאַלן!
ווער האָט דעם מאָרגענשטערן אייערן פאַרלאָשן, איידער ער האָט זיך צעצונדן?
ווער האָט די פרייד פון האָפנונג און פון ציל פון אָרימנס געצעלט פאַרשניטן,
געלעכטער און געזאַנג פון קינדער, פריידיגן געדויש פון פאָלקס-פאַרזאַמלונגען?
ווער האָט אייערע בחורים פאַרנאַרט, געטאָן זיי פון דעם יוגנט-וועג פאַרפירן,
פטר'ן די יוגנט-קראַפט אויף גאָרנישט, און געמאַכט צו שאַנד זיי —
ווער האָט די מיילער אויפגעריסן זיי, מיט פּוסטן ווינט זיי אָנגעבלאָזן?
ווער האָט זיי דעם געדאַנק אַריינגעגעבן, ווערן לערער, ווערן פירער,
אָנשטאָט אַליין צו לערנען זיך און האָרכן.
און וואָס איז דער שטענדיגער גוסשטראָם
פון יעדער עסטראַדע אויף אייערע קעפּ —
אַן אויסגוס פון ליידיגע ווערטער, אַן אָפּפאַל פון שטרויענער פּלעווע,
וואָס מאַכט אייער ליכטיגסטן חלום פאַר אומווירדיג, מיאוס און העסלעך.
ווער האָט אויף אייער לייב צעבליט די קרעץ פון די געמיינע נביאות-זאָגער,
די טמא-נפשות, פאַרשטעלטע צדיקים, מיט נעסטן פון שרצים אין האַרצן,
וואָס רייסן דעם גאַנצענעם טאָג זיך, אין ווילדע קאַנוואולסן,
מיט שוים אויף די ליפּן, צום גרויסן;
כאַפּן זיך אָן מיט די ליפּן אָן גרויסע, און מאַנענדיג גרויסעס פון צווייטן,
איז יובלען זיי הילכיג, און ס'שטרעקט זייער האַנט זיך נאָך שכר,
ווי זיי וואָלטן דאָס גרויסע געפּאַקט שוין,

ווער האָט אויף אייך אָנגעשיקט די מחנה פון פעדער־און־צונג שאַרפער —
די קרעציגע מחנה, צעפרעסן פון שנאה, פאַרברענטע פון קנאה,
צו אָנרייצן ברודער אויף ברודער, מאַכן דאָס אייגענע לייב אייך צו עסן,
פאַרשמוצן דאָס הייליגסטע אין אייך, מיט אומריינע אָטעמס און הענט?
ווער האָט אייער בונט היינט צעריסן, פאַרטיילט עס צו נאַרישע אינגלעך,
וואו זיינען צעשפּרייט די פאַרבינדעטע אייערע,
וואָס שפּעטיגט זיך אייער פאַרזאַמלער?
וואו האָט די באַפוילנדע שטים זיך באַהאַלטן,
פאַרוואָס גרייכט עס מער ניט צום אויער?
ס׳האָט אויסגעלאַכט גאָט זיך פאַר אייך, פון אַזעלכע נביאים פאַרפירטע —
און מאָרגן וועט ער אייך, פאַרשעמט, באַליידיגט, אומקערן צום וועג פון טרויער,
כדי אייך פּרובירן, צו פּייניגן אייך ביז צום טויט, און נאָך ערגער פון טויט.
אויפן בויך אומצוקריכן, אַן אויסוואורף פון אַלע משפחות פון וועלט דער גרויסער,
געטראָטן פון איטלעכס פוס, אַ חרפה פאַר מענטשן,
צו טרינקען דאָס שפּאָט אָנשטאָט וואַסער, און שפּייעכץ שטאָט ווייַנען צו שלינגען,
און קייען די שערבלעך פון גיפטיגן בעכער,
ווען אויסגעזופּט איז שוין זיין הייוון —
ביז קומען וועט איר צו דעם טיש פון די גאָטגעלאַדענע אויסגעלייזטע פעלקער,
וואָס שליסן דעם בונד פון אַן אייביגן שלום איבער אייערע קרבנות
און קלייבן וועט איר אונטער זיי די פינגער אָפּגעהאַקטע פון אייערע הענט און פיס.

און איז איטלעכנס האַנט ביי אייך טויט, אַז איר קענט זיך אַליין שוין ניט העלפן?
איז גאָרנישט ניטאָ שוין אַ מאַן אין יהודה, קיין איינער אין אייערע לאַגערן,
אַ מאַן פון גבורה, אַ מעכטיגער הערשער, אַ גייסטיגער גבור, אַ פירער פון פאָלק,
אַ ליכטיקער גייסט, מיט אַן אייזערנע רוט און פאַרשטענדעניש,
וואָס זאָל אָננעמען אייך פאַר די קעפּ, מיט מעכטיגע הענט אייך צעטרייסלען,
ווי מען טרייסלט אַ שיכור׳ן אויף, וועלכער וואַרגט זיך אין אייגענעם מייקען, —
כדי אייער קראַפט אויפצוּוועקן, אייך אויפלעבן, און אויף די פיס אייך צו שטעלן.

ווי אָרים איר זייט פּלוצים געבליבן, ווי הילפלאָז איר זייט געוואָרן!
ווי עלנט פאַרלאָזן איר זייט, אָן אַ וועג, אָן אַן עצה אין לעבן —
ווידער האָב איך אייך דערזען אין אייער געפאַלנקייט,
און מיין האַרץ איז אַ שאָל טרערן . . .

אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמען

א

מיין טאַטע

ס'איז אויסטערליש געווען מיין לעבנסוועג, זיין גאַנג — אַ רעטעניש:
געשלייכט זיך צווישן הייליגקייט און טומאה; שבת-קודש
האָט זיך מיט וואָך געמישט, דאָס ריינע פונם אומריינעם צעטראָטן.
אין אַ מסיבה פון שיכורים, אין דער טומאה פון אַ שיינקשטוב,
אין דאַמף פון בראָנפן בילינן, אין נעבלען ליולקע־רויך —
אַהינטער בראָנפן־פעסלעך, איינגעבויגן אויף אַן אַלטן ספר,
האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר דעם טאַטנס קאָפּ, אַ קאָפּ פון אַ פּאַרפייניגטן,
ווי אָפּגעשניטן פון די פּלייצעס, אומגעשוואומען אין דעם וואָלקן רויך.
דאָס פּנים — אויסגעקרימט פון צער, די אויגן — פלּיסנדיג מיט בלוט.
איך שטיי צווישן זיינע קני, די אויגן מיינע אָנגעהאָנגען
אויף זיינע ליפּן; שיכורים טומלען, קייקלען זיך אין זייער מייקעכץ,
די פּרצוף־פּנים'ער צעפלאָמט, און שטראָמען שמוץ — די מיילער —
עס האָבן אַזש די ווענט און פענסטער זיך געשעמט דאָס אויסהערן.
בלויז צו מיין אויער, אויער פון אַ קינד אַ ריינס, איז צוגעקומען,
געפלאָסן שטיל און קלאָר דאָס שעפּטשען פון די ריינע ליפּן,
פון תורה, תפלה, און דאָס וואָרט פון לעבעדיגן גאָט.

איך האָב אים ניט אויף לאַנג געזען, ניט לאַנג איז ער געווען מיט מיר צוזאַמען.
כ'בין נאָך אַ קינד געווען, און איידער כ'האָב זיך אָנגעפרייט מיט אים,
ווען מיינע אויגן האָבן נאָך אַרויפגעקוקט צו אים נאָך רחמים,
און ס'האָט מיין קינדיש קאָפּ די שוץ פון האַנט זיינער געזוכט —
האָט צוגענומען אים דער טויט, און האָט אויף תמיד אונז צעשיידט.
נאָר זיין געשטאַלט געבליבן איז באַהאַלטן אין מיין האַרצן,

איך רוף — און דאָס געשטאַלט שטייט אויף פאַר מיר ווי לעבעדיג:
פונקט ווי אַ מידער אָקס וואָס שלעפּט זיך אָנגעשטרענגט, פּאַמעלעך,
ער שפּאַנט אין שווערן יאָך זיינעם, ברייטביינערדיג, שווערפיסיג;
פאַרגליווערט, גלייכגילטיג, געדולדיג — אַלעמאָל דער אייגענער:
אין צאָרנדיגע האַרבסט־טעג ווי אין ברענענדיגע זומער־טעג.
ער שלעפּט, אַ פינסטערער, דעם שווערן וואָגן פון זיין לעבן,
מיט שטיינער אַ באַלאָדענעם, דורך וועגן ליימיגע און זומפּיגע,
דורך שטעגן זאַמדיגע, מיט זיילן שטויב פאַרוואָלקענטע.
געבויגן איז דער קאַרק, צעאַקערט איז פון זאָרג דער שטערן,
און זיינע אויגן — האָפנונגסלאָזע ברינימער פון טרויער,
וואָס קוקן אויס אויף יעדן וועג און שטעג: באַווייזט זיך ניט
פון ערגעץ איינער וואָס זאָל אויסלייזן און זאָל דערבאַרימען?
אַזוי האָב איך געזען אים יעדן אינדערפרי, און האָב געוויינטאָגט,
ווי ער פלעגט איבערגעוואַלט זיך אָפּרייסן פון גאָט, זיין לעבנסקוואַל;
ער לייגט צענויף דעם טלית און די תפלין, זיינע ריינע קליידער —
און ווען די אויגן זיינען נאָך פאַרטיפט אין זיך, אין זיין נשמה,
און ס'טוט זיין האַרץ נאָך ברומען ווי אַ האַרף, און ווען זיין אויער
איז נאָך געוווען געניגט צום ווייטן ליד פון מאָרגנשטערן —
פלעגט ער אַרויסגיין שטיל און אונטערטעניג, ווי אַ נאַכטוואַנדלער,
צוריק אין שפּאַן פון זיינע טעג און צו זיין בזויה'דיגער אַרבעט.
דעם גאַנצן טאָג אין רעדל פון שיכורים, אין דער שיינקשטוב,
זיך אָנצוטרינקען מיטן הויך פון זייער מויל און ווערן טמא,
טאָג־איין־טאָג־אויס אויף פיין, טאָג־איין־טאָג־אויס — אין לייבנגרוב.
און ווען ער קומט ביינאַכט צו זיך אין חדר, דורכגעווייקט אין שמוץ,
ווי פון אַ מיאוס'ן זומפּ אַרויסגעשלעפּט, ביז טיף אין דער נשמה, —
האָט ס'האַרץ געוויינט מיר אויף זיין צער, זיין פיין האָט מיך באַצוואונגען:
וואָלט איך נישט אַזוי קליין געווען, וואָלט איך נישט אַזוי שוואַך געווען,
וואָלט איך מיין פלייצע צוגעשפּאַרט, מיין האַלז מיט זיינעם איינגעשפּאַנט,
געשלעפּט מיט אים אינאיינעם, אפשר וואָלט אים לייכטער ווערן —
נאָר שוואַך געווען מיין האַנט און נישט דערהערט מיין תפלה;
און ער, אַן איינזאַמער, האָט זיך געשלעפּט דעם וועג פון ליידן.
ביז צו דער ערד פון לאַסט און פיין האָט זיך געבויגן זיין נשמה,
און אַז צו שווער געוואָרן איז די לאַסט — האָט ס'האַרץ נישט אויסגעהאַלטן:

ער איז געפאַלן פלוצים און געשטאָרבן אין די האַלבע יאָרן,
איז ווי אַן אָקס אין מיטן וועג געפאַלן און זיך אויסגעצויגן,
זיך מער נישט אויפגעהויבן.

און אין ווינקל פון בית־עולם

אַרויס פון סמאָלע־גאַס, די היים פון אָרימסטע פון אָרימע,
צווישן קברים פון זיין גלייכן — מענטשן עלנטע, באַליידיגטע,
וואָס זיינען פאַר דער צייט, ווי ער, אַוועק אין יונגע קברים —
געוואַשן פונם שטויב פון וועלט, גערייניגט פון דעם שמוץ פון לעבן,
אין פרישן לייוונט, קלאָר ווי דער פרימאָרגנשניי, פאַרוויקלט,
פאַרהילט אין טלית, אַ פאַרגעלבטן ווי די ספרים זיינע,
און אָנגעזאַפּט, ווי זיי, מיט תפלות און מיט רחמים,
געקושט פון ציטערדיגע ליפּן, געגלעט פון ליבענדיגע הענט —
דאָרט האָבן זיינע ביינער אונטער דין און אָרים ברעטל
אין איינעם אַן אלול׳דיגן טאָג געפונען מנוחה.
די קורצע אויפשריפט, אויסגעקריצט פון נישט קיין קינסטלערהאַנט,
דערציילט דער וועלט : „פּ. נ. איש תם וישר".

ב

„שבעה"

... אַ וואָלקן איז אַרונטער אויפן הויז, צעלייגט אונטערן באַלקן,
אַ שווערער באַרג אבלות, אַ פאַרגליווערטע שטיק פינסטערניש, —
אַריינגעפּרעסט זיך אין דער לופט, און אָנגעפּילט מיט אַנגסט די ווינקלען.
עס האָבן אונטער אים געבויגן זיך די מאַמע מיט דריי קינדער,
פאַרכאַפּט פון אימה ווי די פויגלען אין אַ בייזן שטורעם —
זיי האָבן זיך צונויפגעדריקט, זיך צוגעטוליעט איינס צום צווייטן.
אויף דר׳ערד געזעסן, אויסגעטאָן די שיך, אין אבל׳דיגן קנויל,
גאָט׳ס מורא אין די ביינער, און דאָס לשון אָפּגענומען.
עס קאָרטשען זיך די ווענט פאַרזונקענע אין תהום פון טרויער,
דאָס מעבל שטייט פאַרשטומט און וויקלט זיך אין זיינע שאָטנס —
עס שווייגט, עס האַלט זיך איין, באַהאַלט נאָך אין זיך זיין אבלות,

נאָר נאָך אַ ווייל — און דער פאַרשטיקטער שלוכץ וועט אויספּלאַצן,
די ווענט וועלן פאַרגיין אין קלאָג, די טירן וועלן יאָמערן.
דאָס בייזע אומגליק איז געשען, זיך אויסגעגאָסן אויפן הויז,
און חרוב איז די קליינע היים, דער שטילער נעסט איז אויסגעריסן,
פאַרלאָרן איז דאָס ליכט פון הויז, זיין שיינקייט איז פאַרפלויגן.
עס לויערט, רוקט זיך נענטער, דאָס פאַרזעעניש, דער דלות,
און גלאָצט פון איטלעך ווינקל מיט די בייזע שפּינען־אויגן —
אָט־אָט וועט ער אַריינשטעכן די מיאוסע נעגל אין די ווענט,
וועט ווי אַ בייזער אייטערדיגער קרעץ זיך איינעסן,
און וועט פאַרוואָרצלען זיך און שפּרייטן זיך אין אַלע ווינקלען.
די בלאַנקע קופּערפאַנען פון דער פּאָליצע אַנטקעגן
דערזען האָבן זיין מאוס פּרצוף — און געוואָרן טונקל ;
די פאַרבן פון געשטיקטן „מזרח״ האָבן אָפּגעשאָסן,
פאַרוועלקט זיין בליט־און־בלום, דאָס גאָלד איז שוואַרץ געוואָרן,
זיין לייב און הירש, מיט קעפּ אַהינטערווילעכס, זיך דערשראָקן.
דאָס שפּיגל האָט באַהאַלטן זיך, זיך איינגעדעקט אין ליילעך.
דער זייגער שטייט, די צייט האָט איצט איר אָטעם איינגעהאַלטן.
דערבאַרעמדיגע ווייבער, הערצער וויסטע און צעבראָכענע,
באַהאַוונטע אין תחינות און אין מענה־לשון, שוועסטער
פון עלנט און פון נויט, וואָס וויסן וואויל דעם טעם פון צרות,
די פּנים׳ער צעקרימט פון אייביגן געוויין, מיט רויטע אויגן —
די יעניגע וואָס רייסן איין די קברים אויף בית־עלמנ׳ס,
און קלאַפּן אין די טויערן פון הימל און פון גיהנום —
ווען זיי האָבן איין טאָג באַוויזן זיך מנחם־אבל זיין,
גאָר גרייט זיך נעמען צו די כלים — האָבן זיי די שוועל באַטראָטן,
דאָ זיינען זיי געבליבן שטיל, און זיך אַרויסגערוקט אָן ווערטער —
און שוואַרצער, שווערער, האָט די שטילקייט זיך צעגליווערט.
ס׳האָט ציטערדיג און בלאַס, פאַרכאַפּט פון סודות׳דיגער אימה,
דאָס קנייטל שטיל געצאַנקט מיט זיין בלינד פלעמל, ווי אַ טונקל אויג,
אַראָפּגעקוקט פון פענסטער־שוועל, נישט אויפגעהערט צו צוקן,
אין בוימל אומגעשוואומען (דאָס נשמה־ליכט פאַרן פאַרשטאָרבענעם)
און איינגעטיילט אַ ביסל שיין, אַ צאַרט און איידל ליכט,
פּונקט ווי דער טרויער דער געלייטערטער, דעם נאָענטן שכן זיינעם :

דעם גלאָז מיט קלאָרן וואַסער און דעם שטיקל ריינעם לייוונט,
(אַ מקוה פאַר דעם טויטנס נשמה מיט אַ האַנטיכל אַ ריינס)
געטריפט מיט ווייטאָגלעכן טרויער אין דעם ים פון שטילקייט.
טאָג־טעגלעך, אין דער פרי און אָוונט, ווי דער דין איז ביי אבלים,
קומט זיך צענויף צום אָפּגעכאַפּטן אומעטיגן דאַווענען
אַ מנין אידן, אויפגעכאַפּט פון גאַס, געדונגענע פאַר פרוטות —
און ווען דער בעל־תפילה הויבט זיין קול אויף צו „מחיה־מתים",
וועקט אויך זיך ס׳פלעמל פונם קניטל, טוט זיך אויפהויבן,
און האָט דאָס אויסזען פון אַ קליין געשליפן גאָלדן צינגל —
טוט פלוצים זיך אַ טרייסל און אַ צאַפּל ווי אַ שיכור:
דאָס פאַרהאַנגל פון פענסטער פלאַטערט, ס׳לויפט אַדורך אַ ווינטל,
ס׳ווערט אויפגעציטערט איטלעך האָרץ פון אַ געהיימער מורא:
צי קומט דאָס ניט די נשמה פונם טויטן דורכן פענסטער,
אין קליינער מקוה אין דער גלעזערנער אַצינד זיך טובל׳ען?
זי טונקט זיך אונטער דאָרט אַ קורצע רגע אינם וואַסער,
און גייט אַרויס, און טריקנט אָפּ זיך מיטן ריינעם האַנטוך —
און ריין און קלאָר גייט זי צוריק פון וואַן זי איז געקומען.
ווי, ווי, נשמה ריינע, אויב ס׳איז אמת, אַז דו קומסט אַהער,
דיין פריערדיגע היים באַזוכן — וואַרט נאָר אויף אַ קליינע רגע,
ביז ס׳וועט זיך ענדיגן דאָס דאַווענען, וועסטו זען און הערן —
און דו וועסט אויך צעגיין פון צער, פון ווייטאָג און רחמנות —
דעם קדיש דעם צעבראָכענעם, פאַרשלונגענעם אין טרערן,
וואָס קומט באַטריבט, פאַרביטערט, פונם מויל אַרויס
פון בלייכן בלאַסן קינד, אַ קליין און נישטגעלערנט עופה׳לע,
וואָס זיין מלמד האָט אים אויף אַ באַנק געשטעלט, אויף אָנצוקוקן —
צעטומלט און צעקלאַפּט, צעגייט פון טרערן און פון יאָמער —
דיין יתום איז דאָך דאָס, דערקענסט דאָך אים, וועסט דאָך פאַר אים זיך מיען.

די מאַמע איז געזעסן און געשוויגן, אַ פאַרגליווערטע.
דאָס פּנים — אַ שטיק אייז, איר האַרץ — אַ טויטער שטיין. די מורא
פאַר מאָרגעדיגן טאָג — האָט איר די האָר פון קאָפּ געהויבן.
געבויגן איבערנאַכט, ווי בערג וואָלטן אויף איר געלייגט זיך:
ווי וועט זי אויסהאַלטן איין טאָג מיט דריי יתומים אויפן האַלז?

ווי וועט זי אויסטראָגן פון זייער טאָג און נאַכט די משא ?
ווי וועט זי זיי מפרנס זיין, באַקליידן און באַשוכן ?
ווער וועט אויף זיי השגחה טאָן, אין גראַדן וועג זיי פירן ?
ווער וועט אויף ספרים הייליגע גאָט'ס ליכט ביינאַכט אָנצינדן,
באַשטראַלן די פרימאָרגנס אירע מיטן קול פון דאַוונען ?
ווער וועט פאַרבעטן די מלאכים פרייטאָג־נאַכט אין הויז אַריין,
ווער וועט דעם יום־טוב־טיש באַשיינען מיט געזאַנג פון זמירות ?
דעם טאַטנס שטול איז פוסט, פאַרשעמט איז דער בכבודיגער אָנלען,
דער טלית־זאַק איז ליידיג, אַ צעקנייטשטע און פאַרשוועכטע טאָרבע,
זיין סידור צוגעמאַכט, פאַרשעמט אויף אייביג זיינע בלעטער ;
אַן אבל איז דער ספרים־שראַנק, יתומים — זיינע ספרים,
ס'באַרירט זיי מער קיין האַנט ניט, רוישט ניט אויף די בלעטער. —
אַזוי איז זי געזעסן זיבן טעג, אַן אָנגעטרונקענע מיט שרעקן,
אויפן אַכטן טאָג זיך אויפגעכאַפט, און אַרויס איר גורל אַנטקעגן.

ג

אלמנה־שאַפט

אוי, טעג פון שרעקן, גאָט־פאַרשאָלטענע, וואָס זייט איר ניט געוואָרן אָפּגעווישט אין גאַנצן פון מיין האַרצן און נשמה —
צי נאָך בעסער, וואָלט איר מיט אייער גאַנצן טיפן שווידער,
געמינערט נישט קיין האָר, געבליבן תמיד פאַר די אויגן
און וואָלט געשעפּט, טאָג־איין־טאָג־אויס, פון טיפסטער טיפעניש
איר ווייגעשריי פון צער און דאָס געברום פון איר רחמנות.
פאַרשוואונדן זיינען לאַנג שוין יענע טעג, נאָר זייער מורא
איז תמיד פריש — און פונקט ווי איינער צוגענאָגלט צו זיין קרייץ,
אַזוי בין איך גענאָגלט צו דעם בילד פון דיין אלמנה'שאַפט —
מיין מאַמע אָרעמע, דו נישט־ געטרייסטע, נישט־ דערבאַרעמטע !
זע, מיינע שלייפן גרויען שוין, מיין שטערן איז צעקנייטשט, צערונצלט,
פיל חרפּה בין איך אויסגעשטאַנען אין די יונגע יאָרן,
און פיל האָב איך זיך אויסגעלערנט שפּעטער צו פאַרגעבן —

די חרפה אָבער פון דיין עלנט ברענט נאָך אַלץ אין מיינע ביינער,
און כ׳קען נישט מוחל זיין. אויך דיר, מיין גאָט, קען איך ניט מוחל זיין!
פון אַלע מיינע לידער שפּאַלטן זיך אַרויס די פלאַמען אירע.
צי דען איז דאָ באַלוינונג פאַר אַ מאַמע׳ס לייד? פאַרגיטיגונג
פאַר דער געשענדטער שענקייט פון אַ מענטשן? ווי האָב איך צוגעזען,
און נישט געוואָרן בלינד? ווי האָט גאָט צוגעקוקט און שטילגעשוויגן,
ווי ס׳איז זיין צלם־אלהים געוואָרן אָפּגעמעקט?
פאַרוואַנדלט איז די אינדין פונם הויז אין אַ פאַרזעעניש!
צעקלאַפּט, צעשלאָגן, ווי אַ הערבסטיג־בלאַט פון ווינט געטראָגן,
איז זי געבליבן שטיין איבער די חורבות פון איר לעבן.
אַ נאַקעטע, אַ הוילע, אָן אַ שוץ און אָן אַ זיכערקייט
אַנטקעגן שטורעם פון די שוואַרצע טעג און זיינע שרעקן.
אַליין, מיט הענט מיט ליידיגע, אָן איינזאַמע אין איר געפּאַלנקייט,
האָט זי זיך מיט איר גורל מיט איר ביטערן געראַנגלט:
און ס׳זיינען פול געווען די טעג מיט לייד, די נעכט — מיט שרעקן.
די זאָרג די אייביגע האָט אויסגענאָגט די מאַרך פון אירע ביינער
און אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט טעמפּער מורא. ווי אַ טויב צעשראָקן,
האָט זי אַרומגעפלאַטערט גאַנצע טעג, אָן צוועק, אָן זינען,
אַרומגעשלאָגן זיך אומזיסט־אומנישט, אָן לייב און לעבן.
באַגינען האָט זי פון איר בעט געטריבן צו דער אַרבעט,
געיאָגט מיט פייערדיגע ריטער ביז אַ שטיק אין אָוונט —
און נישט געלאָזט דעם אָטעם אָפּכאַפּן — די קינדערס בליקן.
די חרפה האָט פאַרשוואַרצט איר פּנים, און דער כעס צעקאָכט די בלוטן.
די אומזיניגע אַרבעט האָט געבראָכן זי, געשטויסן,
די האָפנונגסלאָזיגקייט האָט אויסגעלאָשן אירע אויגן,
פאַרמאַטערט ביז צום חלש׳ן, ביז פליקן זיך דאָס אייגן לייב
צוזאַמען מיט די שוואַרצע, טרויעריגע אלמנה־קליידער,
זיך קלאַפּן קאָפּ אָן וואַנט, און ברומען ווי אַ בעריכע
וואָס איז פון אירע יונגע בערעלעך באַרויבט געוואָרן.
אויף וועלכן טויער פון רחמנות האָט זי דען נישט אָנגעקלאַפּט?
אויף וואָסער שוועל פון האָפנונג האָט זי זיך נישט אויסגעצויגן?
צו וועלכן אומרייִנעם פּרנסה־קוואַל איז זי נישט צוגעפאַלן?
ווי אַ צעבראָכן פלאַש, צי ווי אַן אַלטער און צעפוילטער שוך,

פון שמוץ פון שיינקשטוב אויפן מיסט פון מאַרק אַרויסגעשליידערט,
צו ווערן אויסגעריסן פאַרן שטיקל ברויט; אַ וואָרים
צווישן מענטשן־ווערים פונקט ווי זי, פאַרוויטאָגטע נפשות,
ווי לעבעדיגע פעק יסורים, גייענדיגע לאָגלען טרערן,
ווי טאָרבעס אויף צוויי פיס, מיט דורכגעפוילטע ביינער,
מיט אויסגעצערטע לייבער, לונגען — דורכגעלעכערטע,
אין וועמעס אויגן ס'איז פאַרגליווערט שוין אַ האָפנונגסלאָז געבעט.
געמיטער אויפגערעגטע, אויפגערייצטע, פעך און שוועבל,
וואָס צינדן זיך פון זיך אַליין פאַנאַנדער, מיט צעפליקטע נערוון;
די ליפּן — בלוי און גייען אום אויף שרויפן, טוען גיסן
מיט צעבערס אומריין וואָסער איינע אויף דער צווייטער.
דערצאָרנטע, צערייצטע בריות, פעסער פול זלזולים
וואָס בראָטן לעבעדיגערהייט זיך אויף די אייגענע קוילן
און פרעסן זיך דאָס לייב פאַר ווייטאָג. צינגער — שאַרפע מעסער.
און האַלז — אַ ווערימדיגער נעסט פון קללות. מאַרק־ווייבער
מיט שוידערלעכע פּנים'ער און העסלעכע געשטאַלטן,
פאַרגעסענע פון פרויען־חן און רייץ, פון וועלכע ס'איז פאַרווישט
דער מינדסטער שפּור פון פרוי און מוטער; אַ געזעמל
פון בייזע און צעווילדעוועטע מענטשנטעכטער, בייזער נאָך
פון ווילדע קעץ וואָס שטייען אין אַ ביטערן געראַנגל
פאַר יעדן ברעקל ביין, פאַר איטלעך שטיק פאַר'מיאוס'ט פלייש,
וואָס ווערט אין מיסט אַרויסגעוואָרפן; אויפגעשטעלט די האָר ווי נאָדלען,
דאָ קעמפן זיי פאַר זיך און קינדער מיט די ציין און נעגל
אַנטקעגן יעדן איינעם, גרייט צו רייסן און צעריסן ווערן,
די אויגן אויסדראַפּן דעם יעניגן וואָס קומט אין זייער גבול —
דערבאַרימדיגער גאָט פון מאַמעס! ווי קומט זי אין זייער רעדל?
ווי וועט זי קענען זייער לשון און זיך לערנען זייער דרך?
ניט איינמאָל האָב איך זי געזען באַגינען גייענדיג צום מאַרק,
ווי זי פאַרהאַלט זיך ביי דער טיר, מיט טרייסלענדיגע קניען,
מיט ציטערדיגע הענט אויף דער מזוזה, אויגן אויפגעהויבן,
אין גאַנצן אַ פאַרביטערטע, פאַרצאַפּלטע אין שטומען שרעק:
מיט וואָס גייט זי צום שווערן טאָג, ווי וועט זי אים באַקעמפן?
ווי קען זי אין סמבטיון גיין, און ניט פאַרשלעפּט ווערן

אין מוטנעם שטראָם ? וואו נעמט מען כח זיך ניט אויסצוגליטשן ?
ווער וועט זי פירן ביי דער האַנט, ווער וועט צוהילף איר קומען ?
ווער וועט זי אויפהויבן פון דר׳ערד, אויב זי וועט אומפאַלן ?
כ׳האָב מיטגעפילט איר שרעק, און ס׳האַרץ איז אויסגעגאַנגען —
געוואוסט האָב איך, אַז אָוונטצייט וועט זי אַהיים צוריקקומען
מיט פיס פאַרשוואָלענע, מיט ברעכעניש אין קרייץ, פאַרשעמט,
דאָס פנים פינסטער, שוואַרץ ווי קויל, דאָס האַרץ פאַרברענט אויף אַש.
אין דרייען איינגעבויגן שלעפּט זי זיך אין הויז אַריין —
און טרעפט די דריי יתומים אירע זיצנדיג צונויפגעדריקט,
פאַרשלונגען אין דער פינסטערניש פון נאַכט, מיט אויגן
פאַרהויבענע צו איר, און שלינגען זייער שפייעכץ מיט די טרערן —
און זי קומט אָן מיט ליידיגן — און האָט נישט וואָס צו זאָגן.

איר, גאָט-געבענטשטע לייט פון סמאָלע-געסל, איר וואָס האָט
טאָגטעגלעך אייער ברויט — זאָל זיין אפילו טרוקן שוואַרצברויט
וואָס קומט מיט גרינער גאַל — ווען צוגעקומען איז צו אייך די נייס
פון דער אלמנה וועלכע וואוינט אין אייער שכונה, אַז זי האָט
איין טאָג זיך אויפגעהויבן און פאַרבויגן איר רחמנות,
איר יונג צאַרט פויגעלע אַרויסגעלאָזט פון נעסט, פאַרשיקט
אים אין דער פרעמד — באַשווער איך אייך מיט אַלע אירע וויטאָגן,
איר זאָלט זי ניט פאַר׳משפט׳ן, און זאָלט זי ניט פאַרדענקען.
ס׳דערציילט איר פנים, און ס׳איז גאָט אָן עדות : וויפיל נעכט אָן שלאָף
זי האָט אָוועקגעגעבן איידער זי האָט זיך אויף דעם באַשלאָסן.
ווער קאָן אַ מאַמעס האַרץ מיט אַלע זיינע וויטאָגן ?
איר פרעגט ביים קישן פון איר נאַכטיגן צוקאָפּנס,
פרעגט אָן די שבת-ליכט אויף וועלכע זי פאַרטרויט זיך,
וואָס האַרכן אויס איר שעפּטשען און איר וויגעשריי —
איר פרעגט דעם קרבן-מנחה און דעם תהלים, דורכגעווייקט פון טרערן,
און פרעגט די קופּער און די זילבער כלים, רעשטלעך פון ירושה
און חתונה-מתנות, פון די בעסערע געציילטע טעג,
ווי זיי האָבן זיך איינציגווייז, אין טונקעלע פאַרנאַכטן,
פאַר׳גנב׳עט אונטער פאַלע פון איר מאַנטל צו דעם מלוה.
און פרעגט דעם הילצערנעם פאַרהאַרטעוועטן ברעטל

וואָס אויפֿן קבר פֿון איר מאַן, געשלאָגן פֿון איר פּויסט דעם מאָגערן
אין טרויערדיגע אלול־טעג און יעדן ערב־חודש —
און אויך דעם לעצטן פּלאַץ פֿון הילף, געשטורעמט פֿון איר ווייגעשריי
אין די פֿרימאָרגנס: פֿרעגט דעם ארון־קודש אין בית־מדרש
פֿון סמאָלע־גאַס. און אויב ס'איז זייער לשון פֿרעמד צו אייך —
פֿרעגט ווייטער זיך ביי הגר'ן, דער וואַנדלערן אין מדבר:
וואו איז איר האַרץ געווען, פֿאַרלאָזנדיג איר דורשטפֿאַרברענטן קינד
דאָרט ערגעץ וואו אונטער אַביימל — וועט איר אפשר אויך באַנעמען
וואָס מיט מיין מאַמען איז געשען, ווי ס'איז געווען איר אויפֿן האַרצן
אין ביטערן, אין יענעם אויפֿדערנאַכט וואָס פֿאַר דער שיידונג:
וואָס האָט זי מיך געטוליעט, אויפֿגערעגט, צעטראָגן,
געדריקט צום האַרצן מיך אַזוי מיט לאַכן און מיט קלאָגן.
אריינגעקוקט, געזוכט דאָרט אין דער טיפֿעניש פֿון מיינע אויגן
ווי זי וואָלט איר גזר־דין פֿון זייער קוק אַרויסגעצויגן.
און וואָס זי האָט געקושט מיך אַזוי שטאַרק דורך הייסע טרערן,
געראַנגלט זיך מיט זיך אַליין, איידער זי האָט מיך געלאָזט הערן,
אַרויסגעשטאַמלט דורך געוויין, אַז ס'איז ביי איר באַשלאָסן,
קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, ווי נאָר ביים זיידן מיך צו לאָזן.

ד

צעשיידונג

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן אַ קרישטאָלענעם פֿון ליבן פֿרילינג,
ווען ריין און לויטער איז די וועלט ווי באַלד נאָכ'ן באַשאַף, און איידער
די פֿאַרשטאָט כאַפּט זיך אויף מיט טומל און געפֿילדער אים באַשמוצן —
(ניט אַנדערש אין אַזאַ פֿרימאָרגן, האָט אברהם אונזער פֿאָטער
געפֿעדערט זיך צו פֿירן יצחק'ן, זיין זון, צו דער עקדה)
איז פֿרי די מאַמע אויפֿגעשטאַנען פֿון איר שלאָף, האָט אָפּגעדאַוונט,
פֿאַרפּאַקט דאָס בינטל אַלטוואַרג, אויסגעלאַטעט נאָך פֿון נעכטן:
די צוויי־דריי העמדער און די זאָקן און דעם נייעם ארבע־כנפֿות.
דערצו אַ צוגאָב פֿון אַ האַרציגער געטרייער מאַמע:

אַ טרוקן מאַנקוכן פון אייגענעם געבעקס, ווי איך האָב ליב געהאַט
און איינציגע ירושה אויף מיין טייל: דעם טאַטנס אַלטן סידור.
(די מאַמע האָט צוויי מינים שפּייז פאַרגרייט: איינס פאַרן טרויערוועג,
וואָס ציט זיך פאַר איר יתום היינט, און ס'צווייטע פאַר זיין לעבנסגאַנג),
געמאַכט פון דעם אַ פּעקל — אי אַ נישטיגס, אי אַ טייערס.
זי האָט זיך איינגעוויקלט אין פאַטשיילע, און איך האָב גענומען
געזעגנען זיך מיט ברודער און מיט שוועסטער; צוגעפאַלן איינמאָל,
און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געקושט מיט ברען און פייער,
מיט וויפיל כח ס'איז געווען, אַז ס'איז דאָס האַרץ פאַרגאַנגען,
און אויך אַזוי געקושט פון אַלע טירן די מזוזות.
כ'האָב אויך זיך מיט די שאָטנס פון די יונגע טעג מיינע געזעגנט,
וואָס ליגן דאָ באַהאַלטענע, פאַרשטומט פון טרויער, אין די שפּאַלטן,
און אין די שוואַרצע ווינקלען פונם הויז דאָרט: פרידן, שאָטנס.
און זיי געזונט אויך דו, דער נאָנטער שכן אונזערער,
מיין פילבאַליבטער און געטרייער בוים, בעריאָזע ליכטיגע!
האָסט היינט זיך אויסגעפּוצט לכבוד מיר מיט דיינע לאָקן,
זיך אויסגעצירט מיט רינגען און מיט געלע אוירינגען —
געבענטשט זאָלסטו מיר זיין אויף אייביג! דו האָסט יעדן פרילינג
געגעבן טרינקען מיר די קילע זאַפט וואָס פליסט פון שטאַם דיינעם.
ס'איז אמת, אָרעם איז געווען דיין טרונק, אין טעפּל ליימענעם,
אַ כלי פאַר דער אָרעמקייט, אָבער דיין זיסקייט וואָס דערקוויקט
ליגט אַלץ מיר נאָך אין טעם און אין געביין אַזויפיל יאָרן,
באַ'טעמ'טער פאַרן בעסטן ווייַן אין בעכער גאָלדענע.
אויך דו זיי מיר געזונט, דו עלטסטער פון די פאַרשטאָט-בירגער,
באַשירמער מעכטיגער, געדיכטער שאָטנדיגער לינדנבוים —
מיט יאָרן און מיט צווייגן שווער, מיט שטורעמס און מיט בליצן זאַט.
דיין אויסגעהוילטער שטאַם (צי אויסגעבראָקט פון הענט? געכאַפּט פון פוילעניש,
צי אויסגעברענט פון בליץ?) אַ וואוינונג איז אַ שטענדיגע געווען
פאַר שטאָקן רוישיגע פון בינען, און זיין שויס אַ זיס באַהעלטעניש
פאַרן קאָפּ מיינעם, דעם בינשטאָק פון געדאַנקען. אין די זומערהיצן,
האָב איך מיין קינדהייט-טרויער אָפט געפירט ביי דיר אין שאָטן,
און דיר צופוסנס אויסגעבעט מיין קלעמעניש און בענקעניש
נאָך עפּעס וואָס איך האָב אַליין גאָרנישט געוואוסט. האָסט אויך ניט איינמאָל

דעם שאַרפֿן ביס פֿון דיינע בינען מיר געגעבן צו פֿאַרזוכן,
און זייער קאַרגן האָניק. נעם מײַן ברכה צו פּאָר בײדע,
דו מעכטיקער און פּרעכטיקער! צו אַלע מײַנע טרוימען אויף דער וואָך
וועט פֿון היינט אָן באַגלייטן מיך דאָס אײַנגעהאַלטענע געזויש
פֿון דײַנע בלעטער; ס'וועלן מיך אויף יעדן וועג און שטעג באַגריסן,
און טאַנצן פֿריידיק מיר אַנטקעגן דײַנע שטראַלן־קינדער,
ווי פֿלינקע גאָלדענע מײַזלעך; און פֿון אַלע שענסטע בשמים
וועט דופֿטן בעסער מיר, און פֿון דער ווײַטסטער ווײַט מיר גרייכן,
דער דופֿט פֿון דײַנע בליטן, די בני־זקונים דײַנע, אין מיטזומער.
אויך איר נעמט צו מײַן אָפּשיידסגרוס און ברכה, שטיבלעך אָרעמע,
מיט דעכער אָפּגעריסענע, מיט ווענט פֿון אַלטקייט אויסגעקרימטע,
וואָס שטייען ביזן העלפֿט אין דר'ערד פֿאַרזונקען — פֿרידן אַלעמען.
און טאָפּלט פֿרידן צו דעם לעצטן פֿון די לעצטע אייערע,
צום נידריקסטן, געזונקענסטן, צום קלײנפֿאַרשעמטן שטיבל
וואָס שטייט אַן אײַנזאַמס אָן אַ זײַט פֿון געסל אָפּגעזונדערט,
ווי אַ געדולדיק קעמל אָנגעהאַרבט מיט זײַנע הויקערס,
און קוקט דערשראָקן פֿון באַהעלטעניש אַרויס מיט האַלבע פֿענסטער.
ביז אייביק פֿרידן דיר! כ'בין נאָך אַן עופֿה'לע געווען, און אײדער
איך האָב געקענט נאָך דאָס וואָרט „טאַטע" גוט אַרויסברענגען —
בין איך אין שטיבל דאָ, אין חדר שוין געבראַכט געוואָרן,
געטראָגן אויפֿן טאַטנס הענט, פֿאַרוויקלט אין זײַן טלית,
פֿעסט צוגעדריקט צום האַרצן זײַנעם, פֿון זײַן באָרד באַשירעמט —
אַ ציטערדיק געשאַנק צו גאָט, און אַ פּקדון אין זײַן האַנט.
ס'איז וואָר, דער רבי האָט אַ שווערע האַנט געהאַט, פֿאַרביטערט, האַסטיק,
און אָפֿט האָט ער זײַן ביטער האַרץ אויף מײַנע ביינער אויסגעלאָזט —
נאָר איצט בין איך פֿאַרגיביק, כ'טראָג קיין כעס ניט אין מײַן האַרצן.
אין טרויערדיקער אָפּשייד־שעה פֿון דעם פֿרימאָרגן, שטעלנדיק
צום ערשטן מאָל מײַן ציטערדיקן טריט אויף נײַע וועגן —
ווי ליב און טײַער זײַט איר אַלע מיר, אָט ווי איר שטייט און גייט,
מיט אַלע קרומענישן, מיט די אײַנגעלייגטע פּליטן פֿון די הויפֿן,
מיט אַלע בערגלעך מיסט, מיט אײַער גאַנצער אָרעמקייט —
איר זײַט מיר ליב און טײַער אַלע היינטיקן פֿרימאָרגן.
און זעט, ניט גרויס און שווער אין אויסזען און געוויכטיקייט,

איז היינט די משא וואָס די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן;
כ׳האָב גאָרנישט ניט מיט זיך אַ חוץ מיין קליינעם גוף און אָרעם פעקל —
און דאָך ווי אָרעם און ווי קליין איך בין, בין איך ניט פּוסט און ליידיג
ווען כ׳גיי פון אייך אַוועק. אַן אַנדער משא, פול מיט וואונדער אַנגעלאָדן,
טראָג איך אין האַרצן מיט אַצינד, פאַר׳חתמ׳עט אין דיביינער —
דאָס איז די משא וואָס איר האָט מיר אין נשמה אַנגעלאָדן.
איר האָט מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה, איר טויער איינגעבראָכן,
אַריינגעריסן זיך ווי אין אַ שטאָט אַן אויפגעשפּאָלטענער,
און מיך האָט איר נישט אָנגעפרעגט — אַליין נישט ווִיסנדיג,
האָב איך זיך אָנגעזאַפּט מיט אייך. אַצינד וועל איך אייך מיטנעמען
וואוהין איך גיי — און איר וועט אייביג לעבן אין נשמה.
אַז ס׳וועט מיר שלעכט זיין אין דער פרעמד, די בענקשאַפט וועט באַפאַלן מיך,
וועל איך אין ווינקל זיך פאַרקלייבן, וועל אייך איינציגווייז אַרויסציען,
ביז איר וועט אַלע אויפלעבן פאַר מיר, אַ גרויסע שווערע מחנה —
געלייטערטע פון פּסולת וועט איר פלוצים זיך אַנטפּלעקן,
און איר זייט וואונדערשיין אין חסד און אין רחמים.
מיט פרישן ריינעם בלוי וועט אייער הימל טריפן,
די תבואה אייערע פון פעלד וועט שימערן אין גינגאָלד,
דאָס גראָז וועט שפּרייטן זיך אין גרינגעשטיקטע טעפּיכער,
און אייער שניי וועט גלאַנצן מער פון בראשית׳דיגע שנייען;
עס וועלן אייערע פרילינג־שטראָמען פליסן קלאָרן זילבער,
ווי דער לבנון רוישן אייערע וועלדלעך אינם טאָג פון שטורעם,
און אין אַ שטילן טאָג וועט שפּרייטן זיך אַדאָרט גאָטס שטילקייט.
איך וועל צעעפענען די אויגן מיינע ברייט פון וואונדער
צום רוף פון קוקו ווען עס קומט פון דער געדיכטעניש בייטאָג,
און ס׳האַרץ וועט אויסגיין פון געזאַנג פון נאַכטיגאַל ביינאַכט.
די בינען ברומען ווי די האַרפן און די זשאַבעס זינגען שירה.
אַן דאַן וועסטו, מיין רבינס הויז, נאָך ווערן אויפגעריכט; וועסט פעלזנשטאַרק
אַרויסוואַקסן פון דר׳ערד. די הורבע מיסט ביי דיינע זייטן —
וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גרינעם באַרג, מיט אוצרות אין זיין טיפקייט,
דיין טייטל, רבי אָרימער, אַ צעפּטער אין אַ האַנט פון מלך.
אַזוי אַ וועט איר שטיין פאַר מיר צעשטראַלט און אויפגעלויכטן,
און גרויס און שיין ווי ס׳האָט זיך אייך קיינמאָל גע׳חלומ׳ט.

נאָר העכסטע שענקייט, טיפסטע פּראַכט האָב איך פונדיינטוועגן באַהאַלטן,
געקריוודעטע פון פרויען און פון מוטערס, מאַמע טייערע!
דאָס שענסטע פון מיין לעבן וועל איך קעגן דיר צעשטראַלן,
וועסט לויכטן ווי די מאָרגנזון אין הימל פון מיין לעבן.
אַז טריב פאַר׳יתום׳טע מינוטן וועלן צו מיר קומען,
דאַן וועלן מיינע אויגן צו דיין ליכט זיך ווענדן, כ׳וועל געדענקען
די אָוונטן ווען דו האָסט צערטלעך איבער מיר געבויגן זיך,
מיין קאָפּ געגלעט, געדריקט מיך צו דיין האַרצן מיט דערבאַרמען.
האָסט מיך באַטרונקען מיט דיין טרער און אַלע קוואַלן מיינע אויפגעברויזט.
אויך דאָס וואָס דו האָסט נעכטן זיך צו מיר געטוליעט, צערטלענדיג,
געקוקט אין ד׳אויגן מיר מיט וויינען און מיט לאַכן און מיט קושן —
כ׳געדענק און איך באַנעם, ווי טיף עס איז אַ מענטשנס עלנט
אויף אונזער ערד. נאָר כ׳שווער ביי גאָט, אויב ס׳וועט איין טרער דיינע
פאַרלוירן גיין אומזיסט. פון טיפסטער טיף, וואו נאָר די טרער געפינט זיך,
אַ פּערל אויפן גרונט פון ים, וועל איך זי אויפברענגען,
און וועל זי שלייפן, און זי איינפאַסן אין קרוין דער שענסטער
וואָס וועט שעמרירן אויפן קאָפּ פון אויסדערוויילטן פון אַ פאָלק;
קען זיין, די קרוין וועט לויכטן אויפן קאָפּ גאָר פון אַ יתום
פאַרלאָזן פון זיין מאַמען, פן די ברידער זיינע אָפּגעריסן,
אַ יתום פונקט ווי איך, אַ שענקער׳ס אינגל פון דער סמאָלע־געסל.
זאָל דיך ניט ערגערן דאָרום וואָס דו האָסט מיך אָוועקגעשיקט —
מאָרגן איז ערב ראש־חודש, אַז דו וועסט קומען אויפן טאַטנס קבר,
זאָלסטו אים אויסדערציילן גאָר דיין פּיין, און דיינע ווייטאָגן —
ער וועט פאַרשטיין און גלויבן, און וועט מוחל זיין.
אַזוי האָב איך געטראַכט,
ווען כ׳האָב פאַמעלעך זיך געשלעפּט דעם וועג צוליב דער מאַמען,
און אויך צוליב די אַלטע שטיוול, צוויי מאָל גרעסער פאַר מיין מאָס,
געשלעפּט זיך טראַכטנדיג, און ס׳פּעקל האָט געקלאַפּט זיך אין די זייטן.
און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט — בין איך פאַרגאַפט געבליבן;
פון אַלע זייטן האָבן מויערן אַרום מיר זיך געקליבן,
און איך שפּאַן אין די גאַסן פון אַ כרך אַ גרויסן, ברייטן.
עס שטייען הייזער ווי פּאַלאַצן, איינס שענער פאַרן צווייטן.
איך האָב מיך איינגעשרומפּן, געוואָרן קליין ביי זיך אין די אויגן, —

נאָר ס׳איז די שטאָט געפעלן מיר, זי האָט מיין האַרץ צוגעצויגן,
ווייל די פרימאָרגן־שענקייט איז נאָך אויף איר געלעגן.
די מאַמע פירט דורך גאַסן און דורך מערק, דורך אָפּגעלייגטע וועגן,
און איך — איך גאַף און שטוין פון אַלץ וואָס קומט מיר אָן אַנטקעגן.
צום סוף, זיינען מיר אַרויס אין גערטנער און אָפענע פלאַכן,
און כ׳האָב זיך אָנגעשעפּט, געוואָרן מיד, פון נייע וואונדערלעכע זאַכן.
ערשט מיטאָג־צייט זיינען מיר צום זיידנס הויז צוגעקומען
וואָס האָט זיך אין צווייטן ברעג שטאָט צווישן געהילץ־לאַגערן געפונען.

איבערזעצונגען פון:

מאַני לייב
א. ליעסין
ש. גינזבורג
אברהם רייזען
ש. הורוויץ
א. ש. שוואַרץ
י. מה־יפות

דאָס ליד פון ישראל

אָ גאָט צו דעם שאָל פון מלחמה
בין איך ניט גערופן געוואָרן.
מיין האָרץ ווערט פאַרציטערט אין פחד
ביים ריח און רויך פון מלחמה.
און ס'חלש'ט מיין בלוט ווען איך הער
אין די רוימען דעם קריגערישן האָרן
וויל צווישן דעם שווערד און דעם פידל —
צום פידל נויג איך מיין נשמה.

נאָר וואויל איז דעם גיבור
וואָס לעבט אויף זיין שווערד און אויף גרויסן נצחון,
וואָס שטרעקט אויס זיין האַנט און זיין גבורה
דעם שפּל'ן שוואַכן באַזיגן;
און ווי איז דעם דיכטער וואָס שוואַך איז זיין מוט,
און זיין האָרץ איז געבראָכן,
וואָס זינגט פון זיין ליבע אויף הערצער
אויף טעמפּע זיין עלנטן ניגון.

ווייל וואָס איז דאָס ליד פון ישראל אין גלות? —
אַ שפּראָץ אין דער גסיסה,
אַן טוי פון אַ שטראַלכל
וואָס זאָל זיינע בלעטלעך אַ זאַפטיקייט געבן;
אַ קנאָספּ וואָס פאַרטריקנט און שיילט זיך
אין פינסטערן קעלער פון תפיסה,
אַ קערנדל וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אין קויט
און עס ווערט דאָרט פאַרטריקנט אָן לעבן.

מאַני לייב

אויף אייער האַרץ, וואָס איז וויסט

די מזוזה איז פסול אין חורבה פון האַרצן,
דאַרום טוט דער שד דאָרט אַ הוליע;
עס ברומען ניט־גוטע אין טאַנץ אין אַ שוואַרצן
און מאַכן דאָרט חוכא און טלולא.

צי זעט איר אים שטיין הינטער טיר דאָרט, דעם יאוש,
דעם שמש פון חרוב'ע טעמפּלען?
אָט קומט ער און וועט אַלע לצים אָן שהיות
ביי אים אונטער בעזים צעטרעמפּלען.

גייט אויס אייער פלאַם אייער לעצטער, פאַרשטומען
וועט דאָן אייער מקדש דער טמא;
די קאַץ פון די פּוסטקעס צעווײנט זיך באַנומען
ביים וויסטן אַלטאַר פון נשמה.

ה. ליעסין

„יונגע"

נייע פויגלען, נייע לידער —
וואָס זשע ליאַרעמט דאָרט סכנות?
איז עס טאַקע די מלחמה,
אָדער מער ניט די הכנות?

אָדער איז עס גאָר דער זיג שוין?
הייסט עס, אונזער וועג איז פריי נאָך!
ניט פאַרשעמט איז אונזער אַלטקייט,
אונזער צייט איז ניט פאַרביי נאָך!

לאָזט זיי שטיפן, ביז זיי פאַלן
מידע אויף די נעזלעך שלאָפן,
קומען דאַן מיר און פאַרוויגן
זיי מיט אונזערע אַלטע סטראָפן.

און ביז וואַנען זיי דערוואַכן,
פול מיט קרעפטן, צו סערווירן
אונז דאָס טעלערל פון הימל —
מוזן מיר זיך איינפאַך פירן.

און געלינגט עס זיי דער וואונדער,
גיבן דאַן מיר אויף דעם יחוס;
בויגן איין זיך, און די קינדער
גיסן שפּאָט אונז אויף די פּליכעס.

ח. ליעסין

וואו ביסטו ? . . .

וואו ביסטו ?

פון דאָרטן, וואו דו ביסט, מיין איינציגע באַשערטע,
און שכינה פון מיין טרוים, געגלוסטע און באַגערטע —
אַנטפּלעק זיך שוין און קום, און קום געשווינד פון דאָרט
אין מיין באַהאַלטן אָרט.
און כל־זמן ס׳איז נאָך צייט — קום מיר אַ תקון געבן
און קיניג אויף מיין לעבן,
און גיב מיר מיין געריבטע יוגנט היינט צוריק —
און ברענג מיך אום צוזאַמען מיט מיין גליק.
און אונטער דיינע ליפּן זאָל מיין פונק דערגליען,
און לאָמיך אויף דיין ברוסט מיין טאָג דערציען,
ווי צוגעטוליעט פעסט צום בלומענשויס
דער שמעטערלינג פאַרנאַכט גייט אויס.

וואו ביסטו ?

אַז דו ביסט נאָך געווען אַ ווייטע, אומבאַקענטע —
גערופן האָבן דיך די ליפּן די צעברענטע ;
און מיין געלעגער האָסטו גאַנצע נעכט געהיט,
און ווי אַ פייערקויל ביי מיר אין האַרץ געגליט.
איך האָב געוויינט דורך נעכט, מיין קישן שטיל געביסן ,
און ס׳האָט מיין לייב געשמאַכט און זיך צו דיר געריסן ;
און אויף דער ברייטער גמרא גאַנצע טעג פאַרטרוימט —
אין וואָלקענדל מיט גאָלד באַזוימט,
אין לויטערסטן געבעט, אין מיינע ריינסטע פריידן
און אין די הייליגסטע פון מיינע ליידן —
האָב איך נאָר איינס געגאַרט, נאָר איינס געזוכט האָב איך :
נאָר דיך, נאָר דיך, נאָר דיך . . .

ש. גינזבורג

ביינאַכט

פול די שטילע נאַכט מיט סודות,
ס'איז די גאַנצע וועלט אַנטשוויגן;
נאָר די וואַסער־מיל — זי וואַרפט זיך,
לאָזט דעם טייך ניט רואיג ליגן.

ס'ווערט די שוואַרצקייט אַלץ געדיכטער,
שאָטנס מערן זיך און מערן;
זאַכט אין ים פון נאַכט און שוואַרצקייט
פאַלט אַ שטערן נאָך אַ שטערן.

שטיל אַרום. מיין האַרץ נאָר, פיל איך,
וויל ניט שווייגן, וויל ניט שטומען —
און איך הער אַ קוואַל אַ ריינעם
אין מיין האַרצן רוישן, ברומען.

און עס רעדט פאַמעלעך: „קינד מיינס,
ס'ווערט מקוים דיין באַגערן.
זעסט אַ שטערן פאַלט פון הימל,
גלויב, מיין קינד, ס'איז ניט דיין שטערן.

דיינער זיצט נאָך פעסט און פינקלט
אין דער שטערן־קייט דאָרט אויבן;
גיב אַ קוק, דו זעסט? — ער ווינקט דיר,
און זיין בליק איז טרייסט און גלויבן."

און איך קוק אַהין צום שטערן,
ווי עס ווערט די וועלט אַנטשוויגן —
מיין וועלט, ווייס איך, איז נאָר איינע,
כ'פיל זי אין מיין האַרצן ליגן.

אברהם רייזען

אויפן בית עולם

שטיל האָבן די בוימער צו מיר זיך געבויגן:
רו אָפּ אינם שאָטן, דו פּרואוו דיך דאָ לייגן.

אַ מצבה אַזאַ, און אַזאַ בערגל ערד —
און יעטווידער צער וואָלט גלייך אויפגעהערט.

וואָס טויגן דיר הונדערטער טויטן אַ טאָג? —
שטאַרב איינמאָל און וועסט מער ניט וויסן קיין קלאָג.

מיר וועלן צעטיילן זיך שטיל מיט דיין קראַפט:
אַ טייל פאַר די ווערים, אַ טייל אונז אויף זאַפט.

דען אומעטום פליסט עס דאָס לעבן מיט שוים —
קענסט בליען אין בלימל, קענסט בילדן אַ בוים.

וועסט אומעטום לעבן — און ס'וועט דיר זיין גוט . . .
דו קום נאָר צו אונז, אַהער, פליישׂ־און־בלוט!

ש. הורוויץ

וואַנדערער פון מדבר . . .

וואַנדערער, ס'איז צייט שוין דעם מדבר צו פאַרלאָזן,
און צום קאַמף דעם גרויסן אין דעם וועג זיך לאָזן.

שוין גענוג געבלאָנדזשעט אין דעם מדבר ברייטן —
און אַ וועג אַ פרייער טוט פאַר אייך זיך שפרייטן.

פערציג יאָר צווישן בערג דאָ אומגעטראָטן,
זעקס מאָל הונדערט טויזנט אין דעם זאַמד פאַרשאָטן.

זאָל אייך נאָר ניט באַנג טאָן, לאָזט די שקלאַפן ליגן,
טרעט פאַרביי זיי מונטער, גייט פאָרויס צו זיגן.

אויף די פעק צעשטרעקטע פוילן זיי אין שמאַך דאָ,
פעק, וואָס פון מצרים האָבן זיי געבראַכט דאָ.

ציבעלעס מיט קנאָבל זאָלן זיי גיין אַנטקעגן,
גרויסע, שווערע פליישטעפּ פולע ביז די ברעגן.

היינט נאָך, אָדער מאָרגן ,וועט דער ווינט דער פרייער
טיילן זייער לעצטן פגר מיטן גייער.

און די זון וועט פריידיג מיט אַ גלאַנץ אַ נייעם
לייכטן אויף אַ דור אַ העלדישן, אַ פרייען.

און דער דור צום ערשטן מאָל זיין קאָפּ וועט הויבן
מיט געזאַנג צום זונליכט, פול מיט פרייד און גלויבן.

שטייט זשע אויף, איר וואָגלער, מוטיגער און גיכער,
מאַכט נאָר נישט קיין טומל, רוהיג שפּאַנט און זיכער.

איר זאָלט ניט דעם מדבר און די טויטע שטערן —
קלאַנג פון טריט אין האַרצן זאָל נאָר יעדער הערן.

יעדער אין זיין האַרצן זאָל גאָטס קול דערשפּירן:
גיי! צום לאַנד צום נייעם טוסטו היינט מאַרשירן!

ניין, ניט מן פון הימל, ברויט פון לופט גענומען —
מיטן שווייס פון פּנים וועט דיין ברויט דיר קומען.

ניט קיין לופט־פּאַלאַצן, ניט קיין שפּינס־געוועבן —
וועסט אַ היים אַ פעסטע בויען זיך אין לעבן.

ס'איז ביי גאָט פאַראַנען נאָך אַ וועלט אַ ברייטע,
חוץ דעם וויסטן מדבר און צעפוילטע טויטע.

ווייט פון מדבר'ס ברומען, ווייט פון מדבר'ס שטומען
ליגט אַ וועלט אַ נייע — לויטער ליכט און בלומען.

ה. ס. שוואַרץ

אָנהויב פרילינג

אַ ניי ווינטל איז דורך . . . הויך — דער הימל געוואָרן,
ס'האָט אַנטפּלעקט זיך די ווייטקייט אין ליכט נייגעבאָרן —
אויפן באַרג האָט דער פרילינג געשטעלט זיך ;
מיטן זונאויפגאַנג וואַרעמע נעבלען זיך שפּרייטן,
אויף די בוימער די פייכטע צעלאָזן זיך קווייטן —
אַ ניי ווינטל צעשפּרייט אויף דער וועלט זיך.

נאָך ניט שאַרף איז דאָס ליכט און עס הילכן ניט קלאַנגען,
ווי פון זיך אַליין זינגען זיך שטילע געזאַנגען —
ס'גייט אַ ליכטיגקייט אויף נאָר אַ צאַרטע ;
נאָך אַ רגע — און מעכטיג ברעכט דורך זיך דאָס לעבן,
עס אַנטפּלעקט זיך די גבורה פון יוגנט אין וועבן,
אַלע פרוכטבאַרע כוחות, געגאַרטע.

און ווי פריש איז דאָס ווינטל, ווי זיס זיינען שטראַלן !
אַלצדינג פריידט זיך און קוועלט, וואו דיין אויג טוט נאָר פאַלן
שטראַלט אַ צווייטע אויג פריידיג אַנטקעגן.
און פון אַלץ און צו אַלץ פעדים גאָלדענע ציען —
נאָך אַ וויילע — און אין ווייסקייט פון בלומען וואָס בליען
פלייצט דער יוגנטשטראָם איבער די ברעגן.

ס'וועלן באַלד זיך צעגיסן אין בלומען צעשטראַלטע
אויך מיין יוגנט די נייע און חלומות די אַלטע —
אויך אין זיי האָט דאָס ווינטל געבלאָזן ;
כ'וועל אַראָפּריידן אַלץ פון מיין האַרצן דעם שווערן,
מיין שוואַרץ־יאוש פאַרשווינקען מיט ליכטיגע טרערן —
אַ ניי ווינטל איז דורך אין די גראָזן ! . . .

ל. ש. שוואַרץ

אַ תפלה

נעם מיך אונטער דיינע פליגל —
מאַמע, שוועסטער זאָלסט מיר ווערן;
אין דיין שויס מיין קאָפּ זאָל רוען,
מיינע תפלות זאָלסטו הערן.

און פאַרנאַכט, ווען ס׳גלוסט זיך וויינען,
הער דעם סוד פון מיינע ליידן;
עפּעס רעדט א וועלט פון יוגנט —
וואו איז מיינע? וואו די פריידן?

נאָך אַ סוד האָב איך: אַ פייער
האַלט מיין האַרצן אין פאַרצערן;
עפּעס רעדט אַ וועלט פון ליבע —
וואָס איז ליבע? לאָז מיך הערן.

ס׳האָבן מיך פאַרנאַרט די שטערן,
גאָרנישט איז פון טרוים געוואָרן;
כ׳האָב קיין זאַך נישט מער אין לעבן,
אַלץ פאַרלאָרן, אַלץ פאַרלאָרן.

נעם מיך אונטער דיינע פליגל —
מאַמע, שוועסטער זאָלסט מיר ווערן;
אין דיין שויס מיין קאָפּ זאָל רוען,
מיינע תפלות זאָלסטו הערן.

ח. נ. ביאַליק

מיטן זונאונטערגאַנג . . .

מיטן זונאונטערגאַנג קום צו נענטער, מיין שוועסטער,
צו דעם פענסטער וואו ס'שפּיגלען זיך פלאַמען;
נעם מיין האַלז מיר אַרום, טוליע צו זיך וואָס פעסטער,
קאָפּ־צו־קאָפּ לאָמיר שטיין דאָ צוזאַמען.

און פאַראייניגט, געקייטלט — צום ליכט צום פאַרנאַכטיגן
וועלן שטילע די אויגן מיר הויבן;
און אַרויסשיקן פריי אין דעם ליכט־ים דעם פראַכטיגן
די געפילן פון ליכט און פון גלויבן.

און זיי וועלן ווי טויבן גערוישיג צעפליען
און ווערן צום הימל פאַרפלויגן;
און פאַרשטילטע אַרונטער אויף אינזלען וואָס גליען,
אויף די בערגער מיט פורפור פאַרצויגן.

יענע וועלטן די הויכע, די אינזלען די ווייטע,
יענע טרוימען וואָס האָבן אין לעבן
אונז פאַר פרעמדע געמאַכט און פאַר קנעכט ניט־באַפרייטע,
און דעם גיהנום אויף דר'ערד אונז געגעבן.

יענע גאָלדענע אינזלען וואָס האָבן געצויגן
אונז צו זיך ווי אַ היימלאַנד אַ טרייע;
און פון וועלכער מיט ציטער פון ליכט אין די אויגן
אַלץ דערציילט האָבן שטערנדלעך פרייע.

איבער זיי זיינען עלנט פאַרבליבן מיר ביידע
ווי צוויי בלומען אין מדבר, אָן רעגן;
ווי צוויי וואָגלער וואָס זוכן אומזיסט אָן אבדה
אויף די פרעמדע פאַרלאָרענע וועגן.

ל. ב. שוואַרץ

תקון־חצות

אַ שוואַרצע נאַכט. אַ ווינט אַ מאַכטיגער
האָט וואָלקנס אָנגעיאָגט אָן סוף;
און ס׳זינקט — אין טויטקייט אין דער נאַכטיגער —
די שטאָט אין בלאָטע און אין שלאָף.

די געסלעך שוויגן נישט־באַטראָטענע,
נאָר רעגן רוישט און ברויזט און שלאָגט;
און שטיבלעך קרומע האַלב־צעשאָטענע
זיי שטייען טרויערדיג פאַרצאָגט.

און ווי יתומים לאַנג־פאַרגעסענע,
וואָס גייען אָן אַ בגד אום;
דאָ אונטער דעכער דורכגעפּרעסענע —
זיי שטייען איינגעהויקערט שטום.

און ווי אין שווייגן אין געדולדיגן
מחשבות בייזע קלערן זיי —
צי קלאָגן אָן זיי און באַשולדיגן
אי מענטש, אי וועלט אין זייער ווײ.

ווי שטראָמען טרערן ווילד געטריבענע,
דער רעגן זעצט אין ווענט און פליסט;
עס זינקען דעכער אויסגעריבענע —
מיט טרערן ס׳גאַנצע שטעטל גיסט.

דעם מאָרגן און די טעג די נעכטיגע
די מענטשן פלוכן איצט אין שלאָף;

שלאָפט רואיג, בעטלער, קנעכט אָנמעכטיגע,
און חלומ׳ט אויס אַ גוטן סוף.

פון שפּאַלטן רייסט דער ווינט זיך, קלאָגנדיג,
און פרירט אין בלוט און אין געביין —
קען זיין, דיין ברודער׳ס קללה, נאָגנדיג,
באַהאַלט זיך דאָס אין דעם געוויין?

קיין מינדסטער שטערן ווייזט ניט אויבן זיך,
קיין פיצל פונק לייכט ניט אַרויס;
נאָר פון איין פענסטער ליכט נעמט הויבן זיך —
אַ איד שטייט־אויף צו תקון־חצות.

ל. ש. שוואַרץ

אונטער דער משא . . .

(געשריבן צו דער פייערונג פון זיין פופציג־יעריגן יובילייִ)

פון משא פון אייער גרויס ליבשאַפט
שטיי איך געבויגן־פאַרלאָרן;
ווי מיר, וואָס איך בין אַ גראָשן
ביי אייך אין דער פושקע געוואָרן.

וואָס זייט איר מיין הויז מיר באַפאַלן?
קיין טאַדל, קיין כבוד פאַרדין איך —
נישט דיכטער בין איך און נישט נביא —
אַ פשוטער האָלצהעקער בין איך.

די האַק איז מיין חבר מיין טרייער,
אין אַרבעט אַ טאָג אָפּגעפּטר׳ט;
ס׳ווערט אָוונט, די האַנט איז פאַר׳חלש׳ט,
און טעמפּ רוט מיין האַק, ווי פאַרמאַטערט.

פאַרדונגען מיין טאָג איז דער קורצער,
אַ פועל אין אייערע ערטער;
איר האָט נישט פאַרוואָס היינט צו יובלען,
און איך האָב קיין צייט נישט פאַר ווערטער.

ווי קענען מיר ווייזען דעם פּנים,
וואָס קענען דעם מאָרגן מיר געבן?
זאָל יעדערער גיין צו זיין משא,
צום חשבון פון אייגענעם לעבן!

ל. ש. שוואַרץ

פ אָ ל ק ס - ל י ד ע ר

א

צווישן פרת, חדקל — דאָרטן . . .

צווישן פרת, חדקל, — דאָרטן
בליט אַ פייגנבוים אין גאָרטן,
און אַ פּאַווע אין די צווייגן
זיצט אַ גאָלד׳נע, פּיקט די פייגן.

פּאַווע, פלי אין ווייטע ערטער:
דאָרט איז ערגעץ מיין באַשערטער;
טרעפסט אים — זאָלסט אים גאָרניט זאָגן,
בינד און ברענג מיר אים צוטראָגן!

— האָסט קיין פאָדעם ניט פון ליינען?
פּרואוו מיט גוטן מיט אים טענה׳ן:
זאָג אים, פּאַווע, זאָלסט געדענקען,
אַז מיין האַרץ גייט אויס פון בענקען.

זאָג, אַ גאָרטן בליט אַ שיינער,
נאָר עס ווייס דעם וועג ניט קיינער,
און אַן עפּל זאַפטיג־זיסן
איז ניטאָ, ווער ס׳זאָל געניסן.

ווידער זאָג אים דאָרט מיין חתן:
ס׳ווערט ביינאַכט מיין בעט באַגאָסן

פון די טרערן, — און מיין קישן
ברענט אונטער מיין לייב דעם פרישן.

וויל ער אַלץ ניט — זאָג מיין סוד אים:
אויסגעניייט מיט זיידן־פאָדעם
ליגן צוויי טוץ העמדער גרייטע,
חופה־קליידער — שוין געניייטע;

פוך און פעדערן געפליקטע,
ציכלעך זיידענע געשטריקטע: —
ס'האָט מיין מאַמע און מיין באָבע
אָנגעגרייט מיין גאַרדעראָבע.

גאָלד־געוועבט און פרעכטיג זייער
ליגט און וואַרט מיין חופה־שלייער;
גרייט נדן, איך בין אַ גרייטע, —
וואָס־זשע זאַמט ער זיך דער שוטה? . . .

*

— ווייער, שלייער, חופה־שטאַנגען —
האָט די פּאַווע אָנגעפאַנגען, —
היינט ביינאַכט וועט דיין באַשערטער
וויסן דיינע הייסע ווערטער.

כ'וועל פון דיינטוועגן אים גריסן,
ווייזן אים דיין בילד דעם זיסן, —
וועט ער קומען פון דערווייטן
אויף אַ קאָטשערע צורייטן.

ער וועט קומען שנעל צושוועבן
און וועט זאָגן: — אַך מיין לעבן!
וואָס מיר קליידער, ווער מיר געלטער! —
איך האָב דיך פון אַלע העלטער.

כ'וויל פון פוך און זייד ניט וויסן,
ס'איז פאַר מיר דיין שויס אַ קישן,
און דיין האָר איז זיידנס ריינער, —
ביסט מיין אוצר דו אַליין נאָר.

רייך געניג איז דיין געטרייער:
שוואַרצע האָר, אַ האַרץ מיט פייער,
ביידע וועל איך דיר איצט געבן —
קום זשע, קום צו מיר, מיין לעבן!

*

ס'איז אַ צויבערנאַכט געקומען
און די פּאַווע איז פאַרשוואומען,
צו די הימלען אויפגעשטיגן
און געזאָגט, ווייזט אויס, אַ ליגן.

טעג נאָך טעג זיינען פאַרלאָפן
און איך האַלט נאָך אַלץ אין האָפן;
קלאָרע הימלען, הימלען זיבן!
ווייסט איר אפשר פון מיין ליבן? . . .

ב.

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם
מיט אַן עמער זיך געפונען;
אַלע שבת קומט דעריבער
טרינקען וואַסער דאָ מיין ליבער.

אַלע בוימער שטייען שטילע,
ס'שלאָפט דאָס ווינטעלע אפילו;
נאָכן טשאָלנט, אַלע שלאָפן,
נאָר מיין האַרץ איז וואַך און אָפן.

ווי מיין האַרץ, דער עמער וואַכט,
טריפט זיין גאָלד אין ברונעץ זאַכט,
טריף אַ פערל, טריף אַ צווייטער:
אַט־אַ גייט ער, אַט־אַ גייט ער . . .

שאַ, מיר דוכט, עס קלינגען טריט!
איז דאָס ער? און אפשר ניט? . . .
גיכער, גיכער קום מיין שיינער!
כ'בין אַליין און ווייטער קיינער . . .

זעצן מיר זיך דאָ ביים וואַנט,
קאָפּ צו אַקסל, האַנט אין האַנט;
כ'וועל דיר פרעגן אַ פּאָר זאַכן,
זאָלסט, איך בעט דיך, נאָר ניט לאַכן:

זאָג, פאַרוואָס דער עמער, זאָג,
וויינט און וויינט אַ גאַנצן טאָג?
טריף, טריף, טריף — און מאָדנע רייד
רעדט ער עפּעס שטילערהייט . . .

און פון וואַנען קומט דער שמאַרץ,
ווי אַ וואָרעם נאָגט דאָס האַרץ? —
ס'האָט געהערט מיין מאַמע ריידן,
אַז דו ווילסט זיך מיט מיר שיידן? . . .

זאָגט מיין ליבער: — „גיי שוין, גיי!
שונאים זאָגן דאָס אַזוי, —
נאָך אַ יאָר, אַז גאָט וועט וועלן,
וועלן מיר אַ חופּה שטעלן.

אַ גאָלדנער זומער־טאָג וועט זיין,
וועט אונז אָפּגיסן מיט שיין,

און באַגריסן וועט אונז יעדער
צווייג מיט פּירות פון די סעדער.

פּעטערס, מומעס, פריינט געדיכט,
אַ עולם מענטשן, הענט מיט ליכט,
און סע וועלן אונז באַגלייטן
פידלען, פּויקן און טרומייטן.

נעבן פּלייט, צו נעבן שטיין,
— קלייב אויס, וואו דו ווילסט אַליין, —
וועלן שטיין די חופּה־שטאַנגען,
וועסט אַ פינגערל דערלאַנגען;

און איך וועל דיר פיין און גלאַט
אָפּזאָגן דעם „הרי־אַת”, —
שונאים וועלן שטיין און קוקן
און פון קנאה זיך צעפּוקן...

ג

נעבן טייכל שטייט אַ פיכטע...

נעבן טייכל שטייט אַ פיכטע
אַ פאַרצווייגטע, אַ געדיכטע,
קוקט אין וואַסער, האַלט אין קלערן, —
וואָס דער סוף פון איר וועט ווערן?...

אויסגעוואַקסן, רייף געוואָרן;
ס'לויפן ביסלעכווייז די יאָרן;
האַרבסט... די זון הערט אויף צו שיינען, —
און די פויגעלעך וואו זיינען?...

און ביי זיך אין צימער שטייט
ס'מיידל לאַנג פאַרטראַכטערהייט,
קוקט אין שפּיגל האַלט אין קלערן,
וואָס דער סוף פון איר וועט ווערן?...

אויסגעוואָקסן, רייף געוואָרן;
ס'לויפן ביסלעכווייז די יאָרן;
נעכט פון טרערן, טעג פון קלערן, —
וואו זיינען די קאַוואַלערן?...

ד

ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע

ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע:
רויטע סטייגעס, ווייסע קליידער;
און אין סעדל נאָכן טשאָלנט
לאַכט מען, קושט מען זיך כסדר...

ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע:
שיכלעך, טיכלעך און פאַרפומען; —
און אַרום איין מיידל טאַנצן
בחורים אַ גאַנץ מזומן.

נייע מאָדעס אויפגעקומען,
נעכטן רייזלען, מאָרגן בלומען;
אָבער חאַצקעלע מיין שיינער
איז פאַר מיר, פאַר מיר אַליין נאָר!

ה

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט —
גיי איך מיר אַרויס באַזאַכט ;

ניט אויף באַרג און ניט אין טאָל —
שטייט אַ ווערבע פון אַמאָל.

און אַ נביא'טע אַ גרויסע
איז די ווערבע, אַלצדינג וויים זי.

ביי דער ווערבע וועל איך וועגן
מיין באַשערטן טאַקע פרעגן.

און זי וועט מיר אַלץ דערציילן :
צי מיין חתן קומט פון פוילן,

צי פון ליטע, צי פון זשאַמעט ?
אַ באַנקיר, צי אַ מלמד ?

קומען איז באַשערט צופוס אים,
צי מיט ברענענדיגע סוסים ?

און וואָס ברענגט ער מיר ? — כ'וואָלט וועלן
פּערל מיט אַ שנור קאַרעלן . . .

איז ער בלאָנד, צי אַ ברונעטער ?
נאָך אַ בחור ? אַ גע'גט'ער ?

אפשר גאָר אַן אַלטן אידן ?
בין איך, ווערבע, ניט צופרידן !

איך וועל זאָגן: טאַטע, טויט מיך,
נאָר ניט צו דעם שידוך נויט מיך!

אוי, איך וועל דאָס ניט דערהאַלטן:
כ'וויל ניט, טאַטינקע, קיין אַלטן!

ו

מע ווייס ניט ...

מע ווייס ניט, ווער איז זי, פון וואַנען געקומען —
און באַלד האָט זי אַלעמענס אויגן פאַרנומען.

געקומען פון ערגעץ אַ ווייטער מדינה
מיט האַרציגע אויגן און ליכטיגער מינע;

און לופטיג און דופטיג און לוסטיג צום טאַנצן, —
דאָס שטעטעלע האָט זי פאַרלויכטן אין גאַנצן.

אין וועלדל אין גרינעם געוואָרן איז היימלעך,
עס לאַכן די קוסטן, עס טאַנצן די בוימלעך.

און ס'איז נאָך אַ טאָג אָדער צוויי ניט פאַרלאָפן,
און בחורים קאָנען שוין נעבעך ניט שלאָפן;

און ס'איז נאָך אַ טאָג אָדער צוויי ניט אַריבער, —
און ס'ריידן שוין מאַנען מיט ווייבלעך זיך איבער.

און ס'שושקען זיך ווייבער ביים שטריקן די זאָקן,
און אַלטע לייט „אייקען" אַביסל צעשראָקן.

און עלטערן האָבן קיין נעכט ניט געשלאָפן:
ווער ווייס, וואָס עס האָט מיט די אייִדעמס געטראָפן? ...

אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן — ניטאָ איר! —
אויף אַלץ איז געפאַלן אַ שאָטן פון טרויער.

געפלאָטערט אַ שמעטערלינג צווישן די בלומען, —
און פלוצים פאַרשוואונדן, ווי פלוצים געקומען.

געוואָרן אַן אומעט אין וועלדל אין טיפן,
מע הערט שוין דאָרט קיינעם ניט לאַכן און שטיפן.

אַ פּאָר טעג גערעגנט, אַ בלאָטע געוואָרן;
די אויגן — דעם גלאַנץ און דעם פייער פאַרלאָרן.

אַ בחור זיצט אַרטיג און לייענט גאַזעטן . . .
חתנים און כלות — זיך איבערגעבעטן.

עס זיצן פּאָר־פּאָלקן ווי שטילינקע טייבלעך
און איידעמלעך גענעצן נעבן די ווייבלעך.

און שטיל זיינען איצט יענע פינסטערע געסלעך,
וואו ס'פלעגן אַרומדרייען זיך באַלעבעסלעך.

און טאַטעס און מאַמעס — זיי שלאָפן די נעכט שוין;
און אַלטע — מע הערט זיי ניט אייקן און קרעכצן.

הכלל: אַ מחיה און שטיל אַ פּאַרג'ניגן,
עס קרייען די הענער, עס מעקען די ציגן.

ז

גלין־גלינג — שוין ניטאָ איר . . .

„. . . גלין־גלינג — שוין ניטאָ איר, גליך־גלינג — אָט מיר פאָרן;
גלין־גלינג — און פאַר דיר איז שוין אַלצדינג פאַרלאָרן . . . ״

דער מזל האָט, ליבסטע, געוואָלט אונז צעטיילן,
און כ׳האָב נאָך אַזויפיל געוואָלט דיר דערציילן;

נאָר אומגעריכט, פּלוצלינג — מיר האָבן צעשיידט זיך
און כ׳האָב נאָך אַ וואָרט דיר צו זאָגן געגרייט זיך;

חדשים האָב איך אים אין האַרצן געטראָגן
און אַלץ זיך געקליבן: אָט, אָט איך וועל זאָגן.

מיט איינמאָל איך הער: — „נו, אַ גוטן, מיין ליבער!" —
אַ קנאַק מיט דער בייטש — און אַליין בלייב איך איבער.

דו פליסט מיט אַ שטויביגן וואָלקן אינאיינעם,
אָט ביסט שוין ביים וועלדל דעם גרינעם, דעם שיינעם;

איך זע נאָך עס פלאַטערט דיין שאַלכל דער ווייסער,
איך הער נאָך דעם וויטיגן „היי!"... פון דעם שמייסער.

און קוים עס דערטראָגט זיך צו מיר פון דערווייטן
דאָס שפּאַטישע קלינגען פון גלאָק דעם פאַרשייטן:

„גלין־גלינג — שוין ניטאָ איר, גלין־גלינג — אָט מיר פאָרן,
גלין־גלינג — און פאַר דיר איז שוין אַלצדינג פאַרלאָרן..."

ח

יענער האָט אַ הויכן מויער

יענער האָט אַ הויכן מויער,
דער — אַ שטיבעלע אָן שויבן; —
חיה די אלמנה האָט
אַ נעסטעלע, געבענטשט פון גאָט,
אַ נעסט מיט זיבן טויבן.

איינע שוואַרץ און איינע קלאָר,
איינע האָט געקרויזטע האָר,
איינס אין איינס אַלץ מיידלעך ברען! —
ניט ליבן אַלע זיבן קען
אַ פּרא־אָדם נאָר . . .

איינער האָט געפּילטע שלייען,
איינער האָט אַ טאָרבע קלייען,
ווילסטו אָבער שנאַפּס מיט טאָרט,
דאַרפסטו ניט קיין אַנדער אָרט,
ווי ביי אונזער חיה׳ן.

ס׳איז אַן אוצר מיט אַנטיקן:
לעקעכלעך מיט הייסע בליקן,
און עס שפּילט אין גלאָז די טיי,
ס׳שטיבל ריין, דער טישטוך — שניי,
פּשוט צו דערקוויקן!

שלמה האָט זיך טויזנט ווייבער,
איך האָב איינע, קאָן זי שרייען;
זאָל מיר צו קיין גנאַי ניט זיין,
אין אָוונט כאַפּ איך מיר אַריין
אַ וויילינקע צו חיה׳ן.

קום איך נאָר, באַפאַלן מיך
טייבעלעך פון אַלע זייטן:
ס׳ווערט אַ פּלאָנטער — הענט און פיס.
אַזוי מחיה׳דיק און זיס! —
די מאַמע קוועלט פון וויטן.

ט

ווער ס׳האָט פּערל

דער פאַרמאָגט פּערל און זיידענע בגדים,
און יענער—קדחת מיט כשר׳ע פּאָדים.

און איך האָב דריי טעכטער, דערוואַקסענע מיידן,—
זיי דאַרפן שוין מאַנען, ניטאָ וואָס צו ריידן!

זיי דאַרפן שוין מאַנען, וואו זאָל איך זיי זוכן? —
איך האָב ניט צו קליידן, איך האָב ניט צו שוכן.

היינט וויל יעדער חתן, (נו, וואָס קאָן איך טאָן אים!):
צייל אָפּ און דערלאַנג די נדן מזומנים.

נו, גייען אַוועק די חתנים מיט גאָרניט;
אַ שאַנד און אַ ווייטאָג, עס מאַכט זיך קיין פּאָר ניט.

דער „כיבוד" שפּאַצירט, — און דער זעלביגער דוקא, —
פון שאַפקע צום טיש און פון טיש צו דער שאַפקע.

דער „כיבוד" — דאָס זיינען די דריי אַפּעלסינען,
וואָס העלפן מיר זוכן, חתנים געפינען;

און ניסלעך אַ טעשל, וואָס יעדערן ווייז איך . . .
און יוגנט פאַרגייט און כאַטש נעם און צרייס זיך!

און יוגנט פאַרגייט . . . און פון טעג ווערן יאָרן, —
די עלטערע, נעבעך, שוין גרוילעך געוואָרן.

די דריי אַפּעלסינען—זיי פוילן צוביסלעך,
דער טישטוך פאַרשעמט און פאַרשימלט די ניסלעך . . .

יאָ, ס'וועגדט זיך אָן מזל: דעם—זיידענע בגדים
און יענעם—קדחת מיט כשר'ע פּאָדים;

און האָב איך דריי טעכטער — — — — —

איינס, צוויי, דריי, פיר...

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן —
קריגסט אַ כלה—ניט געקליבן!

קלער קיין סך ניט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אויס, איז מיאוס!

איך האָב אויך אַמאָל געפונען
האָניג, נאָר עס איז צערונען.

איינע עטקע — אַ ברונעטקע,
איינע מינקע — אַ בלאָנדינקע,

שוועסטער — ליאַלקעס צוויי געטאָקטע,
אויגן קאַרשן, קעפּ געלאָקטע,

ניט קיין מיידלעך, פּשוט בילדער,
איינע פון דער צווייטער מילדער;

זייער לאַכן! זייער ריידן! —
און איך האָב געליבט זייביידן;

און כ'האָב ניט געוואוסט דעריבער,
וועמען פון זיי האָב איך ליבער.

איז אַוועק אַפּאָר מאָנאַטן,
און איך האָב מיך אַלץ באַראַטן, —

פּלוצלינג האָבן אַ פּאָר שדים
אויסגעכאַפּט, אוי וויי, זיי ביידן!

איצטער שטיי איך אויף דער עלטער,
ווי אַ נאַר אַן אויסגעשטעלטער.

ווי אַן אַלטער, אַלטער למך,
און איך דאגה און איך קלעם מיך . . .

על כן זאָג איך, קאַוואַלערן, —
אויב איר ווילט מיין עצה הערן:

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן —
קריגסט אַ כלה — ניט געקליבן!

קלער קיין סך ניט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אויס, איז מיאוס!

יא

גלויב ניט . . .

גלויב ניט, וואָס עס ווינקען דיר
און ס׳זאָגן צו די שטערן:
גנבים, ליגנער זיינען זיי,
ניטאָ זיי וואָס צו הערן.

אַמאָל נאָך האָט אַ שטערן מיר
אַנטקעגן שטוב געפינקלט,

גענגריסט, געטרייסט און האָט מיט גאָלד
מיין האָפענונג באַשפּרינקלט.

און וועלטן האָט ער צוגעזאָגט מיר
אויף זיין צויבער־לשון,
און ביז היינט בין איך אויף צרות,
חלש פאַר אַ גראָשן.

איז שיין אַזוי צו זאָגן ליגן,
שטערנדל פון אויבן!
פיין! . . . אַזוי באַצאָלט מען דאָס
פאַר האָפן און פאַר גלויבן? . . .

גלויב ניט, וואָס עס ווינקען דיר
און ס'זאָגן צו די שטערן,
גנבים, ליגנער זיינען זיי,
ניטאָ זיי וואָס צו הערן.

יב

פליט אַוועק די גאָלדענע פּאַווע

פליט אַוועק די גאָלדענע פּאַווע,
— וואו זשע פליסטו, וויל איך וויסן?
— כּפלי איבערן גרויסן ים . . .
— ווערסטו דאָרט מיין חתן גריסן?
— גוט, איך ברענג אַ בריוול דיר,
וואָס ער שרייבט דיר דאָרטן, ווייס איך:
„טויזנט קושן, און די חופּה
גלייך, אם ירצה־השם, נאָך פּסח".

יג

עס טרעפט, דו מיינסט . . .

עס טרעפט, דו מיינסט, דו כאַפּסט אַ רויז
און לאָזט זיך אויס — אַ דאָרן:
האָסטו, ברודער, ניט קיין מזל —
ווער גאָר ניט געבאָרן!

ווער וואָלט דאָס גערעכנט גאָר
און ווער וואָלט דאָס גאָר קלערן,
אַז אַזאַ מין בייזן סוף
וועט מיר גאָט באַשערן . . .

קיין טאַטע־מאַמע ניט געהאַט
און ניט געהאַט אַ פּרוטה,
האָב איך געלערנט שוסטעריי
ביי שואל דעם לאַטוטע.

האָט אים גאָט געשענקט צוויי טעכטער:
פּערעלע און מייטע, —
די ערשטע שיין, ווי גאָר די וועלט,
אַ מיאוסקייט די צווייטע.

כ'האָב פּערעלען דערזען, בין איך
געוואָרן אַ צעקאָכטער!
און טאָג און נאַכט האָב איך געקלערט
נאָר וועגן שואלס טאָכטער.

ויהי היום, רופט ער זיך אָן:
איך מיין . . . היות . . . אַזוי ווי . . .
דו ביסט אַן עלנטער . . . און איך,
איך מיין דאָך נאָר דיין טובה...

און איך, נו, האָב אַ כשר'ע,
אַן אָרנטלעכע בתולה, —
בכן, פאַרשטייסט . . . מען דאַרף מיט דיר
ניט ריידן דאָך קיין פולע ! . . .

און שואל האָט ניט לאַנג געוואַרט,
געמאַכט דעם עסק שנעלער :
בראָנפן, קיכלעך . . . און אַ תנאים
און געבראָכן טעלער.

נאָר אַ קליינער בייזער טעות,
הערט איר, איז געשען דאָ :
איך מיין פּערעלען, זיי — מייטן,
און אַ סוף, אַן ענדע !

אַזוי האָט דאָס מיך אָפּגענאַרט
רב שואל אויף אַ שטייגער,
און האַלט זיך, ברודער, מיטן פּעקל,
האַלט זיך מיט דיין פּגר !

האָסטו, ברודער, ניט קיין מזל, —
ווער גאָר ניט געבאָרן !
אָדער נעם אַ שטריק און הענג זיך
אין די יונגע יאָרן . . .

י. מה-יפות

אויטאָביאָגראַפּישע נאָטיצן

ביז אויף מיין זעקסטן יאָר האָב איך זיך געהאָדעוועט אין דאָרף ראָדי (וואָלינער גובערניע) צווישן וואַלד און פעלד, אין אַ שטילער היים פול מיט צניעות'דיגער שענקייט פון אַ פּשוטער געזונטער נאַטור, וואָס איז צופרידן מיט איר חלק און באַגנוגנט זיך מיט ווינציג. שיין פון הימל, ברייטקייט פון פעלד און שטילקייט פון וואַלד וואָס טענה'ט: לערן מיך! אין יענעם פלאַץ האָב איך איינגעזאַפּט די ערשטע איינדרוקן פון וועלט און נאַטור. אין דער דאָזיגער תקופה פון מיין קינדהייט, פלעג איך צייטנווייז האָבן וויזיעס אויף דער וואַך. מיין ליד „נאַכט־קאַרליקלעך" און דאָס ערשטע ליד פון מיין לידער־זאַמלונג „אין אַ האַרבסט־טאָג" זיינען געבויט אויף אַזעלכע וויזיעס. דאָס ערשטע—פון מיין גליקלעכער צייט אין דאָרף, און דאָס צווייטע—פון דער צייט וואָס איך בין פאַר'יתומ'ט געוואָרן. פון מיין פריסטער יוגנט ביז היינט ליגן די אַלע איינדרוקן אויף מיינע שאָפּונגען ווי דער פרימאָרגנטוי אויף די גראָזן פון פעלד און ווי אַ לייכט שטויבעלע אויף אַ פרישער אָנגעגאָסענער פּרי. אויף מיין זעקסטן יאָר האָבן מיר אריבערגעצויגן קיין זשיטאָמיר און זיך באַזעצט אין אַ נייער דירה, ערגעץ אין אַ פאָרשטאָט, אויך אַ מין דאָרף, אין שכנות מיט דער נאַטור. דאָרט בין איך אָנגעקומען אין חדר און געלערנט חומש מיט רש"י און תהלים. דעם רבי'נס שטיבל איז געשטאַנען צווישן זאַמדיגע בערג, אין דערהויך אויף אַ באַרג, און געהאַלטן יעדע רגע ביים אַריינפאַלן אין אַ טיפן תהום צופוסנס. און דאָרטן, אויפן גרונט פון תהום, האָבן קוואַלן געשטראָמט פון די בערג אַרויס, און געברומט, געבלעזלט און געטענצלט; מיר געהאָלפן איינ'חזר'ן בנעימות די קאַפּיטלעך תהלים, וואָס מיר האָבן זומערצייט געלערנט אונטערן פרייען הימל, צי אונטער דער סכך פון סוכה. אַנטקעגנאיבער האָט זיך געבויגן דער טייך און דער וואַלד האָט אויף אונז אַראָפּגעקוקט.

דער טאַטע האָט געצויגן זיין קאַרגע חיונה פון אַ שענק, וואָס ער האָט געעפנט אין הויז פאַר די דורכפאָרער־פויערים, אָבער די דאָזיגע מיאוסע פּרנסה האָט פון אים אַ תל געמאַכט. (בשעת ער פלעגט אָנגיסן אַ גלעזל בראָנפן פאַר אַ פּויער, פלעגט ער מיט די אויגן אריינקוקן אין אַ אָפּענעם

משניות) די פרנסה האָט אים קראַנק געמאַכט. (פריהער פלעגט ער ציען זיין חיונה פון וואַלד און וואַסערמיל.) ווען איך בין אַלט געוואָרן זיבן יאָר איז דער טאַטע געשטאָרבן. האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפירט צום זיידן. ער האָט געוואוינט אין אַ צווייטן ברעג שטאָדט, אויך אַ פאַרשטאָדט, שיטער פאַר־בויט, מיט אַ סך גערטנער. דער זיידע האָט זיך נישט דערפרייט מיט דער מתנה מיט וועלכער מען האָט אים אויף דער עלטער מזכה געווען, נאָר אַזוי ווי ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט, האָט ער אויף זיך „מקבל־דין" געווען און מיך געהאַדעוועט ביי זיך, זיך אָפּגעגעבן מיט מיר אויף זיין עלטערלעכן שטייגער, און אויפגעפּאַסט אויף מיר אין פרומקייט, ביז צום האָר.

ער — אַ טיפער זקן, אַ קפדן, וואָס האַלט אַ גאַנצן טאָג אין איין לערנען, און איך — אַ אינגל אַ שטיפער, אַ צעלאָזענער יתום, אַ צאַם־ברעכער בטבע. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען גאָר זעלטן געווען צופרידן איינער מיטן אַנדערן. די רביים, צו וועלכע ער האָט מיך אַוועקגעגעבן לערנען, האָבן זיך צו מיר גענומען מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיך פאַרביטערט דאָס לעבן. בין איך אַרויפגעקראָכן אויף אַ טעלעגראַף־סלופּ — שמיץ! האָט מען מיך געכאַפּט ווינטער זיך גליטשנדיג — שמיץ! האָב איך אַרונטערגעקרייט, ווי אַ האָן, פון ערגעץ אַ דאַך — חיות ניט זיכער! פונדעסטוועגן, האָבן זיך אַלע מלמדים געיאָגט נאָך „ר' יעקב משה'ס איניקל", וואָס ווי גרויס דער שייגעץ איז געווען, אַזוי גרויס איז אויך געווען זיין קענען — אַ פלינק, שאַרף קעפּל גע־האַט, פלאַמפייער.

אין צייט פון אַ „גרויסער מלחמה", ווען דער זיידע, דער חלוש, האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן פון מיינע שלעכטע מעשים — פלעגן זיך צענויפלויפן די מאַנספאַרשוינען פון דער גאַנצער משפחה, פעטערס און שוועסטערקינדער, זיך האַלטן אַן עצה און מיר מקיים־פסק זיין, ווי ס'געהער צו זיין. אַביסל, האָט עס געהייסן, צוליב רחמנות אויפן זיידן, און אַביסל לשם־שמים, לערנען דעם יתום דרך־ארץ. געלערנט מיך דרך־ארץ האָט מען אַזוי: איינער האָט געהאַלטן פאַר די פיס, דער צווייטער פאַר די הענט; איינער שפּיליעט־אָפּ די הייזלעך, דער צווייטער ציט מיך אויס איבער זיינע קני; איינער שמייסט און דער צווייטער ציילט: אָט אַזוי, שייגעץ איינער! וועסט שוין וויסן נאָכאַמאָל ניט צו זיין קיין שייגעץ!

און איינעם אַ שוועסטערקינד האָב איך געהאַט, אַ בחור אַ טיפּש, וואָס אַז איך פלעג זיך מיט עפּעס פאַרזינדיגן, פלעגט ער מיך אַוועקשלעפּן אין בית־הכסא און מיך שמייסן מיט ריטער. געשלאָגן און געלאַכט, געשלאָגן און

געלאַכט... און איך האָב פאַר בושה איינגעהאַלטן מיין כעס, און פאַר קיינעם זיך נישט באַקלאָגט.

שנאה און נקמה האָבן געפלאַמט אין מיין נשמה און געברענט אין קליינעם הערצל. אַז איך וועל אויסוואַקסן וועל איך אַן זיי זיך נוקם זיין — אַזוי פלעג איך זיך תמיד טרייסטן, און פלעג זיך צושטיפן נאָך ווילדער און שטאַרקער, אויף דער צופוקעניש פון מיינע באַרימהערציגע „בעלי־טובות".

אין האַרצן האָב איך געוואוסט, אַז די משפחה מיינע איז זיך נוקם אַן מיר פאַר קנאה. זיי האָבן נישט פאַרגונען, וואָס איך שטיי העכער פאַר זייערע בנים אין פעהיגקייטן און לערנען. די קינדער זייערע זיינען געוועזן אַלע ווי איינער גראָבע יונגען און פאַרשטאַפּטע קעפּ, און בלויז דערפאַר האָבן זיי געזוכט מיך צו פאַר'מיאוס'ן ביים זיידן אין די אויגן, און מיך פאַר'מסר'ן ביי יעדער געלעגנהייט. דער זיידע האָט דאָס סוף־כל־סוף דערשפּירט און איז געוועזן פאַרזיכטיג מיט זייער לשון־הרע.

אָפטמאָל, ווען אַ סך כעס און צאָרן האָט זיך אָנגעקליבן אויפן האַרצן, פלעג איך מיך פאַרקלייבן ערגעץ אין אַ באַהאַלטעניש, זיצן און וויינען, קריצן מיט די קליינע ציינדלעך און וויינען.

איך פלעג מיך דערמאָנען אָן דער מאַמען וואָס איז וויט פון מיר, אָן דעם וואָס איך בין אַ יתום, אָן שטילן דאָרף, אָן די דאָרטיגע זונפאַרגאַנגען — און פלעג וויינען אַלץ זיסער און געשמאַקער, ביז איך פלעג צום סוף איבער־גיין אין אַן אַנדער מין געוויין, אַ וויינען צוליב וויינען...

און ביסלעכווייז, פלעג איך פון דאָזיגן געוויין זיך באַרוהיגן, זיך אויס־לייטערן, און אָנהויבן זיך אַרומקוקן אויף דער אַרומיגער וועלט.. כ'פלעג פון באַהעלטעניש אַרויסקוקן אויף אַלץ וואָס ס'טוט זיך אין דרויסן, און אַלץ פלעגט אויסקוקן ניי ביי מיר אין די אויגן, און אַלץ, האָט זיך געדוכט, האָט אַן אַנדער קאָליר און אויסזען, ווי דאַן ווען איך געפין זיך אין דאָרטן. שעה'ן לאַנג פלעג איך זיצן און זיך צוקוקן, זיך וואונדערן און שווייגן. און פלוצים פלעג איך זיך אויסניכטערן פון מיין באַאַבאַכטונגס־חלום, אויפשפּרינגען פון מיין באַהעלטעניש, און תוך־כדי־דיבור זיץ איך אויפן קוימען פון הויז, אָדער אויפן שפּיץ פון אַ טעלעגראַף־סלופּ — און אַלע קענען זיך נישט אָפּוואונדערן פון מיינע גבורות, און אַלע מיינע חברים גיבן מיר אָפּ כבוד.

אינאיינעם מיט די תאוות צו שטיפן און באַאָבאַכטן, האָט צווישן די ווענט פון זיידנס הויז, דאָס פלאַץ פון אייביגער תורה און תפלה, זיך אויך אַנטוויקלט אין מיר די תאוה צום לייענען. די דאָזיגע דריי תאוות האָבן זיך אין מיר

אַריינגעשלאָגן ווי נעגל, איינע ביי דער אַנדערער, און איינע האָט דער צווייטער נישט געקענט מבטל זיין. און אַזוי ווי צו די ערשטע צוויי האָב איך זיך אײַ־ בערגעגעבן מיט לייב און לעבן, מיט התלהבות, מיט אַלע חושים — אַזוי איז אויך געווען מיט דער לעצטער. אַז איך פלעג אַריינקוקן אין אַ ספר, בין איך אין אים פאַרשלונגען געוואָרן מיט אַלע חושים, האָב פאַרגעסן אָן עסן און טרינקען, און האָב זיך נישט געקענט אָפרייסן ביז איך בין מיט אים פאַרטיג געוואָרן.

און ספרים אין מיין זיידנס אַלמער זיינען געווען אַ סך, און פאַרשיידנ־ אַרטיגע. דרוש, מוסר, הלכה, אגדה, מעשה־ביכלעך, קבלה און חקירה. איך לייען אַ ספר נאָך אַ ספר; איך זופּ און שלינג און קען זיך ניט אָנזעטיגן. מיין ליבשאַפט פאַר ספרים איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז איך פלעג אָוועקגעבן אַלע מיינע דורכן גאַנצן יאָר צענויפגעקליבענע קאָפּיקעס, כדי זיך איינצושאַפן אַן אייגענע ביבליאָטעק. דאָרטן אין ביכערלאַנד, האָב איך געהאַט אַ סך באַקאַנטע, און אַ סך טשיקאַווע וואונדערלעכע שטעדט האָב איך זיך אָנגעזען. די שטאָדט לעמבערג און פּרוי פּעסל באַלאַבאַן; סלאַוויטע און זשיטאָמיר און די ברידער חנינא־ליפּע און ר׳ יהושע העשל שאַפּיראָ; וואַרשע און די שותפים ר׳ ברוך זעצער און ר׳ יחזקאל רענער. היינט אַלע בחור־הזעצערס פון אַמשטערדאַם און פראַנקפורט, אויפן אָדער און מיין, און זולצבאַך; און דאָס פאַרב פון פּאַפּיר און לייוונט, און די מטושטש׳ע שטעמפּלען פון צענזאָר, און די צאַצקעס אויף די שער־בלעטער...

היינט דאָס אויסזען פון די עמודים און אותיות, און די ווייסע פּאַסן אין דער לענג און דער ברייט פון די עמודים — דאָס אַלץ איז געווען מאַטעריאַל פאַר מיין כח־הדמיון, און שטילערהייט האָב איך פון זיי געבויט גאַנצע וועלטן.

ווער איז פרוי פּעסל באַלאַבאַן? אַודאי איז זי אַ בכבוד׳יגע חשוב׳ע פרוי, און האָבן האָט זי פיר זין, אַלע — הדרת־פנים׳דיגע בייכיגע לייט מיט לאַנגע בערד, זיצן זיך אין אַ חדר אָן אָנגעפּראָפּטן מיט ספרים, און אַמפּערן זיך פון גרויס וואוילטאָג, עשירות און כבוד איבער אַ הלכה. שבת־צו־נאַכט קומען זיך צענויף אין הויז די חשוב׳סטע לעמבערגער אידן, אַלץ אײדעלע פיינע מענטשן; דער מעשענער סאַמאָוואַר זידט אויפן טיש און אַ צוועלף געשליפענע גלעזער שטייען און בלאַנקען. איינער פון די זין, מיט אַ סאַמעטענער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, כאַפּט אַ קוק אין פענסטער און טוט זיך אַ זאָג: „זעט נאָר, רבותי, אַ לייפּציגער לבנה — מחיה נפשות! לאָמיר נאָר אַרויסגיין און זי מחדש זיין!״

און ווער איז דער פריץ אַנטאָן שמידט, וואָס דרוקט אידישע ספרים אין ווין דער רעזידענץ־שטאָדט? אודאי איז ער אַ חכם און אַ גרויסער מלומד און פירט ויכוחים מיטן ווינער רב (איין קליינינקייט, דער ווינער רב) מכח אמונה...

די דאָזיגע אייגנשאַפט זיך אַריינצוטאָן דורך באַאָבאַכטן אין אַ זייטיגן ענין און אים אַריינפלעכטן אין מיין זעאונג, האָט אויפגעשפּראָצט אין מיר נאָך פון קינדווייז אָן. ווען איך האָב שפּעטער זיך צוגעקוקט צו דער רע־אַלער וועלט — האָבן אויך זייטיגע פאַרבייגייענדיגע זאַכן צוגעצויגן מיין האַרץ, און זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אַלס מאַטעריאַל פאַר מיין כח־הדמיון. דער דאָזיגער אייגנשאַפט האָב איך שפּעטער אויך אַריינגעבראַכט אין דער ביכערוועלט.

די נטיה צו שרייבן האָט אין מיר דערוואַכט באַלד ווי איך בין אָנגעקומען ביים זיידן אין הויז, הגם איך האָב נאָך נישט געקענט מאַכן קיין צורת־אות, ווי ס'געהער צו זיין. וואָס האָב איך געשריבן? — גאָר פון אָנהייב, „אַ מעשה פון אַ רב מיט אַ רבי'צין", וואָס איך האָב געהערט פון מיינע חברים אין חדר, און דערנאָך — וועגן אַנדערע ענינים. אויף דער שפּראַך בין איך נישט געווען קיין איבערקלייבער; פלעג צונויפמישן לשון־קודש מיט תרגום־לשון, און אַמאָל, אין אַ נויט, פלעג איך מיך אויך באַנוצן מיט אַ אידיש וואָרט.

אַז איך פלעג מיך צעקריגן מיט מיינע חברים, האָב איך צווישן אַנ־דערע מיטלען און כלי־זיין, זיך אויך באַנוצט מיט שרייבן. איך פלעג זיי שרייבן, די בעלי־מחלוקה מיינע, צעטעלעך, וואו איך האָב זיך געהיצט, זיי מתרה געווען, געשראָקן און איינגערעדט, אַלץ ווי ס'האָט זיך אין יענער שעה געפאָדערט. די מערסטע מלמדים מיינע אין דער קינדהייט — זיינען געווען, ווי אַלע אַנדערע מלמדים . . . נאָר זאָלן דאָ צום גוטן דערמאָנט ווערן צוויי מלמדים: איינער אַן עלטערער, אַ בעל־אגדה, און איינער אַ יונגער, אַן אויסגעפוצטער חסיד, מיט אַ קליינעם צומיש פון ווייזלשער השכלה. זיי האָבן צום ערשטן מיין האַרץ אויפגעעפנט מיט זייער לערנען, דורך למודים וואָס מיין האַרץ האָט נאָך זיי געגאַרט.

נאָר מיין עיקר אַנטוויקלונג איז געקומען פון זיך אַליין, אויסערן חדר און אויסערן רשות פון מיין זיידן און מיינע מלמדים. אַלץ האָט זיך פאַרוועבט און אויסגעוואַקסן אין טיפסטער טיפעניש פון זיך אַליין. אין שעה'ן פון איינזאַמקייט פלעג איך מיך פאַרקלייבן אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל, טראַכטן,

חלומ׳ען, צווייפלען, בויען וועלטן און שפּינען מיינע זעאונגען שטילערהייט.

בין איך געווען געגליכן אין יענע שעה׳ן, צו אַ קליינער סאַזשעלקע וואָס ליגט באַהאַלטן אין טיפן וואַלד, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ שטילערהייט און מיט אַן אַנדער קאָליר די גאַנצע וועלט.

און אין שעה פון שטיפן — פלעג איך אויסברעכן, ווי אַ אימפּעטיגער שטראָם; מיין שטיפעריש געמיט האָט נישט געוואוסט קיין צוים און אָפּ־האַלט. און ווי איז געווען דעם יעניגן וואָס האָט זיך אין יענער הייסער שעה אָנגעשטויסן אַן אַזאַ ווילדער חיה, ווי איך בין דענסטמאָל געווען.

און אַ סך זכרונות קומען מיר אויפן זינען, וואָס יעדער איינער באַזונדער איז אַ מעשה פאַר זיך, און יעדער איינער האָט געהאַט אויף מיר אַ השפּעה ביז אין אַ געוויסער מאָס.

דעם זיידנס חצות־אָפּריכטן פרי־באַגינען, ווען איך פלעג נאָך האַלטן אין דרעמלען, און מיין אויער פלעגט דורכן דרימל איינזאַפּן אין זיך זיין געבראָכן געוויין, ווי עס וואָלט געקומען פון דער ווייטער ווייט, פון אַן אַנדער וועלט . . . פון אַ וועלט וואָס איז געווען אַמאָל — און חרב געוואָרן.

דאָס קול פון בלינדן שמש וואָס טאַפּט מיט זיין שטעקן אין נעבלדיגע באַגינענס דורך די שיטער־פאַרבויטע געסלעך פון פאָרשטאָט — טאַפּט און בלאָנדזשעט, שטרויכלט און פאַלט און הויבט זיך אויף. און אַן איינציגער רוף, ווי אַ מין בת־קול, טראָגט זיך פון זיין מויל מיט אַ וויינענדיגער נעימות און שפּרייט זיך אין דער פרימאָרגנדיגער שטילקייט: „אידן, שטייט אויף, הויבט זיך אויף לעבודת־הבורא״ . . .

צוויי לומדים, מיין זיידע און דער דיין פון פאָרשטאָט, זיצן אין אַ ווינ־טער נאַכט אין זיידע׳ס לערן־חדר. אויפן טיש ליגט אַן אָפענע זשיטאָמירער גמרא און הורבעס פאַרמאַכטע ספרים. דאָס לאָמפּ איז פריילעך צעבליצט. דער אויוון שלאָגט מיט היץ וואָס צעגייט אין אַלע גלידער. די באָבע זיצט אַן אַ זייט, שטריקט אַ זאָק, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און הערט זיך צו. און אין דרויסן וויינט און רייסט זיך דער שטורם, רייסט די לאָדנס און ברעכט די אייזערנע פאַררוקערס, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן חרב מאַכן דאָס הויז און אים איבערקערן קאָפּ אַראָפּ, אָבער שוואַך זיינען דעם שטנ׳ס הענט! מיר זיצן דאָ אין אַ פעסטונג — און פאַר וועמען זאָלן מיר מורא האָבן? דער כח פון דער תורה וועט אויף אונז מגין זיין, און וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן?

און אַ מחשבה קומט מיר אויפן האַרצן: דאָ, ביים דאָזיגן וואַרימען אויוון, ביים קלאַנג פון די הייליגע שמועסן — ווען עס מאַכן זיך פאַמעלעך

צו די אויגן און איך שלאָף אײַן דעם אייביגן שלאָף — צי איז פאַראַנען אַ גרעסערער תענוג אויף דער וועלט?

און די נעכט וואָס מיר זיינען געווען אויף אין בית־מדרש און גע־לערנט ביז אין פרימאָרגן, און די שפּאַצירגענג אויסער דער שטאָט, און נאָך, און נאָך, און נאָך.

בקיצור, ווען איך זאָל קומען אַלץ אויסשרייבן, וואָלט קיין פּלאַץ נישט געסטייעט, וועל איך דעריבער זיך האַלטן אין צאַם.

צווישן די אַנדערע ספרים זיינען מיר געקומען צו דער האַנט אויך השכלה־ביכלעך, צוערשט פון ערגערן מין, און שפּעטער בעסערע און ניצלעכערע.

די דאָזיגע ספרים האָבן מיך פאַר'שיכור'ט. אונטער זייער השפּעה האָב איך זיך ביסלעכווייז געענדערט, און אַנדער מענטש געוואָרן.

און דער שטן האָט מיר אונטערגערוקט די דאָזיגע ספרים דווקא אין יענער צייט ווען מיין חסידות און רעליגיעזע התלהבות האָט געשטיגן אין מיר ביז אויף דער העכסטער מדרגה. איך האָב אין יענער צייט שוין גע־וואָרט אויפן רוח־הקודש, אויפן סמך פון ר' חיים וויטאַל'ס הבטחה אין „שערי הקדושה". איך האָב אויף זיך מקיים געווען אַלע זאַכן, וואָס אַ מענטש וואָס וויל זוכה זיין צום רוח־הקודש באַדאַרף טאָן, נאָך דער דעה פון ר' חיים וויטאַל.

איך האָב זיך געהייליגט און גערייניגט פון דרויסן און פון אינווייניג, דורך תורה, תפלה, כוונות און טבילות, א. אַ. וו. קוקט אַריין אין יענעם ספר, וועט איר אויך וויסן.

און דער „שבט מוסר" און „ראשית חכמה", און די אַנדערע מוסר־ספרים מיט וועלכע דער זיידע האָט מיך געשטאָפּט, האָבן אויך געטאָן דאָס זייעריגע — און איך בין אינגאַנצן געווען אין זייער רשות און אונטער זייער יאָך, הגם פון נאַטור אויס בין איך אַ שטיקל פורק־עול.

און פּלוצים — נאַ דיר גאָר השכלה־ביכלעך!

און צי דאַרף איך גאָר אויסדערציילן וואָס די דאָזיגע נייע ספרים האָבן מיט מיר געטאָן?

איך וואָלט געקענט דערציילן אַ סך כאַראַקטעריסטישע זאַכן אויך מכח דעם ענין, אָבער איך וויל נישט מאריך זיין.

כ'האָב פאַרגעסן מיטצוטיילן, אַז דאָס פאַרטיפן זיך אין אַלטע חקירה־ספרים איז געקומען פריער, פאַרן לייענען די השכלה ביכלעך, און די ערשטע

האָבן שוין געהאַט אַביסל צוגערייט מיין האַרץ פאַר די לעצטע.

איך בין נאָך געווען אַן עלף־יאָריג אינגל — האָב איך שוין אַריינגע־קוקט אין „עיקרים", „כוזרי", „מורה נבוכים" — פאַרשטאַנען און ניט פאַרשטאַנען אויף העלפט, אויף דריטל, אויף פערטל.

און אויך אין קבלה האָב איך געהאַט אַ היבשע ידיעה, און אודאי און אודאי אין דרוש, מוסר און חסידות.

דאָס אַלץ „לייענען", אָבער למוד — איז ניטאָ קיין אַנדער למוד אויי־סער גמרא און פוסקים; פאַרשטייט זיך, ממילא, אַז דאָס איז געווען מיין עיקר למוד.

אַז איך בין אַלט געוואָרן דרייצן יאָר בין איך אַרויס פון די רביים'ס רשות און זיך געזעצט לערנען אין בית־מדרש פאַר זיך אַליין.

אַליין — ווייל איך בין געווען דער איינציגער אין גאַנצער פאַרשטאָט, אויסערן דיין, וואָס האָט פאַרבראַכט דאָרטן אין תורה און תפלה ביזן האַלבן טאָג, און ווייטער איז דאָרט קיין לעבעדיגער נפש ניט געווען. די מערסטע בעלי־בתים פון פאַרשטאָדט זיינען געווען אידן־סוחרים וואָס זייער נשמה איז געווען די פרוטה, דאָס לעבן זייערס איז געווען אַ פרוטה, און זייערע קינדער זיינען געווען גערעאָטן אין זיי.

דאָס איינזאַמע זיצן אין בית־מדרש האָט געהאַט אַ וויכטיגן איינפלוס אויף מיין געדאַנקענגאַנג און אינווייניגסטער וועלט.

אַליין מיט מיינע נייע און אַלטע געדאַנקען, אַליין מיט מיינע ספקות און טראַכטעניש ן בין איך אָפּגעזעסן לאַנגע טעג ביים ספרים־שראַנק, פלעג מפסיק זיין פון לערנען און פאַרזונקען ווערן אין אַ ים חלומות און וויזיעס, פלעג מאַכן צירופים און דעם חשבון פון דער וועלט, פלעג זוכן תכליתים פאַר זיך אַליין און פאַר דער „מענטשהייט".

און צייטנווייז פלעג איך דערשפירן אַ מין נשמה־ענגשאַפט צוליב די געדאַנקען און געפילן וואָס האָבן אָנגעפילט מיין גאַנצן האַרצן, ווי אַן אומ־דערטרעגלעכע משא.

און קיין מענטש איז ניט געווען וועמען איך זאָל מאַכן פאַר אַ שותף אין דעם באַשאַף פון מיין איניגסטער וועלט, פאַר וועמען איך זאָל קענען אויסריידן דאָס האַרץ.

און אָפּטמאָל פלעגט זיך מיר דוכטן, — אַז איך בין אַ בן־יחיד ביי גאָט ברוך־הוא, און אַ געצערטלט קינד באַ זיין שכינה, און אָט איז זי דאָ מיט מיר צוזאַמען, שפרייט אויס איבער מיר אירע פליגל און היט מיך אָפּ

ווי דעם שוואַרצאַפּל פון איר אויג.

און ערגעץ ווייט־ווייט, איך ווייס ניט וואו, איז פאַראַן אַ שיינע גרויסע וועלט, פול מיט ליכט און ברוויזנדיגן לעבן, וואָס איך וועל אפשר אויף איי־ביג ניט זוכה זיין צו קומען אַהין, און פאַרטראָגן ווערן פון אירע כוואַליעס, אויף אייביג . . .

ווער האָט מיך דאָ פאַרגעסן, און צוליב וואָס?

און וואָס וועט זיין נאָכדעם, אַז דאָס בית־מדרש וועט אינגאַנצן אויס־געליידיגט ווערן, און קיין איינציגער מענטש, ווי איך דאָ היינט, וועט זיך מער נישט איינגעפינען? וואָס וועט דער רבונו־של־עולם טאָן דענסטמאָל?

שפּעטער אַהין, האָט זיך מיט מיר צונויפגעפּאַרט, פון זיין אייגענעם רצון, דער אויבנדערמאָנטער דיין, אַן ערלעכער כשר'ער מענטש, און מיר האָבן געלערנט צוזאַמען פּוסקים און גמרא עטלעכע שעה אין טאָג, ווי חברים. ס'איז נישט אַוועק קיין יאָר, און איך האָב געקענט פּסקנ'ען שאלות אין „איסור והיתר". אין „פּוסקים" בין איך שוין פון פריער געווען באַהאַוונט, און מיטן דיין האָב איך איצט „צוגעקויפט חכמה". אַז דער דיין פלעגט ניט זיין אין הויז, פלעג איך פּסקנ'ען שאלות פאַר די יעניגע וואָס האָבן זיך געוואָלט אויף מיר פאַרלאָזן.

אין די איבעריגע שעה'ן פון טאָג פלעג איך שרייבן שירים און מליצות און פלעג לייענען ביכער.

מיין טעאָרעטישע אַפּיקורסות איז געוואַקסן אַלץ מערער, אָבער אין פּראַקטישער פרומקייט האָב איך זיך אויף אַ האָר נישט געענדערט.

דער למוד פון תלמוד איז ביסלעכווייז ביי מיר פאַרהאַסט געוואָרן. כ'האָב געזען, אַז עס שטעקט ניט אין דעם קיין ציל און צוועק אין לעבן, און איך האָב זיך שוין לאַנג געפרעגט: וואָס וועט זיין מיין סוף?

דער זיידע האָט געזאָגט: „זיץ און לערן, און אַלץ וועט רעכט ווערן", און מ'האָט שוין מיר אָנגעהויבן ריידן שידוכים; און איך האָב באַשלאָסן: ניין! פריער אַ תכלית, דערנאָך — חתונה.

דער „תכלית" האָט זיך ביי מיר געהאַט פאַרקליידט אין דעם גע־שטאַלט פון אַ דיפּלאָם פון בערלינער סעמינאַר.

אָבער ווי, ווען און ווי אַזוי קומט מען צו דער דאָזיגער גאולה?

כ'האָב געפונען! פריער נאָך וואָלאָזשין און דערנאָך בערלין. וואָס עפּעס וואָלאָזשין? דערפאַר, ווי ס'לאָזט זיך הערן, לערנט מען דאָרט אין

וואָלאָזשין צוזאַמען מיטן תלמוד אויך אַלע זיבן חכמות און זיבעציג לשונות, בפרהסיה און פאַרבאָרגענערהייט.

זאָג איך צום זיידן מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיגקייט: די מעשה איז אַזוי און אַזוי — איך וויל אין וואָלאָזשין.

וויל נישט דער זיידע. וואָלאָזשין? חס ושלום! דאָרט אין דער ליטע וועט דאָס לעצט ביסל אמונה אויסרינען אין גאַנצן".

אָבער גאָר אין גיכן האָט אים גאָט אויפגעעפנט די אויגן און ער האָט דערזען צום באַדויערן, אַז די דאָזיגע אמונה איז שוין אויסגערונען פון מיין האַרצן, און וועט זיך מער ניט אומקערן.

די מעשה איז געווען אַזאַ:

ער איז אַמאָל געגאַנגען אין אַ געוויסן פּלאַץ, האָט ער געפונען אַ שטיקל פּאַפּיר זיך אַרומוואַלגערנדיג מיטן רבי'נס נאָמען. דער זיידע האָט אויפגעהויבן דעם רבי'נס בריוול ווי אַ הייליגע זאַך, כדי עס צו ראַטעווען פון טומאה. און פּלוצים — ווי געשריען — אונטער דעם רבי'נס חתימה, אָנשטאָט די ווערטער: „הקטן פלוני בלאאמו"ר הצדיק פלוני זצ"ל" איז פאַראַן אַ גאַנצע שורה, און ס'איז אָנגעשריבן: „אַפּנאַרער, שווינדלער", א. א. וו. און דער כתב איז חיים נחמנ'ס כתב, מיינער, הייסט עס.

נאָך דער דאָזיגער מעשה האָט מיר דער זיידע מתיר געווען צו פאָרן נאָך וואָלאָזשין. נאָך אַלעמען איז דאָרטן אַ פּלאַץ פון תורה. און דער זכות פון דער תורה וועט מיר ביישטיין, מיך אָפּצוהיטן פון האַרבערע עבירות.

האָט ער מיר מיטגעגעבן ח"י פּרוטות, און בפירוש אויסגערעדט אַ תנאי, אַז ער מאַכט מיך פאַר אַ שליח אַריבערצופירן די דאָזיגע צדקה, כדי איך זאָל ווערן אַ שליח לדבר מצוה ,און ניט געניזוקט ווערן אין וועג — און ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט קיין וואָלאָזשין.

ביים געזעגענען זיך, האָט דער שטרענגער טרוקענער זקן געוויינט, און איך בין געווען שיכור פאַר שמחה. מיין האַרץ אין מיר האָט אַזש געטאַנצט און געזונגען.

צו מאַכן דעם ענין קורץ — וועל איך איבערהיפּן אַ סך פּאַסירונגען וואָס האָבן מיטן ענין צוטאָן, און וועל בלויז זאָגן, אַז מיין שמחה איז געווען אַן אומזיסטע שמחה.

מיין האָפנונג איז ניט מקוים געוואָרן. אין וואָלאָזשין איז נישטאָ קיין זכר פון די זיבן חכמות און זיבעציג לשונות. נאָר דאָרטן זיינען פאַראַן בחורים, ווי איך, בעסערע און ערגערע פאַר מיר, וואָס זיצן און לערנען גמרא,

גמרא, גמרא. זאָל אַלץ אַוועק מיטן ווינט. וועל איך אויך לערנען גמרא, גמרא, גמרא. וועל זיין אַ רב ווי אַלע רבנים.

און אַזוי האָב איך געטאָן די ערשטע עטלעכע חדשים.

און אַז דער ראש־הישיבה האָט מיך פאַרהערט נאָכן משך פון די עטלעכע מאָנאַטן האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר: נישט אַנדערש דו שטאַמסט אָפּ פון די ליטוואַקעס. דאָס ערשטע מאָל זע איך אַ וואָלינער בחור וואָס זאָל זיין אַזאַ מתמיד און אַזאַ קענער ווי דו.

אין משך פון דריי הדשים האָב איך כמעט אויף אויסנווייניג אויסגעלערנט די מסכתא כתובות מיט אַלע תוספות'ן.

כ'האָב געצאַמט אַלע מיינע תאוות, כ'האָב דערשטיקט אַלע מיינע געפילן און געלערנט אָן אויפהער און אָן חשק. און יעדעס מאָל וואָס דער יצר־הרע האָט פּרובירט מיך אָפּרייסן פון לערנען און אויפוועקן אין מיר אַנדערע געדאַנקען, האָב איך מיך אַליין געקניפּן און געשריען אויף זיך אַליין: „לערן, גזלן! לערן און ווער צעפּלאַצט!"

אָבער דער יצר־הרע איז שטאַרק, און די התמדה און התלהבות פאַר דער גמרא, וואָס איז אין דער אמת'ן געווען אַ געמאַכטע איז ביסלעכווייז שוואַך געוואָרן, און איך האָב זיך אומגעקערט צו מיין ערשטער טבע.

די גמרא איז מיר געוואָרן דערווידער, ווי אַ גראָבע אכילה, מיט די לעצטע כחות האָב איך זיך אָנגעשטרענגט צו שטיין אויף דער וואַך ביים באַנק — — פון טאָג צו טאָג איז מיין התמדה קלענער געוואָרן.

און מיינע פאַרלאַנגען און אַלטע געפילן זיינען אָנגעפאַלן אויף מיר פון זייער באַהעלטעניש אין אַזעלכע גינסטיגע מינוטן ,און ווידער באַצוואונגען דאָס האַרץ און עס געפירט אַהין וואוהין זיי האָבן נאָר געוואָלט.

פלעג איך שטיין ביים שטענדער גאַנצע שעה'ן, אַרום מיר ברענט אַ ים, דער ים פון תלמוד פון הונדערטער שרייענדיגע מיילער, וואָס זינגען און פאַלן אַריין אין התלהבות — און איך, דאָס מויל זאָגט „אָמר אביי", און דאָס האַרץ איז אין אַנדערע וועלטן.

אין די ערשטע פרילינג־טעג פלעג איך זיך אַרויסמאַכן פון ישיבה, פלעג אומלויפן ווי משוגע אין די גאַסן און געסלעך פון שטאָט און מיין נשמה אין מיר האָט זיך געצאַפּלט, ווי אַ פויגל אין שטייג, אַנטלויפן פון דאַנען, אַנטלויפן!

דערווייל האָב איך אָנגעהויבן אַוועקנעמען צייט פון דער גמרא, און זי אָפּגעבן פאַר לייענען און שרייבן.

צוליב מאַנגל אין ביכער האָב איך קיין סך ניט געלייענט, פונדעסט־וועגן האָב איך זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין, הגם מיט שוועריגקייטן, אַ רו־סיש בוך.

אין יענער צייט האָב איך געלייענט פרוג׳ס לידער אין אָריגינאַל (אין רוסישן) און בין נתפעל געוואָרן.

און איך אַליין האָב ווידער אָנגעהויבן שרייבן שירים. מיינע לידער פון יענער צייט — אַ סך פונקען פון מיין אייגענעם לעבן זיינען אין זיי גע־ווען. כ׳האָב אַליין דערשפּירט אַז עפּעס איז אין מיר צייטיג געוואָרן.

מיין ליד „אל הצפור״ איז געשריבן געוואָרן אין יענער תקופה. דאָס איז ניט געווען די ערשטע זאַך וואָס איך האָב איבערגעגעבן צום דרוק. די ערשטע זאַך איז געווען אַ מאמר אין פּראָזע אונטערן נאָמען, „צום געדאַנק פון ישוב ארץ־ישראל״ וואָס מיינע חברים האָבן איבערגעשיקט אין „המליץ״ אין יענעם יאָר, און אונטערגעשריבן איז דער מאמר מיט מיינע איניציאַלן ח. נ. ב.

די געשיכטע פון יענעם מאמר און ווי אַזוי ער קומט אין דרוק אַריין איז אַ באַזונדערע מעשה, וואָס איך האָב קיין צייט נישט מאריך צו זיין.

נאָר דאָס קען איך זאָגן, אַז איך וואָלט קיינמאָל נישט געהאַט די העזה זיך צו האַלטן פאַר אַ שרייבער און צו שיקן מיינע כתבים דרוקן, ווען נישט מיינע חברים וואָס האָבן זיך געלעגט אין דער לענג און דער ברייט און האָבן זיך משתדל געווען, אַז די זאַך זאָל געדרוקט ווערן.

איך וועל דאָ בלויז אָנדייטן אויף אַ וויכטיגער געשעעניש וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט: אין יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרן אין ישיבה אַ פאַר־באָרגענע „נאַציאָנאַלע אגודה״ פון סאַמען זעמלמעל פון ישיבה, מיט אַ רייכן און ברייטן פּראָגראַם, אין קליין פאָרמאַט ווי די אגודה „בני־משה״, הגם מיר האָבן נאָך פון די בני־משה קיינמאָל נישט געהערט; איך אַלס אַ שריי־בער, האָב זוכה געווען אַריינגענומען צו ווערן אין דער דאָזיגער אַגודה, און אויפן פאַרלאַנג פון די חברים האָב איך אויפגעשריבן יענעם מאמר, ווי אַ מין מאַניפעסט פון דער אגודה, און זי האָט אים איבערגעשיקט אין דרוק.

און יענע טעג זיינען געווען די טעג פון אחד־העם׳ס ערשטע מאמרים, די טעג פון „אמת פון ארץ־ישראל״ און „ניט דאָס איז דער וועג״ . . .

אין אונזער אגודה האָבן זיך אָנגעזען צוויי שטרעמונגען: אַן אחד־העמ׳איסטישע און יעבצ׳איסטישע — אוןביידע שפּורן געפינען זיך אין יע־

נעם מאמר. פֿאַראייניגן אַזוינע צוויי קאָנטראַסטן האָט געקענט בלויז אַ וואָ־לאָזשינער בחור.

איך בין געוואָרן אַן אחד־העמ׳יסט. יענער טאָג ווען איך האָב געלייענט אחד־העמ׳ס אַ נייעם מאמר איז ביי מיר געווען אַ יום־טוב. יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פֿון זיין פֿעדער האָט מיר צוגעטראָפֿן ביז די סאַמע טיפֿענישן פֿון האַרצן און נשמה.

און די טעג גייען — און קיין תכלית אין ישיבה זע איך נאָך אַלץ ניט. און דערווייל איז די מהומה אין די לעצטע טעג פֿון ישיבה געוואַקסן. אַ נייער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן און אירע זיילן האָבן אָנגעהויבן זיך שאָקלען. אַלע האָבן איינגעזען, אַז איר לעצטע שעה האָט געשלאָגן — און נאָך פֿאַרשידענע מאַניפּולאַציעס און תחבולות, און אַן דער ידיעה פֿון מיין משפּחה און מיין זיידן בין איך אַוועק נאָך אָדעס, זיך פֿאַרבאַרייטן, הייסט עס, פֿאַר בערלין.

אַ פּרא־אָדם, אַ שעמעוודיגער און אַ שטומער, אָן לשון און אָן זיטן וואָס זיינען אָנגענומען אין אַ גרויסער שטאָט, בין איך געקומען נאָך אָדעס — אָן אַ גראָשן ביים לייב און לעבן און מיט שוואַכע האָפֿנונגען אין האַרצן. שוואַכע — ווייל תיכף ווי איך בין אַהין געקומען, האָט מיר דאָס האַרץ פֿאָראויסגעזאָגט, אַז איך וועל אַוועק מיט גאָרנישט. איך האָב איינגעזען, אַז די שטאָט איז פֿאַר מיר צו גרויס, און אַזאַ אינגל ווי איך קען דאָרט פֿאַר־לוירן גיין, און קיינער זאָל זיך אויף אים נישט אומקוקן. און אַזוי איז טאַקע געווען: זעקס חדשים האָב איך אומגעבלאָנדזשעט אין אָדעס ווי אַ פֿאַר־לאָרענע שאָף, כ׳האָב געהונגערט, זיך געפּייניגט, זיך אומגעוואַלגערט אין קע־לערס מיט שווינדזיכטיגע — און קיינער האָט מיין עלנט ניט געזען. שע־מעוודיג און שרעקעדיג בין איך געווען צו קלאַפּן אויף די טירן פֿון די יע־ניגע וואָס האָבן די מעגלעכקייט און דעם רצון געהאַט צו העלפֿן אַ בחור אַזאַ ווי איך, — און איך האָב אויך נישט געוואוסט וואו זיי צו געפֿינען. איינער אַ רב (אַבעלסאָן, וואָס איך האָב מיט זיינעם אַ זון געלערנט צוזאַמען אין וואָלאָזשין), האָט מיך יאָ אין די ערשטע טעג אַריינגענומען צו זיך אין הויז, און האָט פֿאַר מיר געפֿונען אי אַ לעקציע אין העברעאיש און אי אַ לערער פֿאַר דייטש אין אַ הויז פֿון איינעם אַ פֿאַרמעגלעכן אידן, אַ משכיל; אָבער אַזוי ווי מיינע תלמידים האָבן ניט פֿאַרשטאַנען ווי גע־העריג מיין אידיש און מיינע דערקלערונגען, און איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען

ווי געהעריג מיין רבינ'ס לשון און זיינע דערקלערונגען — קען מען זיך שוין פאָרשטעלן די תורה וואָס איך האָב געקענט געבן און נעמען. און צווייטנס — בין איך געווען זייער אַ שלעכטער לערער אין העברעאיש, אַזוי ווי דער דייטש מיינער (דער אַגראָנאָם ק.) איז געווען אַ שלעכטער לערער אין דייטש. איך האָב באַלד אָנגעהויבן לערנען מיט מיין תלמיד „ישעיה" און ער מיך „לעסינג און שילער". נאָך אַ קליינינקייט: באַצאָלט האָב איך געקראָגן ווייניג: 10 רובל פאַר 4 שעה צייט, אַ חוצן גאַנג נאָך פּערעסיפּ און חוץ עקסטרע צייט וואָס איך האָב אַליין צוגעגעבן צו יעדער שעה. די דאָזיגע הוספה האָב איך געמאַכט מיט שמחה אויס דאַנקבאַרקייט צום פּאָטער פון די תלמידים, אַזאַ מין פיינער מענטש, וואָס נעמט און צאָלט פּלוצים צו אַזאַ מין ווילדן בחור ווי איך, 10 רובל אַ חודש פאַר פיר שעה אַ טאָג. ביי מיר אין די אויגן בין איך אינגאַנצן נישט ווערט געווען קיין קופּערנעם גראָשן.

האָב איך יעדעס מאָל ווען איך האָב באַדאַרפט גיין צו מיינע תלמידים געבעטן אויף זיך דעם טויט. די לעקציעס וואָס איך האָב געגעבן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום, וואו איך ווער טאָג אין טאָג געברענט און גע־בראָטן — ביז עס איז געקומען דער מלאך־המות און האָט מיך פון דאָזיגן גיהנום אויסגעלייזט. איינער פון מיינע תלמידים איז געשטאָרבן און די חברותא איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן (די תלמידים זיינען געווען שוועסטער און ברידער, און מיין לערער איז געווען אַ חתן פאַר איינער פון די מיידלעך). און איך בין פאַרבליבן אָן פרנסה און אָן תורה.

דאָך האָב איך זיך איינגעשאַפט אַביסל קענטניש אין דער דייטשער שפּראַך, און איך האָב געלייענט מיט התמדה די רוסישע קלאַסישע ליטעראַ־טור.

עס האָט פּאַסירט, אַז איך האָב לילינבלומען געלייענט מיינע כתבים און ער האָט אויסגעקליבן פון זיי מיין ליד „אל הצפור" און עס איבערגעשיקט דורך מיר צו אחד־העמ'ען, און דער לעצטער האָט עס איבערגעשיקט ראַוו־ניצקי'ן, ער זאָל דאָס ליד אַריינגעבן אין „פּרדס" וואָס האָט זיך ביי יענער צייט געהאַלטן אין דרוקן.

ראַווניצקי האָט אויך געלייענט מיינע כתבים און זיי זיינען אים געווען געפעלן, און האָט מיך שוויגנדיגערהייט מקרב געווען.

פלעג איך קומען פון צייט צו צייט ביי אים אין הויז. פלעג אַרויפּ־

קריכן אויף די שווינדל־טרעפ ביז אין הימל אריין, זיצן קעגנאיבער אים און פינטלען מיט די אויגן — ער שווייגט און איך שווייג.

און דערווייל האב איך זייער שטארק געהונגערט . . . און דערווייל האט זיך די וואלאזשינער ישיבה פארמאכט און איך האב זיך שוין מער ניט געקענט אויסבאהאלטן פון זיידן (ביז איצטער האט ער אלץ געמיינט, אז איך געפין זיך אין וואלאזשין) און דערווייל באקום איך בריוו פון מיינע זשיטאמירער חברים: „דיין זיידע האלט ביים שטארבן. אויב ער וועט דערגיין דיין סוד, וועסטו מקרב זיין זיין טויט. קום וואס שנעלער אהיים!"

האב איך פאר׳משכונ׳ט מיין פעקל בגדים פאר 6 רובל, און בין צוריק־געפארן אהיים.

„אלץ פארלארן!" — דאס איז געווען דער איינציקער געדאנק וואס האט מיך באגלייט און ארומגעכאפט דעם גאנצן וועג.

און אין האלבער נאכט, ווען איך בין געשטאנען אונטערן זיידע׳ס פענ־סטער, אפגעריסן־אפגעשליסן, אן א פעקל זאכן, און זיך געקלאפט אין לאדן מ׳זאל מיר עפענען — האט גאט אליין נאר געקענט וויסן מיין הארץ.

אויף דער שוועל האט מיך באגעגנט די באבע וואס איז ארויס עפענען פאר מיר די טיר, און זי איז אינגאנצן איינגעשרומפן און גרין, איינגעבויגן און קליין געווארן — א האלבע באבע.

און אירע פארוויאנעטע פארדארטע ליפן האבן זיך צוגעקלעפט צו מיין באק און זי האט מיך א סך מאל געקושט — און איך האב איר אפגע־ענטפערט מיט א קליינעם קאלטן קוש, פון יוצא וועגן.

האט מיך די באבע נאכגעצויגן פאמעלעך אין צווייטן צימער, און מיר אנגעוויזן אויף א בעט וואס איז געשטאנען הינטער א פארצויגענעם פאר־האנג. כ׳האב פארנאנדערגענומען דעם פארהאנג — און דארט איז מיין עלטערער ברודער, א צוויי און דרייסיג יאריגער, געלעגן ווי א טויטער.

און דער זיידע איז געשלאפן, און איז אפילו ניט אויפגעשטאנען מיך מקבל־פנים זיין.

אין דער פרי האב איך אים געזען און נישט דערקענט. דער מלאך־המות האט ארויסגעקוקט אויף מיר פון זיינע מוטנע אויגן. ער האט געהאלטן ביים אויסגיין פון טיפער עלטער.

און דער „שלום־עליכם" וואס ער האט מיר אפגעגעבן איז געווען א פרעמדער און א קאלטער. ער האט בלויז אנגעשטעלט אויף מיר זיינע מוט־נע אויגן און געשוויגן.

און דער דאַזיגער זיידע מיינער מיט זיין גאַנצער אויסווייניגסטער האַרט־קייט און טרוקנקייט, האָט דאָך מיך הייס און שטאַרק ליב געהאַט.

אַלע זיינע בריוו וואָס ער האָט מיר געשיקט נאָך וואָלאָזשין מיט האַרבע אזהרות און שווערע תוכחות זיינען דאָך „אינווייניג" געווען פול מיט גרויס דאגה און קלעמעניש פאַר מיר און פאַר מיין גורל.

ביי אים אין די אויגן בין איך תמיד געווען דער איינציגער גייסטיגער יורש אין משפחה. ער האָט דאָס בפירוש געזאָגט פאַראַיאָרן פורים צו דער סעודה פאַר אַלע זיינע זין און אייניקלעך (אַזוי האָב איך זיך שפּעטער דער־וואוסט).

ער פלעגט זיך באַרימען מיט מיר אין בית־מדרש, און פלעגט אַלעמען באַווייזן די ליוב־בריוו וואָס ער האָט באַקומען פון ראש־ישיבה, די בריוו וואָס האָבן עדות געזאָגט אויף מיין התמדה און וואויל לערנען.

און כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז פאַר פינף־יאָרן ווען איך בין קראַנק געווען אויף אַן ערנסטער פאַרצויגענער קראַנקייט — האָט זיך פלוצים באַוויזן איבער מיר דער זקן אין ווייסן קיטל און טלית (ס'איז געווען אום יום־כפור) ער איז געשטאַנען ביי מיין בעט, געוויינט און תפלה געטאָן . . .

— זיידע — האָב איך מיט שווער־קייט אַרויסגערעדט — וואָס טוסטו דאָ?

— איך טו תפלה פאַר דיר, מיין קינד, אַז דו זאָלסט האָבן אַ רפואה שלמה.

— טו תפלה, זיידע, טו תפלה. אויף מיין אידישקייט, איך וועל זיין אַ פרומער איד. כ'וועל אַ סך לערנען, אַז איך וועל געזונט ווערן, אויף מיין אידישקייט.

און איצט שלאָגט אויף מיר פון יעדן ווינקעלע דער ריח פון טויט. בין איך אַוועק אין בית־מדרש. און ווידער שטיי איך אויף דער שוועל פון דעם דאַזיגן בית־מדרש, וואו איך האָב פאַרבראַכט אַזוי פיל יאָרן, און איצט איז ליידיג, קיינער נישטאָ . . .

און ביסלעכווייז האָט זיך צענויפגעזאַמלט צום שחרית'דיגן דאַוונען אַ מנין בעלי־בתים; אַ קבלת־פנים, אַ שלום־עליכם. איינער פון מיינע פע־טערס איז צוגעקומען צו מיר, מיר אָנגעקלאַפּט אויף דער פּלייצע און אַ זאָג געטאָן מיט אַ געלעכטערל:

— כע־כע־כע, חיים נחמן, סוף־כל־סוף ביסטו פאַרט צוריקגעקומען צו אונז . . .

דאָס האָט געהייסן, פון היינט אָן ביסטו אונזערער אַ ברודער, אַן אונ־זעריגער.

און שפּעטער מיט אַ האַלב יאָר בין איך געוואָרן אַ זייעריגער אין גאַנצן — כ'האָב חתונה געהאַט.

דער ברודער איז געשטאָרבן, דער זיידע איז געשטאָרבן און איך, אַ ניינצן יעריגער, בין מיט מזל און מיט גליק געגאַנגען אונטער דער חופה. חתונה געהאַט.

וואָס דערנאָך איז געווען וויל איך ניט דערציילן. שטעלט זיך צופרידן מיט דאָס ביזאַהעריגע. נאָר איך וויל דאָ פאַרצייכענען, אַז דאָס חתונה־האָבן האָט ניט אָפּגעשטעלט מיין אַנטוויקלונג, פאַרקערט, נאָך דער חתונה, צוליב דעם וואָס איך בין געזעסן אין וואַלד צוליב מסחר, האָב איך אַ סך געלערנט און געלייענט און קונה־שלמות געווען ביז אַ געוויסער מאָס.

*

צום סוף וויל איך זאָגן: אַלע געשעענישן פון מיין לעבן זיינען ווי צעוואָרפענע שטיקלעך קלאַנגען פון פאַרשידענע אינסטרומענטן, וואָס יעדער איינציגער שפּילט אַ באַזונדערן ניגון. און אויב פונדעסטוועגן זיי האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין עפּעס אַ האַרמאָניע — איז דאָס באמת ניט מער, ווי אַ נס פון הימל.

און נאָך עפּעס: אַלע מיינע כוחות האָבן געקראָגן יניקה און נערונג, ווי יענע ווילדע שפּראָצונג, פון גרייטן, פון נאָענטן און פון דעם וואָס איז גע־קומען אויף זיי פון אויבן — און אויב כ'האָב עפּעס אייגנס געגעבן — זאָל גאָטס נאָמען זיין געבענטשט דערפאַר!

אַליין, אין אַ פינסטערן ווינקל, בין איך געוואַקסן אַלע מיינע טעג. יעט־ווידן טאָג האָב איך זיבן חלומות געבוירן און באַגראָבן און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט. אַ סך כוח און מוח האָב איך אויסגעבראַכט אויף גאָרנישט — און קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, און קיינער האָט אויף דעם מיינע אויגן נישט געעפנט.

די צנועה'דיגע צאַרטע בלומען וואָס האָבן פון זיך אַליין זיך צעבליט אין מיין האַרצן — האָב איך מיט מיינע הענט פאַרשטעלט מיט דעם ציטער פון אַ מאַמען. איך האָב זיי באַהאַלטן פאַרן געשפּעט פון גראָבע מענטשן וואָס

האָבן מיך תמיד אַרומגערינגלט, און חוזק געמאַכט און שפּאָט געמאַכט פון דעם וואָס איז געווען מיין לעבן.

און מיין האַרץ, דער קערן מיינער, וואָס איז פון געבוירן אָן געווען צאַרט און איידל, האָט זיך אָנגענומען מיט אַ האַרטן שאָלעכץ וואָס ציינער זאָלן זיך אָן דעם צעברעכן, און אַזוי האָט זיך דער קערן אָפּגעהיט, פון שמוציגע אָטעמס, פון בייזע אויגן און פון מענטשנס שמוציגע הענט.

חיים נחמן ביאַליק

(ביאָגראַפישע דאַטע)
1873—1934

חיים נחמן ביאַליק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1873, עשרה בטבת, אין דאָרף ראַדי, וואָלינער גובערניע.

ווען דער צוקונפטיגער פּאָעט איז אַלט געוואָרן 6 יאָר, האָט די משפּחה זיך אריבער־געצויגן קיין זשיטאָמיר. דער פאָטער, ר׳ יוסף, אַן ארימער קרעטשמער, איז אין 1880 געשטאָרבן און דער גאַנצער עול פון מפרנס זיין די משפּחה פאַלט אויף די פּלייצעס פון פּאָעט׳ס מוטער. דאָס אינגל חיים נחמן ווערט איבערגעגעבן צום זיידן אין רשות. דער זיידע, א שטרענגער און באמת־רעליגיעזער איד, האָט געהאָט אַ גרויסע השפּעה אויפן צאַרטן אינגל.

דאָס אינגל איז פרי רייף געוואָרן גייס־טיג. נאָך אַלס קינד האָט ער זיך שוין באַקענט מיטן „כוזרי" „מורה־נבוכים", „זהר" ווי אויך מיט ספרים פון קבלה און חסידות. (זע זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, גע־שריבן אין 1903) אין 1888 איז ער אוועק אין דער באַרימטער פאַר יענער צייט וואָלאָזשינער ישיבה, וואו ער האָט אנגעהויבן שרייבן לידער.

אין 1891 איז אין י. ח. ראַווניצקי׳ס העברעאישן זאַמעלבוך „פּרדס" אָפּגעדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע ליד ביאַליק׳ס "אל הצפור". דער פּאָעט האָט יונג חתונה, באַ־שעפטיגט זיך די ערשטע צייט מיט וואַלד־מסחר, שפּעטער מיט העברעאישע לעקציעס. אונטערדעסן, ווערן געדרוקט אין די העב־רעאישע זאַמלביכער, און הויפּטזעכלעך אין אחד העמ׳ס „השלח" צענדליגער לידער פון יונגן פּאָעט און מיט יעדן ליד ווערט ער אַלץ באַליבטער און טייערער ביי דער אידי־שער אינטעליגענץ. אין 1899 געלינגט אים זיך צו באַזעצן אין אָדעס, וואו ער ווערט אַנגעשטעלט אלס לערער און פּאַרוואַלטער אין א מאָדערנער העברעאישער שול. אין יענעם יאָר האָט דער פּאָעט געמאַכט זיין ערשטן ארויסטריט אויך אין אידיש אין דער וואָכנשריפט „דער יוד".

„זיין פּאָעמע „בעיר ההרגה" (אויף אי־דיש — די שחיטה־שטאָדט) — שרייבט דער ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבות — „גע־שריבן אין 1903 נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, האָט ביאַליק׳ן געמאַכט פאַר דעם גרויסן פּאָעט נישט נאָר פארן קענער, נאָר פאַר איטלעכן לעזער פון דער גאַס. מען קען זאָגן, אז ביאַליק איז דער איינציגער אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אין איין נאַכט און מיט איין ווערק באַקומען אַזאַ געוואַלטיגע און כשר־פאַרדינטע פּאָפּולאַריטעט אין אַלע קלאַסן פון אידישן פאָלק".

אין 1905 גרינדעט ער אין אָדעס דעם פאַרלאַג „מוריה", צוזאַמען מיט זיין לעבנס־

לענגלעכן פריינט און מיטארבעטער י. ח. ראווניצקי. ער גיט ארויס א ריי וויכטיגע ווערק, די וויכטיגסטע פון וועלכע איז בלי ספק דער „ספר־האגדה”, וואס האט אויסגעהאלטן צענדליגע אויפלאגעס.

די יארן פון דעם אדעסער פעריאד ביז פאר דער מלחמה צייכענען זיך אוים מיט זייער פרוכטבארער שעפערישער ארבעט. די רייפסטע צייטיגסטע ווערק אין זיין פאעזיע, זיינע דערציילונגען אין פראזע, עסייען, זיין ארבעט איבער די מיטלאלטערלעכע פאעטן, זיין פארלעגערישע טעטיגקייט, — אלץ דאס ווערט געשאפן דורך יענעם צייט־משך.

דורך די מלחמה יארן פון 1914 און נאך דער רוסישער רעוואלוציע, געפינט ער זיך אין אדעס און שפעטער אין מאסקווע, וואו ער געפינט צייט פאר שרייבן, רעדאגירן העברעאישע זאמלביכער, פארטזעצן זיין ארבעט איבער די מיטלאלטערלעכע פאעטן, און נעמען א קאכיגן אנטייל אין אלע אידישע געזעלשאפטלעכע פראגן.

אין 1921 פארלאזט ער רוסלאנד, נאך פיל שוועריקייטן, און באזעצט זיך אין בערלין, וואו ער באנייט זיין פארלעגערישע טעטיקייט, גיט ארוים ביכער און לערנביכער, און דרוקט איבער א סך אויסגאבן פון פארלאג „מוריה”.

אין 1924 האט ער זיך באזעצט אין ארץ־ישראל. ער ארגאניזירט אויף א ברייטן מאסשטאב דעם פארלאג „דביר” וואס גיט ארוים צענדליגער און צענדליגער וויכטיגע ווערק. צווישן אנדערע אויך, א וויסנשאפטלעכע פולשטענדיגע אויסגאבע פון שלמה אבן גבירול׳ם שירים, און ר׳ משה אבן־עזרא׳ס ערשטן באנד, מיט דערקלערונגען און באלייכטונגען פון ביאליק און ראווניצקי.

ער האט זיך אויך אפגעגעבן מיט איבערזעצונגס־ארבעט פון דער קלאסישער וועלט פאעזיע. אין 1924 ווערט געדרוקט זיין מייסטערהאפטע איבערזעצונג פון שילער׳ס "ווילהעלם טעל”, און אין 1929 — שעקספיר׳ס „יוליוס צעזאר.”

ביאליק׳ס לידער זיינען פיל איבערזעצט געווארן אין פרעמדע שפראכן. באזונדערע ביכער פון זיינע לידער זיינען ארוים אין רוסיש, דייטש, פראנצויזיש, ענגליש, פויליש, אונגאריש, רומעניש, איטאליעניש, האלענדיש און שוועדיש.

א חוץ דעם שריפטלעכן ביאליק וואלט זיך אויך געלוינט צו ריידן וועגן „ביאליק שבעל פה” — דער ביאליק וואס האט געהאט זייןווארט צו זאגן אין אלע אידישע אנגעלעגנהייטן, צו וועמען די גאנצע אידישע וועלט האט זיך תמיד צוגעהערט מיט יראת־הכבוד. מיר געדיינקען דאך אים פון זיין באזוך ביי אונז אין אמעריקע אין 1926. די דינאמישע ביאליקשע פערזענלעכקייט מיט איר גאנצן חן און צויבער, וואס האט ארויסגערופן דרך־ארץ און ליבשאפט סיי ביי אייגענע און סיי ביי געגנער. נאר דאס איז א באזונדערער קאפיטל.

די לעצטע פאר יארן פון זיין לעבן, האט דער פאעט זיך פארנומען מיט שרייבן זיין אויטאביאגראפיע אין לידער. צום גרויסן באדויערן, איז ער צוגענומען געווארן אין אנהויב פון זיין ארבעט. עס זיינען ארוים פון זיין פעדער בלויז די ערשטע 4 קאפיטלען „מיין טאטע”, „שבעה”, „אלמנה׳שאפט” און „צעשיידונג” — וועלכע דער לייענער וועט געפינען אין אונזער בוך.

דעם 4־טן יולי, 1934, איז חיים נחמן ביאליק געשטארבן אין ווין, וואוהין ער איז געקומען זיך אפערירן. ער איז באערדיגט געווארן אין תל־אביב, ארץ־ישראל.

אינהאַלט פון בוך:

אַריינפיר פון י. י. שוואַרץ .... ה
חיים נחמן ביאַליק פון ש. ניגער...ז־לד

לידער אַריגינעל־געשריבענע אין אידיש:

גלוסט זיך מיר ווינען 3
אין שחיטה־שטאָט 4
דאָס לעצטע וואָרט 16
כיבין ניט אויף אייער רוף 23
אַ פריילעכס 24
כיוואָלט געווען אַ בעלן 27
ציון (רי יהודה הלוי) 31
ים־לידער (רי יהודה הלוי) 31
פרינצעסין שבת (היינע) 33
אויף דעם הויכן באַרג 38
עס האָט מיך פאַרפלאָנטערט 40
אונטער די גרינינקע ביימעלעך 42
מיין גאָרטן 43
ערב־פרילינג 50

איבערזעצונגען פון י. י. שוואַרץ:

אין האַרבסט 55
צום פייגעלע 57
די אידישע לעגענדע 60
דער מתמיד 62
אין פעלד 79
מיט זונפאַרגאַנג 82
שרעטלעך 84
אין דער זומערטאָג היץ 87
אַ קליין בריוול 89
גראָז איז דאָס פאָלק 92
אויב דיין נשמה 94
אַ וויטער שטערן 97
נעמט אָן זיך מיט מוט 99
אַ ליד אַ יתומה 101
פרימאָרגן שדימילעך 103
אַ טרער 105
מיין ליד 107
דאָס ליד פון ליכט 111
ביים אָפענעם פענסטער 119
דערווינט 121
עס לויכטן אויף שטערן 122
סיאיז געפאַלן די טרער 123
ניט פון הפקר 124
אַ ווינטער־ליד 125
אַליין 129
מתי־מדבר 129
צו אחד־העמיען 137
פאַראַיאָריגע רויזן 139
הימלען 140
מיט זונאויפגאַנג 141

ווינטער־לידער:

א. אויפגעוועקט האָט 143
ב. סיהאָט דאָס אייז 144
ג. אויף דער שוועל 145
ד׳ העי, צעשפיל דיך 146
ה. ציט אַ רויך זיך 147
נאָך מיין טויט 151
אַ וואָרט 153
און אַז דער מלאך 156
געוויס איז דאָס אַ שטראָף 158
די שלאַנגען רופט 160
פון צער און צאָרן 162
די מגילה פון פייער 164
דו גייסט פון מיר אַוועק 190
ראָמאַנס 192
די סאַזשעלקע 193
זעער, אַנטלויף 200

פאַרן ספרים־אַלמער 201
און אַז איר וועט געפינען 205
ווער און וואָס בין איך 207
זאָל זיין 208
אַ צווייג 210
זאָל זיין ווי אייערער מיין גורל.... 211
איינציגוויז 213
דיין אָטעם, גאָט 217
מיין מאַמע, זכרונה לברכה 218
דער לייב 220
ווידער האָב איך אייך דערזען 221

אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמען:

א. מיין טאַטע 223
ב. שבעה 225
ג. אלמנהישאַפט 228
ד. די צעשיידונג 232

איבערזעצונגען אין אידיש פון אַנדערע פּאָעטן:

דאָס ליד פון ישראל 241
אויף אייער האַרץ 242
„יונגע" 243
וואו ביסטו? 244
ביינאַכט 245
אויפן בית־עולם 246
וואַנדערער פון מדבר 247
אָנהויב פרילינג 249
אַ תפלה 250
מיטן זונאונטערגאַנג 251
תקון־חצות 252
אונטער דער משא 254

פּאָלקס־לידער

א. צווישן פרת 255
ב. אין מיין גאָרטן 257
ג. נעבן טייכל 259
ד. סיאיז אַרויס 266
ה. ניט ביי טאָג 261
ו. מע ווייס ניט 262
ז׳ גלין־גלינג 263
ח. יענער האָט 264
ט. ווער סיהאָט פערל 266
י. איינס, צוויי 267
יא. גלויב ניט 268
יב. פליט אַוועק 269
יג. עס טרעפט 270
אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן 273
חיים נחמן ביאַליק
ביאָגראַפישע דאַטע 291